STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02723

HAIFA

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיפה

יארבוך פאר ליטעראטור און קונסט

1

רעדאגירט:

מרדכי קראשניץ / דוד ראדין

ארויסגעגעבן פון דער חיפהער אפטיילונג
פון יידישן שרייבער און זשורנאליסטן פאראיין אין ישראל

חיפה * תשכ"ג - 1963

„HAIFA"

YEARBOOK FOR LITERATURE AND ART

Published by:
Haifa Branch of Yiddish Authors and Journalists Association in Israel

HAIFA, ISRAEL — P. O. B. 4267

כל הזכויות שמורות לאגודת סופרי ועתונאי יידיש בישראל, סניף חיפה, ת. ד. 4267

מיר — די יידישע שרייבער אין חיפה, אַ הייפעלע, אויף די פינגער צו ציילן, וואס טראגט אין הארצן די ליבשאפט צום קדוש־השמדיקן לשון פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין די תפוצות, די שפראך פון אונדזערע גייסטיקע זיידעס און פארגייער — ברענגען דא אונדזער ערשטן יארבוך, אין דער יידישער שפראך, צו דער עפנטלעכקייט.

נישט קיין אפגעזונדערטער טייל פונעם חיפהער יישוב זיינען מיר, נאר איינגעוועבט אין אים; נישט קיין זייטיקע צושויער זיינען מיר, נאר מיטגייער און מיטבויער פון אלץ וואס איז ערלעך, סאציאל־גערעכטיק און אנשטענדיק. דאס בוך איז אונדזערביישטייער צום חיפהער קולטור־געזעלשאפטלעכן לעבן.

*

מיט וועלכע מיטלען גיבן מיר ארויס דאס בוך?

קודם־כל מיט מסירת־נפש און אידעאליזם; מיטן גלויבן אין דער שליחות פונעם געדרוקטן שעפערישן יידישן ווארט; און דער עיקר דערשיינט דאס בוך מיטן כוח פונעם אייביקן קאמף פאר קיום, פאר המשך.

פון קיינעם האבן מיר נישט באקומען קיין הילף. ריכטיקער געזאגט: מיר האבן פון קיינעם נישט געבעטן. מיר גלויבן, אז ס׳וועלן זיך אפזוכן לייענער; ס׳וועלן זיך אפרופן פריינד, וועלכע וועלן דאס בוך לייענען און פארשפרייטן; וועלן אונדז געבן זייער מאָראַלישע שטיצע און אויך דערמעגלעכן, פון יאר צו יאר, פארגרעסערן, פארשענערן די יארביכער פון די חיפהער יידישע שרייבער.

די יידישע פאלקס־מענטשן, וועלכע האבן תמיד פארפולט די זאלן ביי אונדזערע עפנטלעכע ליטעראַרישע אוונטן, וועלן זיכער דאס בוך באגעגענען מיט הארציקער פרייד און אים געבן א תיקון — לייענען און פארשפרייטן.

מיטן רעכטן פוס, „חיפה״, יארבוך אונדזערער! גיי צווישן די יידיש־לייענער און זאל דיין גאנג זיין מיט מזל!



מארק שאגאל: דעדיקאציע

די צייכענונג פון מאַרק שאַגאַל ווייזט דעם קינסטלער אליין באוויירקט פון דעם גייסט פון משה רבנו, וואס דריקט זיך אויס אין די ליכט שטראַלן.

חיפה זעט דער קינסטלער אין געשטאַלט פון די לוחות און אין זיי די חיפהער בוכטע. אונטן זעט מען דעם קינסטלערס פּאַלעטרע מיט די פארבן.

לייב חיין־שמעוני

די משפחה „צוואנציקער"

ס׳פאַר־פּאַלק, קורט און מאַרטל, געבירטיקע אין מאַנהיים, דייטשלאַנד, האָבן זיך בעת דער צווייטער וועלט־שחיטה, באַצייטנס געראַטעוועט אין דער שווייץ, וואו זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן אָן בירגער־רעכט, ביי רייכע קרובים, אָן רעכט צו אַרבעטן אינעם שיינעם אַזיל־לאַנד, אַזוי ביז 1946. לכתחילה האָבן זיי זיך אַרומגעדרייט ביי די קרובים אין געניף פּוסט און פּאַסט, אויפגעגעסן די לעצטע פּרוטה פון געראַטעוועטן מזומן און צירונג און „אחרי ככלות הכול" געמוזט זאָרגן פאַר ברויט, וואָרום ווי לאַנג קאָנען אַפילו רייכע קרובים בלייבן נישט געשטערט פון „פליכטלינגע"?

אמת, אַז ס׳געלט האָט זיך אויסגעלאָזט, האָט מען זיי נישט משלח געווען פון דער מאַנסאַרדע אונטערן דאַך, וואָס די קרובים האָבן בשעתו אָפּגעראַמט און געשטעלט אין זייער רשות, ווי אָן אייגן ווינקל, קיינעם נישט צו שטערן. זייט דעם 39־טן יאָר, בעת זיי האָבן זיך געראַטעוועט, האָט מען זיי, חלילה, נישט אויפגעהערט צו פאַרבעטן יעדן „שאַבאָס" און „פייערטאָג" צום טיש. נאָך אַלעמען איז די רייכע קרובים ניחא געווען, צו האָבן די אייגענע „פליכטלינגע" אויפן אויג, נאָכדעם ווי דער קוזין הערמאַן, דער בירגער פון געניף, האָט פאַר זיי, פּערזענלעך, ערב געווען אין דער פּערפעקטור, און מתחייב געווען צו זאָרגן, אַז זיי זאָלן נישט פאַלן צו לאַסט די קאַנטאָן־באַהערדן, אַז זיי זאָלן אָפּהיטן אַלע געזעצן פון שווייץ, בעיקר יענעם געזעץ, וואָס פאַרווערט פרעמדע מענטשן צו נעמען, אָדער שטערן דעם וואויל און די פּרנסה פון די אָרטיקע, אייגענע, דורות־לאַנגע בירגער.

אַפילו געזעץ־טרייע, דיסציפּלינירטע בירגער און קאַנטאָנאַלע פּאַטריאָטן מוזן זיך אַמאָל אָן עצה געבן, מחמת פּיקוח־נפש, ווער רעדט נאָך מלחמה־צייט. האָט מען אַזוי ביסלעכווייז איבערגעגעבן קורטן כלערליי פּריוווּליקע פונקציעס, אין דעם הער קוזין הערמאַנס מאַגאַזינען, איבערגעלאָדענע מיט אַרטיקלען פון מילכיקס, וואָס גייט אויף עקספּאָרט, אַפילו מלחמה־צייט. קורט האָט דאָרטן וויליק געטאָן יעדע אַרבעט, געשלעפּט שווערע בלאָקן קעז, פולע קאַסטנס מיט בלעכן קאָנסערוון וכדומה, נישט גענומען דערפאַר געצאָלט אַ פּרוטה, ווי דער פליכטלינג־געזעץ האָט געבאָטן.

מאַרטל ווידער, איז אויך נישט געבליבן מיט ליידיקע הענט; זי האָט

ביסלעכוויז איבערגענומען אין איר רשות די גאנצע הויז־ווירטשאפט פון דער קוזינע שארלאטע, וואס איז זייער אויסגעאיידלט געווארן אין יענע מלחמה־יארן. שארלאטע איז געווארן סובטעל און צארט, א שטיק באשמעקטע, באצירטע רוחניות, ביז נישט קאנען פארבריען פאר זיך אליין, א טעפעלע שאקאלאד, אפגערעדט, פון צוגרייטן דעם פארנאכטיקן קאפע, „שלאַג־זאַנע״, אדער א ביסל קרוכקע „ווינט־בייטלען״.

נאטירלעך האט מארטל אויך נישט געבראַכן די קאַנטאַנאלע געזעצן, און ווי קורט געארבעט פון פינצטער ביז פינצטער אָן געצאלט, מחוץ ס׳עסן פון קיך, וואס זי פלעגט ארויפברענגען צו זיך אין דער מאנסארדע, גארנישט צו דארפן קויפן.

אין יענע יארן, האבן ביידע, קורט און מארטל, שטום געדאנקט דעם הער גאט, וואס האט פארשלאסן מארטלס טראכט, נישט צו האבן א קינד, בעת פריער, איז איר עקרות געווען ביידנס אינטימע אפענע וואונד, אָן אומגליק, אַ שטראָף פון זעלבן הער גאט. וואס וואלטן איצט ביידע געטאן, אין זייער מצב, מיט א קינד?

זיבן יאר זיינען אזוי אוועק — ביז 1946 — אין לעבן ווי אין אַ הינערפלעט; אין ווערן גייסטיק געליימט, אן א פיצל ווילן צו טראכטן פון תכלית; רעזיגנירט אויף אלץ, חוץ אויף ס׳פיצעלע האפענונג, אז מען וועט זיי אמאל צוריקקערן זייער פארלוירענעם רכוש.

אין 1946 האט זיך די האפענונג אויך אויסגעלאשן. ס׳האט זיך ארויסגעוויזן, אז פונעם רכוש זיינען געבליבן בערג ציגל מיט אש און צוויי שווארצע קוימענס. און דא, האט נישט איינמאל קוזין הערמאן, אגב־אורחה׳דיק געגעבן צו פארשטיין, אז די קאנטאן־באהערדן, דערמאנען אים, וואס ווייטער אלץ שטרענגער, אז דער „קריג איזט אוס, און די פאַרוואַנדטע מוזן שאָן הערואוס״.

קוזין הערמאן איז נישט קיין רשע, אומגעקערט, ער איז א פיינער מענטש. האט ער אפגעמאכט מיט זיינעם א באקאנטן סוחר פון אמסטערדאם, א קונד, אז ער זאל זיי, זיינע „פאַרוואַנדטע״ צוטוליען און באשעפטיקן אין זיין מילכיקס־מסחר אין האלאנד, ווי פאכלייט, ער וועט זיי נישט באַוולען.

א ברירה האט מען געהאט? האט מען זיך ווי נישט איז דערקליבן קיין אמסטערדאם, זיך פארגעשטעלט פארן הער וואן־פילד, דעם פיינעם ארטיקן געשעפטסמאן, א יידע, וואס האט זיך מלחמה צייט, אויסבאהאלטן ביי טרייע קריסטלעכע אנגעשטעלטע פון זיין עסק, וואס איז פריער געזעצלעך איבער־געשריבן געווארן ווי ס׳רכוש פון וואן־פילדס נישט יידישן געשעפטס־פירער. באלד נאך דער מלחמה איז דער עסק געזעצלעך צוריק אריבער אין די הענט פון פריערדיקן יידישן אייגנטימער, נישט צו באַוולען זיין טרייען געשעפטס־פירער, פארגיטיקט אים מיט א חלק אינעם שותפות.

בייביידן, ביי קורטן און מאַרטלען, זיינען די לעצטע צייט, אַדורכ־געוועבט געוואָרן די האָר מיט זילבערנע פעדים, קנייטשן האָבן זיך איינגעשניטן צווישן נאָז און באַקן, אַ טיפע עצבות האָט ארויסגעקוקט פון ביידנס אויגן.

קורט האָט פיין געאַרבעט, וואַן־פילד איז געווען צופרידן. דאָ האָט קורט נישט געדאַרפט שלעפן משאות, ווי ביים הער קוזין אין געגנף, ניין, דאָ איז אים אויסגעקומען אויפצופאַסן אויף אַ פאַקהויז, פינקטלעך צו פאַרשרייבן טראַנספּאָרטן אין ביכער און בלאַקן אין עטלעכע קאַפּיעס. קורט האָט געזאָרגט אַז יעדע באַשטעלונג זאָל פינקטלעך אויסגעפירט ווערן. ביידע צדדים זיינען געווען מרוצה, חוץ דער פּאָליציי פון אַמסטערדאַם, וואָס פלעגט יעדע פאָר חדשים נישט פאַרגעסן דערמאָנען דעם הער וואַן־פילד, אַז קורט עט פּרוי זיינען פרעמדע, אַז מדינת־האָלאַנד מיט איר גאַנצער פאַרשטענדעניש פאַר דער יידישער שארית־הפליטה, קאָן זיי שווער אויסהאַלטן מיט דירה און פּרנסה, דער מלחמה חורבן אין האָלאַנד, איז געווען גרויס, און די רעסטאַווראַציע פאָדערט קודם־כל, העלפן מיט אַרבעט, די אייגענע היימלאָזע האָלענדער, די פאַרליטענע בירגער.

אַזוי האָט מען זיך געדרייט ביזן 50־טן יאָר, ווען מען האָט וואַן־פילדן געלאָזט וויסן, אַז קורט מיט מאַרטלען קאָנען פאָרן אין זייער יידישער היים, אין „איזראַעל״, וואָס האָלאַנד סימפּאַטיזירט און ווינטשט איר אַלדאָס גוטס.

★

זיינען קורט מיט מאַרטלען אָנגעקומען קיין חיפה, אין שער־עליה, און פון דאָרטן גלייך אין מושב חמניה, ערגעץ צווישן חדרה און נתניה, וואו ס׳איז פאַר זיי געשטאַנען גרייט אַ דירה, אַ שטאַל, אַ גאָרטן מיט יונגע פּרוכט־ביימער, אַ פאָר צענדליק עופות וכדומה.

קורט מיט מאַרטלען האָבן לכתחילה שווער געגלויבט, אַז דאָס אַלץ איז זייערס, אַז די גאַנצע מעשה איז וואָר: געענדיקט די וואַנדערונג, אָט האָט מען שוין באמת אַן אייגן ווינקל, אַ דאַך איבערן קאָפּ, אַ היים.

ביידע האָבן זיי געשטאַמט פון דורות־לאַנגע בהמות־סוחרים, פאַר וועמען ס׳דאָרף איז נישט געווען פרעמד, ווי דער ריח פון דער ערד, און די דופּט פונעם פעלד. במשך עטלעכע שווערע, מיזאַמע יאָרן, איז זייער ווירטשאַפט געשטאַנען על־תילו ווי אַ מוסטער פאַר אַנדערע. זיי האָבן גענאָסן די פּרוכט פון זייער פּראַצע און געדולד: פאַרמאָגט אייגענע קאַרטאָפל, פּיסטוקעס, צוקער־ריבן, גרינצייג און פּרוכט, חוץ עופות מיט אַ יונגער מילך־קו. ס׳איז זיי אַוועק נישט שלעכט, אַזוי, אַז ביידע האָבן מקיים געווען אַ נדר, אַנגעגומען אונטערוועגס קיין ישראל, אַז אויב מען וועט דאָרטן שלאָגן וואָרצלען — אַדאָפּטירן אַ קינד.

זיי האבן באקומען א יתום פון „עלית הנוער", א שיין, גוט קינד, וואס זיי האבן באלד ליב געקריגן, ווי ס'וואלט ארויס פון מארטלס טראכט, ווי ס'וואלט זיין זייער אייגן בלוט און פלייש.

די ליידיקייט איז פול געווארן. ס'האט זיך געפונען אַן אפלויף פאַר זייער אקומולירטער ליבשאפט, און לאנגע יארן בענקען נאך עפעס, וואס זאל זיי דערהייבן, פול מאכן די פארבארגענע ליידיקייט, געבן דעם לעבן א זין, א תכלית, ס'זאל שטענדיק נישט הענגען פאר די אויגן די אויסגעווייטיקטע פראגע, למי אני עמל? צי זיינען מיר נישט זאט מיט יסורים, מיט עלנט, נאכן פארלירן אלץ פון דארטן, נאכן ארויסגעריסן ווערן צוזאמען מיט די דור־דורותדיקעווארצלען פון יענער היים, וואו אלץ איז אוועקגעקומען, אלץ וואס ס'איז געווען משפחה, אייגן בלוט און פלייש?

מיט איינמאל האט אויפגעשיינט די זון, ס'לעבן האט באקומען א תיקון, א זין — ס'קינד! דער ווייטיק האט זיך איבערגעגאסן אין אַן איינערלעכער פרייד. ס'האבן זיך אויפגעמאכט, בייביידן, אלע קוואלן פון גוטסקייט, ביז צו פארגעסן די גרויע טאג־טעגלעכע דאגות, די שטייערן, די צרות מיט וואסער, מיט זריעה, חשבונות און חובות.

די ערשטע פרייד מיטן קינד, האט פארטריבן די שווערע לאסט פונעם נייעם מושבניק — דאַרפס־מענטש, ס'קינד האט אלץ אויסגעגלעט, אריינגעבראכט איינערלעכע ליכט אין דער נייער היים. ס'לעבן איז אוועק זיין גאנג, ווי אלץ וואלט זיין אויסגערעכט פון פריער: א לעבן מיט פראצע, מיט שבתים, מיט ימים־טובים, מיט א יום העצמאות, מיט חנוכה און פורים, מיט א פאסט־טאג יום־כיפור, מיט פארזאמלונגען און וויכוחים, וואס ס'פלעגט פריערביידן ווייניק אנגיין.

מאנהיים איז אוועק ערגעץ ווייט, ווי א נעפל, א וויסטער חלום, וואס ס'וואלט שוין געדארפט אויסגעקאַרטשעוועט ווערן פון זייער זכרון און געדאנק, אלא, שעפטשעט מארטל צו קורטן: — דארטן איז דאך נאך עפעס פארבליבן — דער יידישער בית־הקברות, וואו צווישן די צעשטערטע קברים, האבן זיך מעשה־נס אויפגעהיטן נישט ווייניק מצבות, בתוכם אויך די רעשטן פוןביידנס עלטערן, און נאענטע קרובים.

ווי ס'זאל נישט קלינגען משונהדיק, קומען אפט צו חלום, א מאל קורטן, א מאל מארטלען, יענע ווייטע מצבות, ווי זיי וואלטן זיך רירן, וועלן אנטלויפן... כאפט מען זיך אויף נאך אזעלכע חלומות אין אנגסטן, באדעקט מיט א קאלטן שווייס. וואס קאָנען זיי טאן? זיי וואגן אזוינס קיינעם נישט דערציילן. „יא, יא", טענהען זיי צווישן זיך אין דער שטיל, מען מוז משלים זיין.

*

ווי אלע קאלאניעס און מושבים אין ישראל, פארמאגט חמניה א רב, אַן עיטור — א צירונג! — א שיינער שלאנקער ייד, א יונגער, א געשטאלטיקער מיט א צוגעפוצטער בלאנדער בארד אין דער מאס, זויבער געקליידעט אין שווארצן, ווי ס׳פאסט פאר א גייסטיקן מנהיג פון א ישוב. זומער טראגט ער פיינע ריפסענע, אדער אלפאגענע אויבער־בגדים; ווינטער, — פון פיינעם שעוויאט, מיט פיין געפוצטע כראמזענע לעטשלעך. דער רב גייט מיט א דריבנעם, לאנגזאמען טראט, — שטיל, בכבודיק. א גרויסע שטאט וואלט געמעגט שטאלצירן מיט אזא רב, א פשיטא אזא קליין מושבל ווי חמניה, א פארווארפן ווינקל, דער גוטער יאר ווייסט וואו.

דער רב פון חמניה איז נאר אויסערלעך רואיק, בעת אינערלעך איז ער דורכאויס איבערלאדן מיט זארג, מיט ווילן און מיט איניציאטיוו צו מעשים־טובים: אט דאַרף מען ברענגען די שול אין ארדענונג, עס זאל נישט פוסטעווען א גאנצע וואך און קוים צענויפברענגען א מנין אין פאל פון א יארצייט; די שחיטה אין חמניה איז ווייט נישט רעגולירט, דער עופות שוחט איז א תימנער, ער איז נישט פון די תלמידי חכמים, און איז אים נישט צום הארצן, בעת א צווייטער שוחט פון דקה־וגסות, אן אשכנזי, איז מער סוחר ווי שוחט; די שחיטה איז ביי אים א ביי־זאך, דער רב קאָן דא קיין סך נישט אויפטאן, ווארום, ווען שעכט מען אין חמניה א בהמה גסה? — אויף ימים טובים, זעלטן אויף א שבת; א מוהל דארף מען ברענגען פון ווייט, מחמת נישט אלע תושבים זיינען זיך נוהג צו לאזן זייערע נשים געבוירן אין שטאט, און צוריקקומען מיט געמלטע קינדער.

אין חמניה זיינען פאראַן יידן פון מזרח, וואס קינדלען אַן עין־הרע און האלטן נישט פון שפיטעלער. די מוטערס פון זייערע יונגע מוטערס, קאָנען אפנעמען א קינד נישט ערגער ווי אַן אקושערקע, אדער, די שעה זאל נישט זיין, נישט דארפן זאל מען, — א דאָקטאר. שטעלט אייך פאר, אז חמניה האט נישט עד־היום קיין בית־טבילה, שומר שמים!

ס׳מאכט זיך א חתונה, ס׳מאכן זיך תנאים, א פדיון־הבן, און נישט געדאכט זאל זיין, דאס אומגעקערטע, א לויה, א רב מוז זיין אומעטום. און וואו זיינען די זארגן פון די זמנים, ווי מצות, חרוסת, מרור, לולבים, אתרוגים מיט הדסים, הושענות וכדומה?

דער פארוואָרלאזטער רעליגיעזער חנוך אין אָרטיקן בית־הספר, לאזט אים, דעם רב, אויך נישט רוען; ווידער, מיינט נישט, אז די מערכה מיט שאלות, איז אזוי לייכט און פשוט אין אזא חמניה: — א נאדל אָדער א טשוועקל אין א פופיק, אדער אין א לעבער פון אַן עוף, ווער רעדט נאך פון א גאנדז אדער אַן אינדיק, איז שומר שמים! ווי א רב, א ירא־שמים, מוז ער אזא עוף טריף מאכן, בעת די בעל־דבר׳ס ווילן אים דערפאר צערייסן.

„רבי, לעכטיקער רבי! האט גאט אין הארצן, ס'איז גזילה", שרייען זיי. היינט פרעגט נישט, די שעה זאל נישט זיין, אז מען שעכט שוין איינמאל אין א יובל א קעלבל, אדער א קיעלע, און מען געפינט סרחות מיט פגעים אין די לעבער, און די לונג פייפט... צינדט זיך אן דער קצב, ווי א גזלן, ער וואלט דעם רב קורע־כדג געווען, ווי ער, דער רב, וואלט געווען שולדיק.

געבר̱ענטע צרות האט דער רב אין חמניה מ̱יט די עטלעכע יעקישע משפחות, און מיט די אזוי גערופענע עולים, די געוועזענע קאצעטניקעס, וואס האבן זיך געלאזט קאלאניזירן. זיי האבן בכלל נישט קיין גאט אין הארצן. זיי טוען דעם רב א טובה, צו קומען אין א יארצייט, געשווינד אפפרעפלען א דאווענען, א̱ון זאגן קדיש. זיי טוען אפילו א טובה, צו קומען ימים־נוראים אין שול צו יזכור. זיי היטן נישט אפ מילכיקס מיט פליישיקס, די כלים זיינען ביי זיי אויסגעמישט ווי ביי גוים. קומט צו מעשר און תרומות, וואלטן זיי דיך געממיתט:

„ווידער גזילה"! גוואלדעווען זיי, — „נעם און פארלענד טייערע גרינ־צייג! נעם און ווארף אוועק טייערע פרוכט!"

מיט ציטער דערמאנט זיך דער רב די פרשה „ערלה" פון אנומלטן, וואס האט אים שיעור נישט געמאכט פאַר אויס רב און אפשר אויך, אויס מענטש... בקיצור:

דער מושב האט פארפלאנצט א בשותפותדיקן וויין־גארטן. אז ס'האט געהאלטן ביי ביכורים, אויפן דריטן יאר, האט זיך דער רב, בכבודו ובעצמו, געלאזט גיין אין וויין־גארטן. די היץ איז געווען גרויס, דער וועג איז נישט געווען קיין וועג, ס'איז געווען א זאמדיק שטעג, מיט דערנער און צאברעס פון ביידע זייטן. איז דער רב געקומען אויפן ארט דורכגעגעצט פון שווייס, פארשטויבט, צעפלאמט, דורשטיק, אָן אטעם. ער איז געקומען ווארענען די מושבניקעס, נישט צו נוצן די ערשטע פרוכט, וואס ס'איז ערלה; ער האט נישט געשאנעוועט זיין געזונט, געוואלט זיי מציל זיין פון א שווערע עבירה, וואס שמעקט מיט כרת־יארן.

שטעלט אייך פאר דעם קבלת פנים, וואס דער רב האט דארטן געהאט! די גראבע־יונגען האבן אים משלח געווען פונעם שטח:

„וואס שטעקט איר אייער פרומע נאז מחוץ לתחום המושב? ווער דארף אייך דא האבן? ווער האט אייך געבעטן זיין א רב אין פעלד? דער מושב גופא איז אייך קנאפ? גייט אייך, רבי, געזונטערהייט א היים און לאזט אונדז צו רו! די נשמה̦ איז אונדז ארויס ביז מיר'ן דערלעבט צו זען די ערשטע טרויבן, קומט דער זיי אַסרן לאכילה!"

האט זיי דער רב פרובירט עצהנען די פרוכט פארקויפן צו א גוי, האבן זיי צוריק געענטפערט: — „גייט אייך רבי א היים, כל זמן סאי׳ גיש׳צו שפעט. וואו האט איר דא גויים? דא איז ערעץ־ייסרועל, מיר זיינען זאט מיט גויים."

איז דער רב אוועק בבושת פנים. דערפאר אבער האט ער יענעם שבת געשטורעמט די שול, מכריז געווען, אז די ערלה־וויינטרויבן, זיינען בחזקת „נבילה־וטריפה".

— האט רחמנות אויף אייערע ווייבער און קינדער! האט דער רב געדונערט. — אויב איר זייט אמעראצים, און פרעסט אליין די ערלה, טא זייט נישט מחטיא אנדערע, לאזט עס נישט פירן אין שטאט!

אז ס׳האט גארנישט געהאלפן, האט זיך דער רב געווענדעט צו די שטאטישע פרוכט־איינקויפער, אז זיי זאלן נישט קויפן די ערלה פון חמניה. נאכמער, ער האט זיך נישט געפוילט שרייבן צו דער לייטונג פון באראָנס וויינקעלער אין זכרון־יעקב, זיי זאָלן נישט טרעטן די ערלה אויף וויין.

דער רב האט געשריבן לאנגע בריוו צום נאענטן שטאטישן ראבינאט, וואס האָט אים, בתשובה, געראטן אנשרייבן א „קול־קורא", אנצוקלעפן אויף דער טיר פון שול, אז „ס׳איז סכנת־נפשות" — ס׳האט אויך נישט געהאלפן. איצט שטעלט אייך פאר, ווי אין א שיינעם אוונט זיינען געקומען צו אים, צום רב, אין דער היים, א כאפטע מושב־יונגען, וואס האבן אים אפן געזאגט:

„רררבי, אדער איר וועט באארבעטן דעם כררם און אפפינצטערן דררריי יארר, און באגרראבן אלע אפשפאררונגען, ביז צו דעררלעבן זען א טררוויב, אדער לאזט אונדז צו ררררו! איר האט א ברריררה! — אויב דער כררם געפעלט אייך נישט, זוכט אייך א בענקל אין אַן אנדער אָררט, אין אַ פררומערן מאָישעוו"...

דער רב האט זיך נישט אונטערגעגעבן און געפאדערט הילף, פונעם הויפט־ראבינאט אין ירושלים. ס׳האט זיך אזוי לאנג געטומלט און געררודערט ביז ס׳איז אוועקגעלאפן א יאר, און ס׳איז געווארן אויס ערלה...

די אלע צרות האבן מיט גארנישט געווירקט אויפן רב׳ס אויסערלעכקייט: די באקן האבן געבליט, זיין געשטאלט האט זיך געררונדיקט, און זיין גאנגעלע איז געבליבן בנעימותדיק ווי שטענדיק, אלא, זיך צו בארואיקן, האט דער רב גענומען רויכערן ציגארן, כדי ווייטער אנצוגיין מיט זיין הייליקער ארבעט. אמת, ס׳רויכערן איז א שטיקל עולם־הזה. אבער די הלכה פארווערט נישט, מעג זיך עס דער רב פארגינען.

ווי געזאגט, האט דער רב פון חמניה גהאט די גרעסטע צרות נאר פון די עולים פון אייראָפּע און דייטשלאנד — פון די יעקעס און געוועזענע קאצעטניקעס, וועמען ער מוז איינציקווייז, אזוי צו זאגן, „אינדיווידועליש" באהאנדלען. (ס׳וואָרט „אינדיווידועליש" שטאמט, פון איר, פון דער רביצן, זאל געזונט זיין.) יעדעס פיצל יידישקייט, האט ער זיי געדאַרפט האמערן, אריינהאמערן אין די קעפּ ווי א שמיד אויף א קאָוואַדלע.

„יא, יא"! האבן זיי אים שטענדיק געגעבן רעכט, אלץ צוגעזאגט און גארנישט מקיים געווען.

דער רב, האט לאנג נישט געקאנט פארגעסן א פרשה, מיט „חלה־נעמען", אין דער אַרטיקער בעקעריי. דער בעקער איז געווען א יעקע. ס׳האט זיך געדוכט דעם רב, אז אט, אט האט ער אים שוין איבערצייגט, אז מען מוז „נעמען חלה", פון יעדער פארקנאטענער מיירע טייג, אלא, דער בעקער, האט אים בשום אופן נישט געוואלט געבן זיין ערן־וואָרט, אז ער וועט נישט פארגעסן אפצופּן ס׳שטיקל טייג און ווארפן אין פייער. דער רב האט גערעדט, געמאָנט און דערמאָנט, אבער דער בעקער האט קיין חלה נישט גענומען.

קורט מיט מארטלען פלעגן שטיין אן א זייט, זיך נישט געמישט אין אזעלכע ענינים. בעת דער רב פלעגט זיי וועגן עפּעס מוסרן, פלעגן זיי אָן דינגעניש, ווי די אנדערע, צובאמקען: — „יאָ, יאָ, הער ראבינער", אזוי ביז דער פארוויקלונג מיט די קראַליקעס, וואס האבן זיך גענומען פארשפרייטן אין חמניה, ווי א מגיפה.

די קראַליקעס האבן זיך געפלאדיעט ווי היישעריקן, אין יעדן הויף. — אין יעדן הויף, א שטייג מיט שרצים! מען שעכט זיי אין אָוונט, מען פרעסט עס מיט הנאה, כאטש ס׳האט א טעם פון קאצן־פלייש. צו מארגנס שעמט מען זיך נישט אנציען און טריקענען זייערע פעלכלעך פארן שיין פון דער ליכטיקער זון פון ישראל.

לכתחילה, האט זיך קורט אויך איינגעשאַפן אזא פאַרל, ליבע, סאמעטענע באשעפענישן, ווי א שפילכל פארן קינד. פארן קינד, איז א קראַליקל א שטיק פרייד: ס׳שפרינגט, ס׳וויברירט מיטן נעזל, מיט די וואָנצעלעך, ס׳טוליעט זיך ווי א קעצל. פארוואס זאלן קורט מיט מארטלען מצער זיין א קינד, אפנעמען פון אים אזא פיצל הנאה? מיט וואס זאל עס שטערן דעם הער ראבינער? נאך אלעמען איז קורט נישט פון אייזן: אלע האדעווען קראַליקעס, אלע האבן הנאה פון זיי; ווער רעדט נאך, אז זיי ברענגען אריין א פּאָר פונטלעך זייטיקע הכנסה — פארוואס זאל קורט זיין אַן אויסנאם? האט זיך קורט נוהג געווען ווי אלע: אנטוויקלט א נייעם צווייג אין זיין ווירטשאפט — קראַליקעס.

ווי באלד אזוי, האט אים דער רב געגומען באהאנדלען „אינדיווידועליש", איינרעדן און בעטן, ער זאל ארויסווארפן די טמאדיקע שרצים פון זיין משק. דער רב האט זיך נישט געפוילט באזוכן קורטן, איינמאל, נאכאמאל, א דריטן מאל, איינגעטעטנהט מיט גוטן, מיט בייזן: „היתכן, אדון קורט, איר אויך"?

קורט פלעגט אויפנעמען דעם ראבינער בכבוד, אים פארבעטן צום טיש, אליין מיט מארטלען בלייבן שטיין פארכטיק, אויסצוהערן דעם רב'ס נישט פארשטענדלעכע פסוקים, און ארגומענטאציע, נאכער, פרום צושאָקלען מיט די קעפ:

„יאַ, יאַ, הער ראבינער, יאַ, יאַ".

פלעגט דער רב אוועקגיין צופרידן, מיט דער מחשבה, אז מיט זיי, איז ער שוין פארטיק, אלא, צו זיין צער, פלעגט ער א פאר טעג שפעטער, ווידער זען, אז אין קורטס הויף שפרינגען ארום די שרצים, און ס'קינד, דאס יתומל, שפילט זיך מיט זיי.

איין זאך האט דער רב יא אויפגעטאן: אנגעקלאפט א מזוזה אויפן אושאק פון זייער טיר. אין דעם פאל האט קורט קאַלאַבאָרירט, ער האט ארויס־גענומען פון רב'ס איידעלער האנט ס'האמערל, און די מזוזה אליין אָנגעקלאַפּט, ווי דער רב, האט קורט א וויש געטאן די שפיץ פינגער אויף דעם אויס־געשטאנצטן הייליקן „שדי", און זיי א קוש געטאן. מארטל האט אים פרום נאכגעטאן. נאכמער, קורט האט אויפגעהויבן ס'קינד און געהייסן מיט די ליפעלעך א קוש טאן די מזוזה.

אזוי האט דער רב געיידישט זייער שטוב, בעת קורט מיט מארטלען האבן זיך לייכט פארנייגט צו זאגן: „דאַנקע פילמאַלס, הער ראבינער, דאנקע שיין". און בשכר זה, בשכר אזא גרויסע מצוה, האט מארטל, פרייטיק, געבראכט דער רביצין א צענדליק פרישע אייער, און נישט גענומען א פרוטה געצאלט.

דער הער גאָט האט זיי געהאלפן, מעגן זיי צוריקדינען דעם הער און פרוי ראבינער, פארן הייליקן תשמיש ביי דער טיר: „יאַ, יאַ, פראָען, גוטן שאַבאַס ליבע פרוי ראבינער".

מן השמים איז געקומען די ישועה אין חמניה. אזוי גיך ווי די קראליקעס האבן זיך פארשפרייט, אזוי גיך זיינען זיי נישט געווארן. ביסלעכווייז איז אויפגעקומען אין לאנד ישראל א שפע פון עופות. דער גרעסטער אפיקורס וועט נישט לייקענען, אז בשר־עוף, איז געשמאקער און אנגענעמער פון קרא־ליק־פלייש, א פשיטא, אז הינער זיינען געווארן ביליק. דער עולם האט אויפגעהערט קויפן קראליקעס, ווייל ווער עסט עס פון נחת, אזא מין קאַצן־פלייש? ס'איז נישט צו פארגעסן, אז דעמאלט איז אין ישראל געווען א דוחק

אין פלייש, א מענטש פלעגט קריגן אויסגעטיילט 150 גראם א חודש; ווער ס'האט געוואלט מער, האט געמוזט אנקומען צום שווארצן מארק און צאלן דערפאר ווי פאר גאָלד.

צום סוף זיינען דערהערט געווארן די תפילות פונעם רב אין חמניה: ס'האט אויסגעבראכן א מגיפה, וואס האט פארלענדט ס'רוב פון די דאזיקע חיהלעך אין שרון — אַן אצבע אלהים! דארטן וואו די מגיפה האט נישט דערלאנגט, האבן די אייגנטימער אליין פארצערט, אדער אויספארקויפט פאר א שיבוש, זייערע קראליקעס, צעבראכן און פארברענט די שטייגן, וחסל סדר טמאדיקע שרצים.

אחרי ככלות־הכל, האט דער רב פריי אפגעאטעמט אבער נישט אויף לאנג. דער רב איז ווידער געווארן אומרואיק: ער האט זיך דערוואוסט, אז זיינע מושבניקעס זיינען נישט מדקדק אין די ענינים פון בכורים ביי בהמות; חלילה נישט צו להכעיס דעם רב, אודאי נישט דעם רבונו של עולם, נייערט, פשוט, מחמת אמעראצעס, מחמת אומוויסן, וואס טוט מען?

האט זיך דער רב געמאטערט מיט דעם פראבלעם א גאנצן זומער, ביז שבת־תשובה, ווען די שול פון חמניה איז פולער, ווי אין די שבתים פון א גאנץ יאר, — ס'איז נאענט צום יום־הדין, צו יום־כיפור. אזא שבת, באלד נאכן לייענען, האט דער רב אפגעהאלטן זיין טראדיציאנעלע, מוסר און התעוררות־דרשה, און האט אריינגעפלאכטן אין די רייד, די פרשה בהמות, אזוי צו זאגן:

„מורי ורבותי, אחינו בני ישראל, מכל העדות והארצות! הרידער יידן פון מזרח און פון מערב, — פון אומעטום! אזוי און אזוי, אזוי און אזוי. אין צוויי טעג ארום קומט דער גרויסער יום־הדין, יום הכיפורים, ווען אין דער הייך, במרומים, ווערט געשריבן און געחתמעט — מי ימות ומי יחיה, מי באש ומי במים, און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער."

אין אזא שבת טוען זיך אן מארטל מיט קורטן, אין זייערע בעסטע בגדים, און גייען צום „גאטעס־דינסט", צוזאמען מיט די שכנים און נעמען מיט ס'קינד. זיי גייען אין שול, ווייל אלע גייען. בעת, בדרך כלל, זיינען זיי נייטראל צו דער „רעליגיאן".ביידע זיינען נישט פרום, נישט אפיקורסיש, כאטש זייער גלויבן האט זיך שטארק א טרייסל געטאן, נאך אלֶע ביטערע נסיונות, וואס זיי האבן איבערגעלעבט און געזען, ביז זיי זיינען אנטרונען קיין שווייץ. זיי האבן געזען, ווי מען האט מבזה געווען דעם צלם־אלהים פון מענטשן, פאר דער איינציקער זינד פון זיין א ייד.

זיי האבן געזען ווי מען האט געפירט זייער גאטזעליקן ראבינער, פון

מאנהיים, איבער די גאסן, באַרוועס, אן א הוט, אין די אונטערוועש, א צעבלוטיקטן, מיט א שילד אויפן האלדז: „איך בין א יודע."

זיי האבן געזען, געשענדעטע, צעבלוטיקטע יידישע טעכטער; זיי האבן אין איינעם א זונטיק, געזען, זייער שכנטע ליזל, די פרומע קריסטין, די בעסטע, די מענטשלעכסטע דייטשקע פון שטאט, ווי מען האט איר, נאך דער „גאטעס־דינסט", ארויסגעשלעפט אין מיטן קלויסטער־פלאץ, וואו מען האט געריסן, אירע גאלד־קאלירטע צעפ; זיי האבן געזען, ווי מען האט איר נאכדעם געשטעלט אויף די קני, אפגעגאלט איר צעבלוטיקטן קאפ, אראפגעריסן די קליידער, איר געלאזט שטיין נאקעט, מיט די ברוסטן אין דרויסן.

נאך דעם גרויל, האט מען איר אויסגעפאטשט, אנגעשפיגן אין פנים, און אנגעטאן אויפן האלדז, א שילדל, מיטן אויפשריפט:

„איך בין איינע יודען הורע" — — — — ווייל מען האט ביי איר אויפן בוידים געפונען אויסבאהאַלטן דעם אלטן יידישן קינדער דאקטאר, פון יענעם קווארטאל, וואס האט זיין גאנץ לעבן געהיילט און געראטעוועט, בלוט־ריינע, ארישע דייטשן־קינדער, בתוכם, איר זון דעם איצטיקן ס.ס. „צוגס־פירער". דער יידישער דאקטאר, האט נישט איינעם פון די נאצי־ממזרים געראטעוועט פון טויט, און דערפאר האט מען געשענדעט ליזלס לייב, איר געשטעמפלט ווי א „זונה", געפירט א נאקעטע איבערן גרויסן קלויסטער־פלאץ.

„דו ליבער הער גאט", האט מארטל געוויינט, — „ווי שיין ס'איז געווען ליזלס נאקעט, געשענדעט לייב, ליכטיק ווי די זון"! איר נאקעט לייב האט משוגע געמאכט די נאצישע בעסטיעס. משוגע פון הינטישער תאווה, זיינען זיי איר נאכגעלאפן און געוואיעט ווי וועלף: „הייל, זיג־הייל, הייל, זיג־הייל"!

צו ליזלס גליק, איז יענעם טאג, איר נאצי־זון געווען באשעפטיקט, מיט אַן ענלעכער מלאכה, אין א צווייטער שטאט, ווען נישט וואלט אים אויסגעקומען צו שענדן זיין אייגענע מוטער, איר שפייען אין פנים, און פאסעווען די ברוסטן, וואס ער האט געזויגן.

אלס הינטערגרונט פאַר דער אינקוויזיציע פון דער פרומער קריסטין, איז געשטאנען אין פייער די יידישע סינאגאגע. די פלאמען מיטן רויך, האבן זיך געריסן צום הימל, פארטונקלט די זון, ווי בעת א ליקוי־חמה...

קורץ, וואס האט עס אויך צוגעזען דורך א שפארע פון א לאדן, האט ביז בלוט ארייַנגעדריקט זיינע נעגל אין אייגן לייב און פארשטיקט געמורמלט:

„דו ליבער הער גאט וואס שווייגסטו"!

„יאָ, יאָ ליבע גלויבנס־גענאָסן", האָט זיי שפּעטער, אין אַ יום־כּיפּור טאָג, געטרייסט דער ראַבינער פון געגנפער סינאַגאָגע: „יאָ, יאָ, דער הער גאָט האָט זיין אויסדערוויילט פאָלק ישׂראל, געשטעלט פאַר אַ שווערן נסיון, ווי אַמאָל דעם פאָטער אַווראַהאָם, פאַר דער אַקיידאָ פון זיין איינציקן זאָן, איצכאָק, יאָ־יאָ"!

*

איצט, יאָרן שפּעטער, זיינען קורט מיט מאַרטלען, געשטאַנען פאַרגלי־ווערט, אין דער שול פון חמניה. ער, צוזאַמען מיט אַלע מענער מתפּללים, זי, מיטן קינד הינטערן פאָרהאַנג, אין דער עזרת נשים. ביידע האָבן געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן, געזען פאַר זיך זייער גאָטזעליקן ראַבינער, אין די גאַסן פון מאַנהיים, אין די אונטערוועש, אַ צעבלוטיקטן, מיטן שילד „יודע" אויף דער ברוסט. זיי האָבן אים געזען גיין זיין לעצטן גאַנג — — — איצט שטייט דאָ דער רב פון חמניה אויף דער בימה, שיט ווערטער וועגן „דאָס און יענץ", ביז, ביז ער קומט צו דער פּרשה בכורים פון קי:

„יאָ, ברידער ייִדן! קי וואָס ווערן מעוברת, בדרך הטבע, הערן אויף צו געבן מילך אין די העכערע חדשים פון זייער הריון, נאָכדעם קעלבן זיי זיך בדרך הטבע. יאָ, יאָ, אחינו בני־ישׂראל, מכּל העדות ומכּל הארצות, צוזאַמען מיט די ברידער יודען פון אשכּנז־דייטשן־לאַנד — די קי קעלבן זיך, ככל בעלי חי; זייערע ערשטלינגען זיינען בכורים", האָט דער רב אויסגע־זונגען מיט אַ ניגון; — „די בכורים פאַרקויפט מען די קצבים, אָדער מען פאַרברויכט אַליין זייער בשׂר, וואָס איז, לויטן דין, אסור בהנאה! מען טאָר זיי נישט געברויכן! נישט זייער פליש, נישט זייער פעל! מען טאַרנישט, אויב מען לייזט זיי פריער נישט אויס. קצבים־יונגען מאַכן זיך נישט וויסן פונעם דין, זיי קויפן די בכורים גלייך פון שטאַל אַרויס, און זיינען אייך מחטיא. אַלע קצבים ווייסן יאָ פון דין, בעת אַ סך פון אייך, ווייסן נישט, ווי זיי ווייסן נישט, אַז פליש פון נישט אויסגעלייזטע בכורים, איז בחזקת נבילה וטריפה און שטעלט אין סכנה ס'לעבן, צוזאַמען מיטן חלק עולם הבא. עסן אַזאַ פליש, ברענגט צו כּרת־יאָרן! הלמאי. אחינו בני־ישׂראל, זאָל מען לעבן אין פּחד פאַר כּרת־יאָרן, אין פּחד פאַרן גהינום, בעת מען קאָן, מען קאָן עס פאַרמיידן. מורי ורבותי! מען קאָן מאַכן אַ „פדיון", מ'קאָן אויסלייזן די בכורה־קאַלב, און עסן כּשר פליש"!

אַזאַ דרוש האָט געווירקט. אין שול איז געווען שטיל, אַז מען האָט געקאָנט הערן ווי אַ פליג פאָכעט מיט אירע פליגעלעך. פאַרן עולם פון חמניה, איז אַזאַ זינד געווען אַ חידוש, אָן איבערראַשונג. קורט מיט מאַרטלען, האָבן כּמעט ווי נישט תּופס געווען דעם זין פון רב'ס פּריידיקן, אַלאַ, גוטע מענטשן האָבן פאַר זיי אַלץ צעלייגט און פאַרטייטשט, ביז זיי זיינען אַוועק צעטומלטע...

אט רעדט דער הער ראבינער אזעלכע רייד, בעת זייער קו, „חאסיע", דארף אט, אט, זיך קעלבן מיט איר ערשטלינג, זיי וועלן דארפן מאכן אזא „פדיון־הקאלב", ווי דער הער ראבינער האט געבאטן.

„יאָ, יאָ. איינע באלעסטיקנדע געשיכטע", האט צום סוף קורט געזאגט צו מארטלען, גייענדיק פון שול א היים.

אין חמניה האט מען שוין געפּילט דעם ערב יום־כיפור, די הכנות צום „כל־נדרי" אוונט און צום מארגנדיקן גרויסן טאג, — צום „יום־הדין". מען האט באצייטנס געוואָרפן די ארבעט, איידער די זון האט דערגרייכט דעם זעניט. אין דרויסן איז געווען מחיהדיק קיל, די לופט האט געשמעקט מיט צייטיקע גויאַוועס, מיט עפל און אתרוגים, מיט פריש געאקערטן פעלד, מיט אנהויב הארבסט. פון די פּרדסים האָט זיך געטראגן אַן איידעלער ציטרוס דופט, און פון די היימען — אלע גוטע ריחות פון יידישע מאכלים צום פארפאסטן און אויף מארגן אנצובייסן.

קורט איז געשטאנען אין הויף האלב אויסגעטאָן, מיטן קאפ אונטערן שטראם פון קראן. ער האט זיך געזייפט, געריבן און געוואשן, געוואלט אראפקראצן די וואכעדיקייט פון זיין ברוינער הויט, זיך מטהר זיין צום גרויסן „פייערטאג".

מארטל ווידער, איז שוין געווען פארטיק מיט אירע הכנות. זי האט שוין געהאט געדעקט דעם טיש, אוועקגעשטעלט א פולן בלומענטאפּ און די לייכטער מיט ליכט, זי איז שוין געווען ארומגעוואשן און אנגעטאן אין בגדי־חג. אין א ווינקל אויף א רונדן טישל, איז געשטאנען גרייט צום צינדן א נשמה־ליכט, לזכרון די אויסגעהרגעטע און אויסגעשטארבענע משפחות, און לזכר די אומגעבראכטע, אומבאקאנטע עלטערן פון אדאפּטירטן קינד, וואס איז רואיק געזעסן, און געווארט אויפן אבא, וואס ענדיקט אין דרויסן זיין טואלעט.

ביים פאַרפאַסטן, האט מען אנגעקלאפּט אין טיר. צו זייער שטוינען, האט זיך באוויזן דער רב, וואס האט צופרידן א וויש געטאן די מזוזה און שמייכלענדיק, מיט א סאמעטענער שטימע, זיי געוואונטשן א „גמר חתימה טובה", נאכדעם, אגב־אורחהדיק, א פרעג געטאן, צי זיי האבן גוט פארנומען זיינע רייד שבת אין שול.

האט דער רמז פון רב, ווי ארויסגעטריבן די פייערלעכקייט פון זייער ערב־יום־כיפורדיקער שטוב. מארטל האט זיך איבערגעוואונקען מיט קורטן, און ווי שטענדיק, זיך אויפגעשטעלט לכבוד אזא גאסט, און געענטפערט:

— יאָ, יאָ, הער ראבינער, „לעשאָנא טאָוואָ", הער ראַבינער.

איז דער רב אוועק און איבערגעלאזט נאך זיך אַן אומעט און די שטאל

מיט דער קעלביקער קו, וואס איז בעת־מעשה געשטאנען און מעלה־גרהעט זאפטיקע היי, הנאה געהאט פון דער באוועגלעכקייט, און אנגעקוואלענער שווערקייט אין איר טראכט.

„יא, יא", האט קורט איבערגעחזרט ביים זעצן זיך צוריק צום טיש.

„יא, יא", האט מאַרטל געענטפערט ביים נעמען אָן חשק ס׳לעפל אין האנט.

אזוי האט זיי די שטאל, מיט דער קו, נישט צורו געלאזט ביז נאך נעילה, ווען דער רב מיט עטלעכע עלטערע תושבים פון חמניה, זיינען געשטאנען אין טליתים און קיטלען אין דרויסן, ביי דער שוועל פון שול, זיך אויסגעטענהעט מיט דער לבנה, וואס האט אראפגעקוקט א שמייכלדיקע פון אויבן. דער שמועס מיט דער לבנה, איז פאר קורטן מיט מארטלען אויך געווען ווי א חידוש,ביידע האבן נישט געהאט קיין שום טענות צו דער לבנה פון ישראל, בעת זיי זעען דא, ווי דער הער ראבינער מיט נאך יידן שטייען און טענהען צו איר, אונטערשפרינגענדיק:

„שלום עליכם, עליכם שלום."

„שלום עליכם, עליכם שלום."

*

נאכן אוונט־עסן, נאכן לייגן ס׳קינד שלאפן און ברענגען דעם טיש אין ארדענונג, זיינען קורט מיט מארטלען אוועק צו א שכן, אָן עלטערער ייד פון אמאליקן פוילן, וואס איז נאך געזעסן מיט דער משפחה ביים סעודה־טיש. די ליכט האבן געברענט, ס׳איז געווען מנוחהדיק און יום־טובדיק, א מחיה:

„זאלן די ליבע נאכבאר נישט נעמען פאר אומגוט, וואס מיר שטערן".

„חלילה, חלילה, שכנים, לאמיר מאכן א לחיים אויף א גוטן, געזונטן יאר."

האבן זיך ביידע דערמוטיקט מיט דער פריינדלעכער אויפנאמע און האבן דערציילט וועגן זייער אומרואיקייט: זאל זיי דער ליבער נאָכבאָר געבן אָן עצה, ווי אזוי צו דערליידיקן דעם ענין מיט דער שוואנגערער „חאסיע"; זי דארף זיך, אט, אט, קעלבן; און אויב זי וועט געבוירן א זכר, וואס זאלן זיי טאן, אז ס׳זאל שטימען מיט דעם, וואס דער הער ראבינער האט „שאַבאַס" געזאגט — „קעדין וקדאָס מוישע ווערישראל" — חלילה קיינעם נישט שאדן צו ברענגען און נישט צו פארפירן גלויביקע יידן.

האט דער עלטערער, „אסט־יודע" זיי בארואיקט און א צעשמייכלטער, ווייטער מכבד געווען מיט אליין־געמאכטן וויין און מיט האניק־לעקעך צו פארבייסן — א סגולה אויף א גוטן, פריילעכן יאר — און האט זיי געענטפערט, אזוי צו זאגן:

„איינפאך, מיינע שכנים. מען נעמט די שוואנגערע בהמה און מען פארקויפט זי מכלומרשט צו א גוי, ווי מען פארקויפט ערב פסח דעם חמץ, פאר א שיבוש, פאר עטלעכע שילינג; דער גוי גיט דיר ס׳געלט, פירט מכלומרשט אוועק די קו, ווי ס׳וואלט שוין געווען זיין אייגנטום, אלא, מען גייט אים נאך פון ווייטן; נאכדעם רופט מען אים צוריק, און מען „קויפט" אפ די קו צוריק; מען גיט אים זיינע פאר שילינג, מיט א צוגאב שכר־טרחה, ווי מען וואלט געקויפט ביי אים א נייע קעלביקע בהמה, אויף וועלכע ס׳איז נישט חל דער דין פון „פדיון בכורים"; — אזוי, ליבע שכנים, ווערט די קו צוריק א כשרע ווי אלע יידישע קי, און די קאלב, מירצעשעם, ווערט א כשרע קאלב, ווי אלע יידישע קעלבער, אייער עולם־הבא איז מער נישט איינגעשטעלט, און אויך דער הער ראבינער וועט זיך זיכער בארואיקן".

„יא, יא", איז אויפגעשפרונגען קורט. — „אבער ליבער נאכבאר, דאס איזט דאך איין אונזין, איין בעטרוג, אבער"...

„בארואיק זיך שכן, נעם זיך נישט צום הארצן, פרעג נישט קיין קשיות, טו ווי די חכמים האבן געלערנט, ווי מען מאכט מיט חמץ"...

„אבער ליבער נאכבאר", האט מארטל איבערגעריסן, „וואו נעמט מען דעם גוי?"

„דאס איז שוין צו דער זאך, ליבע שכנים", האט ער געלאסן געענטפערט. „אבו עלי באשיר, פון טייבה, וואס ברענגט אונדז תבן (סעטשקע), ווייסט שוין אלע אונדזערע דינים פון מכירת־חמץ, פון סכך אויף סוכות, פון הינער אויף כפרות, פון טריף געווארענע עופות און בהמות, נאטירלעך אויך פון אויסלייזן א בכור — א קאלב. אבו עלי קומט אלע וואך איין חמניה מיט זיינע באלאדענע קעמלען. מארגן וועט ער זיכער קומען מיט סכך און תבן, מיט לולבים, און מיט ערבות — „שיינעס". ער ווייסט אלץ, מיינע ליבע שכנים, איר וועט מיט אים דערליידיקן דעם ענין, אויב אייער קו וועט האבן שכל, און זיך נישט קעלבן פריער, איידער ער וועט קומען".

„פילן, פילן דאנק, נאכבאר! לשאַנאַ טאַווא! יאַ, יאַ, פילן דאנק"! זיינען ביידע אוועק א ביסל צעטומלט, פירנדיק אונטערוועגס א היים א קורצן שמועס:

„ווי געשיקט, זיי זיינען, די „אָסט־יודן"! האט מארטל געזאגט.

„זאָ וואַס, זאָ אַיינע מייסע, זיי זיינען ווירקלעך געשיקט, די אסט־יודן", האט קורט געענטפערט.

*

אבו עלי באשיר, פון דארף טייבה, אין „משולש", איז יענעם ערב־סוכותדיקן באגינען געווען אין א געהויבענעם מצב־רוח: דער שניט איז דאס יאר אויס־געפאלן גוט, די גרינצייג געראטן; א ברכה איז געפאלן אויפן טאבאק, וואס די „יהוד" האבן אויסגעכאפט פארן שניט, פיין באצאלט פאראויס, אפילו צו דעקן דעם צאל־שטייער, אויף זייער חשבון. איצט ווארעמט זיך ביי אים אין בוזים א שמאל קאלירט פאפירל — א טשעק, אויף עטלעכע מאות פונטן, וואס ער וועט היינט אויסלייזן אין דער פאסט־באנק.

אבו עלי ווייסט ווי נישט צו פארלירן אַן אומזיסטן גאנג, זיכער נישט א גאנצן טאג ארבעט; ער ווייסט, אז ערב „אַאיד־אל־דזשאַדזש" (דער יום־טוב פון די הינער, — יום כיפור), דארף מען ברענגען אין דער קאמפאניע (מושבה) ווייסע יונגע עופות, בעיקר הענער; די „יהוד" כאפן זיי פון די הענט, און צאלן, זיך נישט צו דינגען ווי א גאנץ יאר, נישט צופיל צו טאַפּן, אפילו נישט צו בלאזן אונטערן עק... ער ווייסט, אז באלד נאך „אאיד־אל־דזשאדזש" פאלט אויס סוכות, דארף מען חוץ די געוויינלעכע פראדוקטן, ברענגען סכך, לולבים, הדסים, ערבות וכדומה. איז ער יענעם ערב סוכות געקומען קיין חמניה מיט פול באלאדענע קעמלען, מיטגענומען איינעם פון זיינע בנים צו הילף, בעיקר, אויפצופאסן אויף די קעמלען, בעת ער פירט ס׳מסחר.

דאס מאל, א שפראַץ אויף טאג, קוים וואס ער האט זיך באוויזן אין גאס, איז אים פארלאפן דעם וועג א סיט (פרוי), וואס האט געפירט נאָך זיך א פיינע, קעלביקע קו אויף א שטריקל. די סיט רעדט עפעס צו אים, נישט צו פארשטיין א ווארט. ס׳איז נישט העבראַני (העברייאיש), נישט יידיש לשון.

דאס איז געווען מארטל, וואס איז אויפגעשטאנען פרי פארטאג, ווען דער טוי האט אלץ באדעקט, ווי מיט לויטערע טרערן.

האלב אנגעטאָן, נישט פארקעמט, איז זי פון בעט געלאפן גלייך אין שטאל: „גאט זיין דאנק"! חאסיע מעלה־גרהעט ווי שטענדיק, דער בויך הענגט איר אראפ, זי ווידלט אוועק מיטן עק די פליגן, קוקט מיט אירע גוטע, גרויסע, קיאישע אויגן אויף מארטלען און ווארט אויפן אַבראַק מיט א פרישן טרונק וואסער.

דאס מאל האט זיך מארטל שטארק געאיילט, און נאר, ווי פון יוצא וועגן, צוגעווארפן איר א בונט היי, נאכדעם האט זי ארויסגעזוכט פונעם ברוין־באזילבערטן זיידנס פון איר קאפ, א פולע מויל האר־נאדלען און געמאכט אין ארדענונג איר קרוין, פשוט, מיט די פינגער, אָן א קאם. איידער חאסיע האט פארענדיקט איר ערשטן צובייס, האט איר מארטל בחפזונדיק ארויסגעפירט

פון שטאל, מיט דער שטריק אויפן האלדז, און אוועק אין גאס, פארלאפן אבו עלין דעם וועג און אים מקבל פנים געווען:

„גוטן טאַג, שאַליאָם, אדון״!

„שלום, גיבערעט (גברת)!״ האט אבו עלי פריינדלעך געענטפערט.

„קאָופען זי די קו,״ האט מארטל גענומען שטופן די שטריק אים אין האנט צוזאמען מיט דריי גלאנציקע, נייע שילינגען.

„לא, גיבערעט, סוואנסיק שילינג א פּיס טיבען, מיש דריי, — (א זאק תבן קאסט 20 שילינג, נישט דריי״)...

„דער ראבינער האט געזאגט, מיין נאַכבאַר האט אויך געזאגט: — דריי שילינג.״

מארטל איז געווען זיכער, אז ער מאכט זיך ווי ער וואלט זיך געדונגען, ווי ס׳פירט זיך ביי אזא מכר־וממכר. האט זי אים, ארייגעשטופט אין האנט די דריי שילינג מיט דער האלדז־שטריק פון דער קו, און זיך פלינק אפגעטראגן...

אבו עלי איז געבליבן שטיין א צעטומלטער. ס׳איז געווען פרי, נישט צו זען א באקאנטן מענטשן אויפן וועג, וועמען צו פרעגן, וואס דאס מיינט. ווייזט אויס, אז די אשה איז פון די נייע עולים, ער זעט איר צום ערשטן מאל דא אין דער קאלאניע.

האט אבו עלי זיך געקראצט דעם קאפ, געטראכט און געטראכט, ביז ער האט זיך דערטראכט, אז זי האט נישט געוואלט קויפן א זאק תבן, אלא, איבערגעבן די קו, אז זיין זונדל, וואס איז מיטגעקומען מיט אים, זאל איר א פּאר שעה צופּאשען, דא נישט ווייט, אין ליידיקן פעלד, אין פריש־זאפטיקן גראז. א פאר שילינג גייט נישט צו פוס, ער וועט זיך אַן עצה געבן אָן דעם יינגל, ס׳איז נישט ס׳ערשטע מאל, ווי ער לאזט דא זיין זון מיט די קעמלען, צו פאשען זיי אין ליידיקן פעלד, ביז ער דערליידיקט זיינע ענינים מיט די יהוד. אמת, דער שילינג פון היינט, איז שוין נישט דער ווערטיקער שילינג פון אמאל, בעת די „אינגליז״ זיינען דא געווען, אבער, מאַסאַרי (געלט), איז מאַסאַרי. אויב די יהוד זיינען משוגע, וואס זאל עס אים אנגיין?

האט אבו עלי איבערגענומען די שטריק פון די קעמלען אין זיינע הענט, אוועקגעשיקט דעם יינגל פּאַשען די קו און אים שטרענג אנגעזאגט, ער זאל חלילה נישט פּוגע זיין א געזייט פעלד, אדער גארטן. איז דער יינגל אומצופרידן אוועק פאשען חאסיען, בעת ער, אבו עלי, האט פארקערעוועט מיט די קעמלען אין א זייטיקן שטעג, וואס פירט צום ליידיקן שטח ביי דער „צרכניה״, פארהאנדלען זיין געבראכטן האב און גוטס.

א פערטל שעה שפּעטער, איז שוין מאַרטל געקומען צוזאַמען מיט קורטן, מיט נאָך א פּאָר שילינג אין האַנט, אויסצולייזן חאַסיען, פאַרענדיקן דעם עסק און צוריקברענגען א נייע כשרע בהמה, גרייט צום קעלבן, כּדת וכדין, ווי דער רב און דער שכן האָבן זיי געראַטן, אלא, אלא, זיי האָבן נישט געפונען נישט דעם אַראַבער, נישט די קו, נישט די קעמלען, אפילו נישט דעם „יונגע" — ווי זיי וואָלטן אין וואַסער אַריין.

„דו ליבער, הער גאָט, וואָס האָט פּאַסירט"? האָט מאַרטל געמאַכט א גוואַלד. „איז דער אַראַבער א דומקאָפּף, אפשר גאָר א פּשוטער גנב"?

מאַרטל האָט געטומלט, און קורט האָט מבוהלדיק אַרויסגערופן די נאָענטע איינוואוינער פון די הייזער. זיינען זיך צעגויפגעקומען מושבניקעס, נייע תושבים, וואָס קאָנען אויך נישט א וואָרט אַראַביש. מען האָט גערעדט, געטומלט, גערעשט: — אַזאַ מעשה! ביז, ביז איינער האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָס האָט צו טאָן מיטן אַראַבער, וואָס איז אַקאָרשט פאַרביי זיין שטוב, מיט פול געלאַדענע קעמלען.

„יאַ, יאַ, דער אַראַבער"! האָט מאַרטל צוגעגעבן. האָט דער עולם, מיט קולי־קולות זיך געלאָזט אים זוכן, ביז זיי האָבן אים געפּאַקט. און איידער, וואָס ווען, געגעבן אים אַן „אַדערויף" — שיינע פּעטש:

„דו לומפּ, דו גנב, גיי פאָרט, פון היר"!

„זלאָדזשיי!" „וואָר!" „ראַזבאַיניק!" „כאַראַם־גנב!" „לאַדראַן, לאַדראַן!" זיינען געפאַלן געשרייען ווי שטיינער, אין פאַרשיידענע לשונות.

האָט אבו עלי אָפּגעלאָזן די קעמלען, זיך געזעצט אויפן זאַמדיקן שטעג, פאַרשטעלט מיט די הענט דאָס פּנים, און געציטערט ווי א פיש.

אינסטינקטיוו האָט ער גענומען טראַכטן, אַז ביי אים אין דאָרף האָט מען אים נישט איינמאָל אויסגעלאַכט און געוואָרנט: נישט בלינד צו גלויבן, זיך נישט פאַרלאָזן אויפן יושר פון די יהוד, וואָס זיינען אין דער אמתן ווילסטע שונאים פון די אַראַבער, תמיד גרייט זיי דורס זיין. — וואו איז זיין גאווה, זיך צו לאָזן אומזיסט שלאָגן פון א כּנופיה יהוד, פאַרוואָס?

„אַללה, יאַ אַללה! איבני, יאַ איבני, חליל!" — זונעלע, מיין זון, חליל! וואו ביסטו איצט, מיין קינד, מיין אויג אין קאָפּ, וואו ביסטו!?" האָט ער גענומען רופן זיין זון מיט א פאַרצווייפלטן קול.

„בחייתי, בחיית ביתי, אַר־האַ־וולאַדי, בחיית אַללה, אַר־האַ־דזשמאַלי!" „ביים לעבן פון מיר, פון מיין הויז־געזינט, פון מיינע קינדער און פון גאָט; ביים לעבן פון מיינע קעמלען, ווי איך האָב איר געזאָגט, די אשה, —

סוואנסיק שילינג א זאק תבן! האט זי, די משוגענע, מיר ארייגעשטופט אין האנט אריין דריי שילינגען מיטן שטריקל פון דער קו, און אנטלאפן ווי א רוח. וואס האב איך געזאלט טאן? — וואס? האב איך פארשטאנען, אז זי מיינט נישט דעם תבן, נאר מיין יינגל, מיין זון חליל, ער זאל צופאשען די קו, ביז איך וועל פארטיק ווערן מיט דער „טאַדזאַראַ״ (מסחר). בחיית אללה, ליבע יידן, ווי יעדער ווארט מיינער, איז כולו אמת, בחיית אללה״! האט אבו עלי געטענהט מיט א געווין. — „צי קענט איר מיך נישט, אבו עלי, פון טייבה, וואס קומט דא צו אייך אלע וואך, שוין יארן־לאנג״?

„אט זיינען די דריי שילינג״, האט ער מיט כעס א ווארף געטאן די מטבעות אויפן זאמד...

צו זיין גליק, האט זיך באוויזן דער פאליציאנט פון חמניה, וואס איז, ווי יעדן באגינען, געגאנגען מיט צוויי פולע קאנען מילך, עם אפצוגעבן אין דער מחלבה (מילכעריי) פון מושב. דער פאליציאנט, א באפרייטער זעלנער פון צה״ל, א זון פון אַן עולה פון דמשק, האט אויסגעפלאנטערט דעם גאנצן ענין, אלא, קורט מיט מארטלען האבן נישט געוואלט גלויבן אבו עליס רייד, ביז זיי זיינען צוזאמען מיטן גאנצן עולם, מיט אבו עלין פאראויס, געקומען צום ליידיקן פעלד, וואו חאסיע האט פויל געדזשובעט און געקייט די רעשטן פון אפגעשניטענעם היי.

מעשה בהמה, האט זיך חאסיע גארנישט געמאכט פונעם גאנצן טומל, זי האט זיך געלאזט נעמען פארן שטריקל, א לעק געטאן קורטן די פלייצע מיט א צעפיעשטשעטן „מו־או־או״ און זיך געלאזט פירן א היים, באגלייט מיט א לויה מונטערע, לאכעדיקע יידן...

קורט האט פרובירט צוריקגעבן אבו עלין די פאר שילינג, אלא אבו עלי האט מיט רוגז, צוריקגעשטויסן זיין האנט, מיטן געלט. דער עולם איז נאך פריילעכער געווארן, מען האט אבו עלין פריינדלעך געקלאפט אין פלייצע, גוטמוטיק געזאגט: „ביזט א חברה־מאן, א מענטש מיט האָנאָר, געפעלסט אונדז״!

באלד האט מען אויסגעקויפט ס׳גאנצע סכך, די סעטשקע, די לולבים און די ערבות. מען האט אויסגעקויפט אלע עופות, זיך פילנדיק שולדיק, פאר די אומזיסטע פעטש. זיינען אנדערע געלאָפן אהיים און געבראכט פאר אבו עלין שטיקער יום־טובדיקן קוילעטש מיט קיכל, אים צו פארגיטיקן פארן צער און באליידיקונג.

אבו עלי האט גארנישט געוואלט נעמען פונעם גוטס, מחוץ דאס אפגע־לייזטע געלט, אפילו נישט די גאנצע שמעקעדיקע חלה, וואס ס׳האט אים געבראכט קורטס שכן, זיינס אַן אלטער באקאנטער. ער האט נאר פארקוקט,

ווי זיין זון האט אלץ יא געגומען, געריסן שטיקער און געשטופט אין מויל, און דאס רעשט — באהאלטן אין די טיפע קעשענעס פון זיין קאַפּטאַן.

צום סוף, ווען אבו עלי האט דערפילט אין בוזים, ס'אָפּגעלייזטע פּאפיר־געלט מיטן מינץ אין די קעשענעס פון קאָמבאַז (לאנגער קאפטאן), האט ער זיך בארואיקט און צוריק באקומען די גוטע שטימונג, ווי שטענדיק, נאך א שיינעם ערב יום־טובדיקן פדיון אין דער יידישער קאלאניע.

אחרי ככלות הכול, האט מען זיך געקלאפּט אין די הענט, איבערגעבעטן, געוואונטשן א גוטן, ליכטיקן יום־טוב און זיך געלאזט יעדערער אין זיין וועג.

די גאס האט ווייטער געטומלט, געלצעוועט, און גוטמוטיק נאכגעשריען קורטן מיט מארטלען: „יעקעס״! זיי באלד אויך צוגעקלעפּט א צונאמען, וואס איז פארבליבן ביזן היינטיקן טאג: „די צוואנציקער״.

יענעם חול־המועד סוכות, האט זיך חאסיע מיט מזל געקעלבט, געבוירן א פיינעם, שווארצן עקסל, מיט א ווייסן פלעק אױפן שטערן, מיט ווייסע קני. חאסיעס אייטער האבן געשפרודלט מיט מילך.

נישט אָן הארץ־ווייטיק, האט קורט פארקויפט דעם עקסל צום טריפהנעם בײַן, דעם יונגן קצב פון חמניה, וואס האט נישט געווארט אויפן פסק־דין פון רב. ער האט ס'עקסל געלאזט שעכטן ערב שמחת־תורה, יידן זאלן הנאה האבן פון אַ יום־טובדיקן געבראטנס.

די לצים פון חמניה, האבן שמחת־תורה צו הקפות דערציילט, אז די רביצין אליין האט צוגעגרייט פארן רב, זאל געזונט זיין, א פיינעם קאלבס־בראטן, צו לעקן די פינגער, אַן אמתער עונג יום־טוב. דער רב, זאל מאריך־ימים זיין, האט נישט פיינט א גוטן ביסן, זאל אים וואויל באקומען! צום זכות פון דער רביצין זאל געזאגט ווערן, אז זי האט נישט געוואוסט דעם יחוס, פונעם חלק קאלבס־פלייש, וואס זי האט געקויפט אויף יענעם שמחת־תורה. דער עיקר איז, אז ס'האט קיינעם חלילה נישט געשאדט, און אלע האבן הנאה געהאט פון יום־טוב, חוץ קורט מיט מארטלען, וואס האבן נישט געקאנט צו זיך קומען, נאך דער גאנצער פרשה.

תם ונשלם. די געשיכטע מיט „די צוואנציקער״ איז פארענדיקט.

מרדכי קראשניץ

חיפהער יידישע שרייבער

א: דוד ראדין

דוד ראָדין (אלי לעווין) איז קודם כל באקאנט ווי א שרייבער פאר קינדער און שול־יוגנט. זיינע מעשהלעך, לידער און דערציילונגען פון דעם זשאנר זיינען שפילעווודיקע, באחנטע מיט טויזנטער חנען און שטיפעריש, טאקע אזוי ווי דאָס זיינען די קינדער אליין. זיי אָטעמען מיט אוממיטלבארקייט, נישט געקינסטלטער פאנטאסטישקייט, מיט אויפריכטיקן טאָן און פשוטן אינ־האלט. און נישט צופעליק זיינען א טייל פון זיינע לידער אריינגענומען געוואָרן אין לערן־ביבער און זיינען אריין אין געזאנג־רעפערטואר פונעם יידישן שול־וועזן אין אמעריקע.

קינדער־ליטעראטור, מער נאָך ווי ליטעראטור פאר דערוואקסענע, דארף זיין באלערעוודיק. דאָס קינד דארף פון דאָס געלייענטע לערנען צו פארשטיין די וועלט, צו אונטערשיידן פון דאָס שלעכטע ביז דאָס גוטע, צו דערקענען און ליב באקומען דאס שיינע, פיינט קריגן דאס מיאוסע. דער פעדאגאָגיש־דערציערישער ווערט פון קינדער־ליטעראטור באשטייט טאקע אין דעם וואָס דאָס קינד לערנט פון דאָס געלייענטע און נעמט אראָפּ א ביישפיל פאר זיך אליין.

א קינדס אויער איז פילבארער פאר קלאַנג ווי דער אויער פונעם דערוואקסענעם: ס'ווערט באווירקט פון קלאנג און פון ריטם, פון איבער־חזרונג און פון דעם פולן גראם. דוד ראָדינס קינדער־לידעלעך און מעשהלעך באזיצן די דאָזיקע מעלות, זיי זיינען מוזיקאליש און דערביי פשוט און פאלקסטימלעך. ראדינס פערז איז לייכט און שפילעוודיק. ער פירט אריין דעם יונגן לייענער אין א וועלט פון טרוים, קלאנג און וואָרטשפיל:

„דזין־דזין־דזין! און דזין־דזין־דזין! / קלינגען זילבער גלעקעלעך.
דזין־דזין־דזין! און דזין־דזין־דזין! / וואס דערציילן גלעקעלעך?
— דזין־דזין־דזין! פון ווייטן לאנד / ברענגען מיר אין גלעקל־ראנד
קינדער טרוימען גאָלדענע. / קינדער טרוימען גאָלדענע!"

חיפה

ראַדין באַמיט זיך אונטערצוטראָגן אין זיין שאַפן פאַרן קינד, שפּראַך־שיינקייטן, ווערטלעך און אידיאָמען וועלכע ברייטערן אויס די האָריזאָנטן פונעם קינד, לערנען אים צו פאַרשטיין פּשוטע לעבנס־אמתן:

„א פריינט אין א נויט איז שטענדיק גרייט״

דאָס לערנט דעם קינד צו דערווערבן זיך פריינד, צו פאַרברידערן זיך מיט חברים. אָדער:

„זיך דערפילט ווי אַ פיש אין וואַסער״

דאכט זיך איין קורצע שורהלע, אָבער פאַרן קינדס פאַנטאַזיע זאָגט דאָס זייער פיל, ס׳גיט אים א באַגריף וועגן גרענעצלאָזער פרייהייט. אָדער:

„מיט א נאָדל נייט דער טאַטע, / זינגט מיט יעדן שטאָך:
— ליינט מען ניט א קליינע לאַטע, / ווערט א גרויסע לאָך.״

דאָ האָט ראַדין אויסגענוצט א פאָלקסווערטל, וואָס לערנט צו פאַרהיטן כל זמן ס׳איז נאָך נישט צו שפּעט.

דאָס שילדערן די נאַטור, דאָס לעבן פון חיות און פייגל, פלאַנצט איין אינעם קינד ליבע צו דער נאַטור, ליבע צו לעבעדיקע באַשעפענישן און ממילא אויך ליבע צום מענטש. פּונקט אזוי ווי דאָס שילדערן די ארבעט פלאַנצט איין ליבע צו דער ארבעט, צו דער גאָט־געבענטשטער מי פונעם מענטש. געפינען מיר טאַקע אין ראַדינס שאַפונגען זייער פיל שילדערונגען פון ארבעט — ביים וואַרשטאַט און אין פעלד; שילדערונגען פון דער נאַטור; פון לעבן פון פייגל און חיות. די בעלי־חיים זיינען באַוועגלעכע, טוען אַלץ ווי מענטשן, רעדן מיט דער שפּראַך פון מענטשן, ממש ווי קינדער באַנעמען דאָס:

„זינגט א קליינע פייגעלע: צוויטשי־צוויטשי־צוויטשי!
איך בין שוין געקומען, פרילינג אייך געבראַכט!
זינגט אַן אנדער פייגעלע: קו־קו! קו־קו! קו־קו!
זומער איז געקומען און האָט מיך געבראַכט.״

אָדער אזא ציטאַטע פון לידל — „געזאַנג פון שניט״.

„קלינגען קאָסע־קלאַנגען, / זינגען שניטערס מונטער,
הילכן אָפּ געזאַנגען / איבער פעלדער ברייט.
קלינגען קאָסעס, קלינגען / זינגען שניטערס, זינגען:
זיין וועט היי־יאָר גרינגער, / זיין וועט היי יאָר ברויט!״

✶

אין איינער פון זיינע מעשהלעך דערציילט אונדז ראַדין וועגן א פאַרטראַכט מיידעלע, וואָס חלומט אז זי ווערט פאַרטראָגן פון א שטורעם־

ווינט אין א וואלד אויף א בוים, און זי קאָן נישט אראָפּגיין פונעם בוים. דא קומען איר צוהילף פארשיידענע בעלי־חיים, וועלכע זי האט אלע טאג געשפּייזט, — אלע שוואכע, יעדער איינער אליין קאָן איר נישט העלפן, אבער צוזאמען, אין קאָלעקטיוו, זיינען זיי בכוח איר צו העלפן און אהיימברענגען. דא, אינעם מעשהלע, באקומט דאס קינד א גוטע לעקציע: עס לערנט, אז גוטע מידות צאָלן זיך אפּ — „א פריינט אין א נויט איז שטענדיק גרייט." ס'לערנט אויך, אז מיטן כוח פון קאָלעקטיוו קאן מען אויפטאן זייער פיל, קאן מען דערגרייכן צו דעם וואס דער יחיד איז בשום אופן נישט בכוח צו טאן.

אינעם זעלבן מעשהלע איז אויך פאראן א גרויסער פיש, וואס שטופּט זיך אריין צווישן די קליינע פישעלעך, כאפּט צו דאס גרעסטע שטיק ברויט און פארשווינדט. דאס קינד, וואס לייענט דאס מעשהלע, באקומט פיינט דעם שלעכטן פיש, וואס ער וועט אים פיל מאל טרעפן אין זיין לעבן אין פארשיידענע צורות און געשטאלטן. אויך לעבנס־חכמה לערנט דאס קינד פון דעם מעשהלע. אט, צום ביישפּיל אזא גראם (פארוואס א גראם? ווייל א גראם קריצט זיך איין ביים קינד אין זכרון):

„אין טראכטן איז שכל פאראן, וועט זיך געפינען א פּלאן."
„אין טראכטן איז פאראן א זינען, וועלן זיך פּלענער געפינען."

פון דאס ציטירטע, בפרט ווען ס'איז באגלייט פון א סיפור המעשה וואס האלט דעם יונגן לייענער געשפּאנט, לערנט זיך דאס קינד צו טראכטן און דענקען, און ס'איז דאך אַן אלטער כלל, אז ווען מען טראכט טוט מען ווייניקער נארעשקייטן.

★

אין זיין בוך „די דריי בארימער", א בוך פון 250 זייטן, אנגעפילט מיט פאנטאסטישע מעשיות, ברענגט אונדז דוד ראָדין דריי יינגלעך, דריי העלדן — קינדער פון דער ארעמקייט, פון די ענגע, שמוציקע גאסן פון דער „איסט־סייד" אין ניו־יאָרק, וועלכע זיינען פון זייער פּריסטער יוגנט איינגעצוימט אין צווי רייען הויכע, שווארץ־גרויע הייזער. זיי קאָנען נישט זען קיין „ווייטקייטן", זיי קאָנען נישט זען קיין „ברייטקייטן" — דאס זיינען פאר זיי נאָר אינזשינערישע באגריפן, זיי זעען נאר לאנגע, שמאלע פּאסיקלעך הימל.

די קינדער פון די דאָזיקע גאסן בענקען נאָך דעם וואס זיי פעלט; זיי בענקען נאָך זאַטקייט, ריינקייט, שיינקייט; זיי בענקען בעיקר נאך גוטסקייט, מענטשלעכקייט און גערעכטיקייט. און דאס וואס זיי קאָנען נישט דערגרייכן מיט זייערע הענט, דערגרייכן זיי עס מיט זייער טרוים — מיט זייער רייכער און שפּילעוודיקער פאנטאזיע.

און דער מחבר פירט אוועק זיינע יונגע העלדן, און מיט זיי, זיינע לייענער, איבער ברייטע און שיינע גאסן, שיינע געגנטן, צו גוטע מענטשן, צו א פאנטאסטישער וועלט פון גערעכטיקייט און גוטס.

די העלדן פון בוך — זייערע פעטערס, שוועסטערקינדער, זיידעס און באָבעס — קאָנען אויפטאָן אזעלכע וואונדערלעכע זאכן, וואס קיין אנדער מענטש אויף דער וועלט קאן אזעלכעס נישט באוויזן. אבער, אדורכפירנדיק זייערע קוים־גלויבלעכע הערא׳יישע אויפטוען, האבן זיי שטענדיק אין זינען דעם וואוילזיין פון דעם מענטש און פון יעדעס לעבעדיק באשעפעניש אויף דער וועלט. זיי שאפן אָפּ ארעמקייט, שאפן אפּ מלחמות, שאפן אָפּ דיקטאַטור — און אלץ אָן א טראפן בלוט צו פארגיסן.

דורך דעם גאנצן בוך פּילט איר ווי דורך רייכער און קאָנסטרוקטיווער פאנטאזיע, הייבן זיך ארויס די העלדן — און מיט זיי, אלע קינדער פון דער ארעמקייט — פון דעם שמוץ און פינצטערניש, און שוועבן אריין אין א וועלט פון טרוים, און דערגרייכן זייערע צילן פון א פריינדלעכער און שענערער וועלט.

איבער אלע זייטן פונעם בוך זיינען צעשפּרייט זייער פיל שטיפערייען, אבסורדן, פיל הומאָר, אבער אויך זייער פיל חנעוודיקע אמתן און לעבנס־חכמה. און יעדער אבסורד האט אויך א טיפע מאָראל.

★

אין זיין בוך „סערזשאנט מאיר לעווין״ וואס איז דערשינען אין א העברעאישער איבערזעצונג א.ב. „הסמל מאיר לוין״, און איז אגב רעקאמענדירט געווארן דורכן משרד החינוך והתרבות ווי א גוטער לייען־בוך פאר דער יוגנט, דערציילט דוד ראָדין די געשיכטע פון דעם ערשטן אמעריקאנער געפאלענעם העלדישן פליער, אין קאמף קעגן די יאפאנעזער.

דאָ, אין בוך, הייבט דער מחבר ארויס די געשטאלט פון א יידישן העלד — איינעם פון א סך — א זון פון אן ארעמער יידישער ארבעטער־משפחה אין ברוקלין, וואס האט אוועקגעגעבן זיין לעבן פאר דער פרייהייט פון דער וועלט און פאר דער פרייהייט פון זיין לאנד — די פאר. שטאטן פון אמעריקע.

דער יידישער פאטריאָטיזם, די יידישע טרייהייט, ליבשאפט און מסירות צום לאנד וואס האט זיי געגעבן אלע בירגערלעכע און מענטשלעכע רעכטן, קומט דא צום אויסדרוק. ס׳איז א פאטש אין פנים אלע שונאי־ישראל וועלכע האָבן שטענדיק פארשריען די יידן ווי פחדנים, וועלכע דרייען זיך ארויס פון דערפילן זייערע בירגערלעכע פליכטן.

מאירקע לעווין זאפט איין אין הויז פון זיינע עלטערן א יידישע דער־ציאונג. דער טאטע זיינער דערציילט אים מיט שטאָלץ פון דער יידישער

געשיכטע, וועגן יידישע דענקער, מארטירער און העלדן — נאך גרעסערע ווי אין דער אמעריקאנער געשיכטע. און שפּעטער, ווען מאירקע האט שוין געלערנט אין א יידישער שול און האט דארט אנגעהייבן לערנען יידישע געשיכטע, זיינען פאר אים די יידישע העלדן ארויסגעוואקסן ווי אלטע באקאנטע, ווי זיינע נאָענטע און אייגענע.

די יידישע דערציאונג דערוועקט אין מאירן זיין נאציאנאלן כבוד און שטאָלץ. ער לאזט זיך נישט באליידיקן. ער רעאגירט מיט שטאָלץ אויף דעם אויסרוף „שמוציקער ייד". ער ליידט נישט פון קיין מינדערווערטיקייטס־קאמפּלעקס צוליב זיין יידישקייט. און אזוי איז ער אויסגעוואָקסן א שטאלצער ייד, א שטאלצער מענטש און א שטאלצער אמעריקאנער — א וואלונטיר אין קאמף קעגן די נאצי־שותפים, די יאפּאנעזער.

דאס בוך איז געשריבן מיט פיל ליבשאפט צו דער וואונדערבארער געשטאלט פונעם יידישן העלד. ס'האלט דעם לייענער אין גרויס שפּאנונג, הגם ס'איז נישט קיין אויסגעטראכטער סיפור המעשה: ס'איז א רעזולטאט פון דער דערציילערישער קראפט פונעם מחבר, פון זיין פעאיקייט צו איבערגעבן שטי־מונגען און סיטואציעס, זיין מיטלעבן מיטן העלד און זיין פּסיכאָלאָגישן ארייגלעבן זיך אין זיין העלדס געפילן און געדאנקען.

ווער קאָן דען מעסטן ווי גרויס ס'איז די יידישע גבורה און די טיף־פארווארצלטע יידישע מענטשלעכקייט, ווען אין דער סאמער לעצטער רגע, ווען די פליער שפּרינגען פון צעשמעטערטן עראָפּלאַן אין פּאסיפיק אריין, בלייבט דער איינציקער יידישער פליער, מאיר לעווין, אין עראפּלאן און ווארפט ארויס פאר די חברים־פליער גומי־שיפלעך און שרייט זיי נאך א ווארנונג: „היט זיך פאר שארקס!" (היי־פיש. כרישים אין עברית).

„ווען א בליק האָט אויפגעלויכטן די פינצטערניש, האָבן די דריי פליער דער־זען ווי זייער באַמבער טראָנט זיך אראָפּ צו די שוימיקע כוואליעס און מאיר העגגט האלב־ארויסגעבויגן אין דער טיר און ווארפט ארויס א גומי־שיפל.

ס'איז א בוך וואס גיט איבער די מלחמה־אטמאספער, דערציילט וועגן סאלדאטישער פארברידערונג, און הייבט ארויס — אין דער מלחמה־אטמאָספער — דעם מענטש און זיין מענטשלעכקייט.

זיין בוך פארענדיקט ראָדין אזוי ווי מפארענדיקט א מעשהלע:

„דאָס מעשהלע געענדיקט, / דאָס ביכעלע צוגעמאכט,
מאיר איז איינגעשלאָפן, / אויף אייביק איינגעשלאָפן".

פארוואס עפּעס „איינגעשלאפן"? ווייל העלדן שטארבן קיינמאל נישט, זיי שלאפן נאר איין און לעבן אייביק אינעם זכרון פון פאָלק; לעבן, באגייסטערן און דערמוטיקן דאס פאלק צו נייע גבורות.

א

דוד ראָדין איז אויך דער מחבר פון שטילע אינזיכיקע לידער, דער מחבר פון „לידער פון קליינעם שטעטל” און „פון מיין וועלט”.

דא, אין די לידער, אנטפלעקט זיך פאר אונדז דוד ראָדין אין א גאנץ אנדער ליכט. אין די קינדער־לידער און מעשהלעך זעען מיר פאר זיך דעם געניטן פעדאגאג, קענער פון דער קינדער־נשמה, מייסטער פון קורצן צוויי אָדער דריי זילביקן געגראמטן פערז. אין די לידער פאר דערוואַקסענע דערזעען מיר די נשמה פונעם מחבר אליין. דאָ, אין פּאָעטישער השתפכות הנפש, אנטפלעקט זיך פאר אונדז דוד ראָדין דער ייד, דער מענטש מיט זיין אידעאישן געדאנקען־גאנג און וועלט באנעם.

אין זיינע פריע יוגנט־יאָרן איז דוד ראָדין אוועק פון דער אלטער היים צו דער נייער וועלט. דאס אוועקגיין פון דער אלטער היים איז ביי אים נישט פארבונדן געווען מיט גייסטיקע שוועריקייטן און איבערלעבונגען; ס'איז נישט פארבונדן געוועז מיט נאסטאלגיע־ווייען און היים־בענקעניש; ער איז גליקלעך וואס ער קאָן אראָפּווארפן פון זיך די אלטע היים:

„ווי א היימלאָזער בעטלער אפן מיסט־בערגל
ציט אראָפּ פון זיך זיין אלט קלייד פון ווערים צעפרעסן,
אזוי האָב איך דאָס לאנד פון מיין וויגל / אויסגעטאָן פון זיך,
און מיט נאקעטן עקל אין הארץ זיך דערווייטערט פון איר אויף אייביק
ניט צו דערמאנען! ניט צו געדענקען! / נאָר צו פארגעסן! צו פאַרגעסן!”

און פול מיט האָפענונגען און גלויבן אין הארצן קומט ער אָן אין דער נייער וועלט:

„צו זוכן א ווינקל א געבענטשטן
וואו מען טייטלט אויף מיר ניט קיין פינגער”.
וואו דער מענטש איז א מענטש צווישן מענטשן”.

זוכט ער דאָרט דעם אמת, די פריינדשאפט, חלומט און טרוימט:

„קיינער וועט מער אויף מיר טייטלען מיט פינגער —
איך בין דאָך פארגלידערט אין לאנד אין מיין פרייער!
מיט קאָפּ אין די וואָלקנס, מיט גבורה מיט יונגער
איך שנייד איצט א וועג צו אן אנהייב א נייעם...”

קומט אָבער די גרויע ווירקלעכקייט און שמייסט אים אין פנים דעם בייזן אמת, אז אין באציאונג צו דעם יידישן מענטש — מעג ער אפילו, ווי זיינע נישט־יידישע שכנים, זיין אַן ערד־ארבעטער, א פויער, איז די נייע וועלט נישט אנדערש ווי די אלטע היים — די קנאה פרעמדט אָפּ, די שנאה צום ייד רייסט:

„מיינע שכנים זאָגן: אילײדזשא (אליהו),
אַט דער „העק״ דאָ האָט דיר אפּגעגאָלטן!
דיינע קינדער שיקסטו אין אוניווערזיטעטן
און צו דיין פאַרם נעמסטו „הענס״ באַצאָלטע...

מיינע שכנים זיינען גוטע מענטשן!
שטענדיק זאָרגן זיי זיך וועגן מיר...
זומער זעט מען זיך אין פעלד און בא דער מיל,
ווינטער — ווייכט מען פון מיין טיר.״

ווען דער טיפער צער פון איינזאַמקייט צווישן נישט־יידישע שכנים פרעסט דאָס הארץ, ווענדט זיך דער דיכטער צו דעם תנכיש־נביאישן דערלייזונגס־אזיל און טרייסט זיך:

„זאָל איך וויינען וואָס מיין נאָמען איז ירושה פון תנ״ך?
זאָל איך וויינען אויף מיין אור־געביין?
אויך אברהם אבינו האָט געשניטן וועג דורך ווילדערניש,
אויך ער האָט געלעבט צווישן פעלקער — אליין...

דער עלנט, די בענקשאַפט נאָך א מענטשלעך שטים און די ספקות גיבן נישט קיין רו, פאַלט דער דיכטער אריין אין א טרויעריקער שטימונגס־וויזיע און דערגייט צו א סקעפּטישן געדאַנק:

„ס׳האָט פראָסט און שניי דורך ווינט־געוויין
מיר געגעבן צו פאַרשטיין:
מענטש מיט מענטש — פרעמדע וועלטן!
בלייבסט איינער, בלייבסט אליין...

*

ראַדינס לידער זיינען שאַפונגען פון א ראָמאַנטיקער, וואָס באַזיצט אַן איידעלן שילדערונגס־אופן. ראַדין ליבט די שיינקייטן פון לעבן. זיינע לידער פון אמעריקאַנער קליינעם שטעטל זיינען אידילישע געזאַנגען, וועלכע ווירקן מיט זייער האַרציקער פּשטות, און עכט פּאָעטישע געפילפולע טענער. ס׳ליגט אין זיי פאַרטייעט די רואיקייט פון צעגרינטע פעלדער און די „שטילקייט פון דערוואַרטונג״:

„און פון שטיבעלעך צעוואָרפן / ווי די קערנער אין פּאַד־זיי,
איז א שטעטל אויסגעוואַקסן — / הויז נאָך הויז אין גלייכער ריי.

„אויך א קלויסטער צווישן ביימער — / פאַר די פרומע אנגעגרייט;
און א ווינט־מיל צווישן פעלדער / שטייט מיט פליגל אויסגעשפּרייט.

און א שטילקייט פון דערוואַרטונג / קוקט פון יעדער גאַס אַרויס.״
„ליגט א רואיקייט פון פעלדער / אויסגעשפּרייט אויף יעדער הויז,

אין וואָס ליגט דער צויבער פון דעם כמעט נאַיוון חן און רייץ וואָס זיינע לידער פונעם קליינעם שטעטל פאַרמאָגן? דאָס איז דער סוד פון אידיליע, פון רו וואָס פאַלט ווי א טונקעלער זיידענער צודעק אויפן שטעטל; דאָס איז די עכטקייט און אמתדיקייט פון דיכטערס צאַרטן פילן און באַווירקט ווערן מיט דער דאַזיקער אידיליע. און כדי אַרויסצוברענגען זיין וויזיע און זיין געדאַנק נוצט זיך דאָ דער דיכטער מיט נישט־געקינסטלטע פשוטע ווערטער פון דעם אוצר פון אונדזער לשון. אין דעם זעען מיר די שיינקייט, די פשוטקייט, און די קערנדיקייט פון דער יידישער שפּראַך.

אמת, דוד ראָדין געהערט נישט צום דור מאָדערניסטן אין דער יידישער דיכטונג, צו דעם מאָדערניזם וואָס האָט געשליפן און אויסגעאיידלט די יידישע שפּראַך צו פיליגראַנישער דינקייט און האָט אַרויסגעבראַכט אויף איר, ווי אויף אַן איידעלן אינסטרומענט, די מעלאָדישסטע קלאַנגען. אָבער דוד ראָדינס עכטער געזאַנג איז אויך מיילן ווייט פונעם פּסעוודאָ־מאָדערניזם, וואָס האָט, ליידער, זיך אַריינגעכאַפּט אין אונדזער ליטעראַטור; וואָס זשאָנגלירט מיט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, ווערטער פוסטע, אינהאַלטלאָזע, קלאַנגלאָזע.

דוד ראָדין פאַרהערלעכט און אידעאַליזירט דאָס קליינע שטעטל, אין איר זעט ער די ברכה פון געמיטלעכער אַרבעט, פון שטילקייט און רו, פון דער עכטער פרייד וואָס די נאַטור גיט דעם מענטש. אין קליינעם שטעטל זעט ראָדין די פאַרקערפּערונג פון דער וועלט, און דורכן קליינעם שטעטל הערט ער דעם ריטם פון דער וועלט:

— אין די שטילע טריט פון נאַכט\
כ'הער דעם ריטם פון דער וועלט;\
דורך דער פינצטער פון דער נאַכט\
כ'זע ווי טאָג זיך העלט".

וויפיל וויזיע פאַרמאָגט דער דיכטער וואָס „אין די שטילע טריט פון נאַכט" הערט ער„ דעם ריטם פון דער וועלט" און „דורך דער פינצטער פון דער נאַכט" זעט ער „ווי טאָג זיך העלט"? ס'איז אייגנטלעך אַן אויסדרוק פון אמונה; דער גלויבן אַז נאָך פינצטערניש מוז קומען ליכט; אַז דאָס לעבן און שאַפן אויף דער וועלט — גייט אָן; אַז דער ריטם פון דער וועלט ווערט קיינמאָל נישט אָפּגעשטעלט.

*

די סעריע לידער „פון מיין וועלט" גיט אונדז א באַגריף וועגן דעם אָרט פונעם יחיד — דעם מחבר — אין דער גרויסער וועלט, דער מחבר וואָס זאָגט וועגן זיך:

„איך האָב מיר מיין אייגן וועלט אין רוים —\
מיין וועלט פון טרוים".

הגם ס׳איז א געזאנג פונעם יחיד, איז עס פארוועבט אינעם אלגעמיינעם געזאנג; ס׳איז א שירה בציבור; ס׳איז א געזאנג וואָס איז נישט איינגעשלאָסן און פארגליווערט געוואָרן אין די יחידישע ד׳ אמות, נאר שעפט איר קוואליקייט פון דער ברייטער אפענער וועלט; זי הערט זיך איין צו דעם וואס קומט פאר ארום, איז אויפגעטרייסלט פון די געשעענישן און באווירקט פונעם זאָרג פארן גורל פון מענטש.

דער דיכטער דערזעט דעם מאָראלישן בארג־אראפּ פון דער וועלט, די וועלט וואָס ליגט פארזונקען אין פינצטערער שווארצער נאכט — אין א נאכט פון קאָשמארן: נאציזם, מיליטאריזם, דיקטאטור. די וועלט וואס איז, לויט זיין באגריף, באלויכטן פון א „שווארצער זון" און שווימט „אין א ים פון האס צעגאָסן". און ער, דער ייד — דער אייביקער אפּטימיסט, דערהייבט זיך פון אונטער רואינען א שטאָלצער און טראָגט דער מענטשהייט אנטקעגן זיינע געטובלטע אידעאלן. אידעאלן פון א מאראליש דערהויבענער און באנייטער וועלט, באזירט אויף דער אייביקער לערע פון די יידישע נביאים און דענקער:

„איך ווייס, אז אין וואך פון מיין שווארצער נאכט
פינקלען נאָך ליכטיקע שטערן אין הויכע הימלען;
און וועגן צעלויכטענע שפרייטן זיך ברייטע
צו ווייטע האריזאנטן;
און ימען צעכוואליעטע פירן צו ברעגן
פון ווייטע קאָנטינענטן.
איך ווייס, אז שטאמיקע וואָרצלען,
פארווארצלט זינט אור־אלטן אנהייב,
נאך גראבן און גרונטעווען טיפער;
און קוואלן פון טיפן נישט־מעסטבארע
נאך שלאגן אן אויפהער מיט פרישן קרישטאָלענעם שטראם;
און דאמבעס פון שטיין און צעמענט
פארצאמען ניט וועגן פון שטראָמען פון שטארקע".

פון א גאָר באזונדערן כאראקטער אין ראָדינס לידער איז די סעריע „פאָל באָניאָן" — א לעגענדארער טיפּ אינעם אמעריקאנעם פאָלקלאָר:

„יארן גייען, יארן קומען, / און מיט יארן — נייע צייט;
פון דעם וואלד־ריז פאָל באָניאָן / טראָגט לעגענדע זיך פון וויט.

אין דער סעריע לידער האט ראָדין דערהייבן צו א פּאעטישער הייך א טייל פונעם אמעריקאנעם נישט־יידישן פאָלקלאָר, דערנענטערט דעם יידישן לייענער צו די פאלקס־לעגענדעס וועגן דעם ריז וואס האט פארוואנדלט אמעריקאנער ווילדע רוי־ערד אין א רייך און מעכטיק לאנד.

פאָל באַניאַן פאַרקערפּערט מיט זיך דאָס גרויסע אַמעריקאַנישע פאָלק וואָס האָט מיט פּיאָנערישער גבורה זיך פאַרמאָסטן קעגן דערווילדערניש:

„...ס׳קרעכצן בערג, ס׳ציטערט אורוואַלד,
ס׳טראַנט זיך ריטם פון אַ נייער צייט.״

קומט טאַקע אַ דאַנק דעם מחבר וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור דעם דאָזיקן מאָטיוו, געמאַכט אים נאָענט און אייגן פאַרן יידישן מענטש. דער מאָטיוו פונעם קאָלעקטיוון פאָלקס־ריז איז באַזונדערס נאָענט און באַקאַנט דעם ישראל יישוב, וואָס אויך דאָ, ווי אין זיינער צייט דאָרט, —

„אויף רויער ערד, אויף ווילדער ערד
אַ נייע וועלט ווערט אויפגעשטעלט.

*

אין ראָדינס אינזיכיקע שאַפונגען שפּיגלט זיך אָפּ די שטימונג פון אַ דור יידישע עמיגראַנטן אין אַמעריקע, וואָס נאָך יאָרן פון האָפענונגען, פון „גיין מיטן קאָפּ אין די וואָלקנס״ (ווי ס׳הייסט איינס פון ראָדינס ערשטע לידער), ווען:

„דריי גרופּעס — דריי פעלקער — איין גלויבן,
און איך צווישן זיי — אַ ייד אינדערמיטן.
מיר האָבן צום „ווילדן מערב״ זיך פאַרנומען
און אַ וועג דורך דער ווילדערניש געשניטן,״

ווען נאָך אַט דער פאַרברידערונג, דאַרף ער זיך שטעלן די פראַגע: „ווי איז דאָס געוואָרן?״

„מיין געכטיקער פריינט / לויערט ביי מיין טיר;
מיין נעכטיקער פריינט / איז היינט אַ שונא מיר..

ווי איז דאָס געוואָרן? / ווי איז דאָס געשען?
מיר זיינען דאָך דורך יאָרן / ווי ברידער גאָר געווען.

און דערפאַר ווערט אונדז קלאָר פאַרוואָס דער דיכטער דערגייט צו רעזיגנאַציע און זאָגט:

„מיין לעבן ביים ראַנד ליגט פון אָפּגרונט פון טיפן.
אויף שטורעמדיק וואַסער — בלויז ליידיקע שיפן
זיך ראַנגלען אין לעצטן געראַנגל.
שוין מאַסטן צעשפּענדלט, / שוין זעגלען צעפּעדימט
אין ווינטיקע קאַמפן; און ווינטן נאָך יאָגן
און כוואַליעס נאָך טראָגן,
און ברוויזענדער אָפּגרונט וועט זיין שוין מיין האַפן.״

ווי אזוי אָבער קאָן אזא שעפערישער גייסט ווי דוד ראָדין, וואָס ווערט באווירקט און אינספּירירט פונעם לעבן און זיינע שיינקייטן, דער וואס פאַרלירט נישט דעם בטחון און ווייסט אז:

„וועז מיין מאָרגן ט׳ווערן נעכטן,
וועט מיין טראָט נאָך אלץ זיין דאָ״.

דער דיכטער וואס קאָן אפילו:

„פון פראָסט און פון שטראַל / א לייטער צו וועבן,
און ס׳הייבט אָן אין טאַנץ / אויף לייטער צו שוועבן״

ווי אזוי קאָן אזא דיכטער דערגיין צו מינאָרע דעפּרעסיע טענער? ניין, ס׳איז נאָר אַן אויסדרוק פון איין־און־איינציקער מינוט אינעם לעבן פונעם דיכטער, ווען אין התבודדות מיט זיך אליין, האָט זיך שטיל פאַרטייעט, ווי ס׳פאַרטייעט זיך א רויב־חיה, א שווערע מחשבה וואס האט אַטראַפירט דעם דיכטערס לעבנס־פרײדיקייט און זיין באוואונדערונג פאר די שיינקייטן וואס דאס לעבן באהאלט אין זיך.

דער דיכטער קומט גיך צו זיך, באפרייט זיך פונעם קאָשמאר, און אין זיין דיכטערישן וואנדער בלייבט ער שטיין ביי א טייכל און צעזינגט זיך פונדאָסניי:

„...ווי שטילע געזאנגען
וויגן זיך קלאַנגען אויף וועלן אין דרימל;
וויגט זיך א בענקשאפט נאָך ווייטן, נאָך וואנדער...״

און אָט אזוי אין וואנדער „אויף בליענדער ערד״, קומט ער אָן צו —

„גאָלדענע ברעגן, / און פעלזן, און ים.
(פאר מיינע וועגן / ניטאָ איז קיין צאַם!)
כוואליעט צו ברעגן / אַ וואסער גאר טיף,
קומט מיר אַנטקעגן / אַ וואָגלענדע שיף.
לאָד איך מיין וואָגן, / און לאָד אויך מיין פערד —
לאָז מיך שיף טראָגן / צו נייערע ערד.

קומט ער טאקע צו די ברעגן פון א ניי לאנד, און דאָ האָט ער פאַרבונדן זיין גורל מיטן גורל פון זיין פאָלק און זינגט דא אויף א דערמונטערטער:

„פון ברעג און ביז ברעגן / אין וויסטיקן לאנד,
שנייד איך דורך וועגן / און שטעגן נאכאנאנד;

איך גרונטעווע קוואלן, / איך אקער, איך זיי,
און פלאנץ דאָרטן ביימער / אין רייען נאָך ריי.

שפּראָצן אויף פעלדער / מיט זומען פאַרזייט;
שפּרינגען אויף וועלדער / אין ווייטן צעשפּרייט.

ווען ער שטייט אזוי ביי וועגן צווישןביימער, אָנגעזעצט מיט ארבעט און וואנדער, מעדיטירט דער דיכטער:

„מיט ארבעט געזעטיקט / מיין טאָג האלט ביים סוף שוין, —
דער מערב גייט אויף שוין אין פלאמען... / מיין פעלד ליגט צעאקערט
מיין שייער איז פול שוין... / איך קאָן מיט דיר מער ניט פאַרזאַמען״.

און ער מעדיטירט ווייטער:

„צווישן ביימער — איינער — איך. / שטיל ווי ביימער, אזוי בין איך.
ביימער שווייגן, בייגן צווייגן / איבער וועגן,
איך, ווי צווייגן, שטיי געבויגן / ביי די וועגן,
און בענטש גאָטס וועלט / און בענטש דאָס קינד,
און בענטש דעם מאָרגן.״

דעם דיכטערס הארץ איז אנגעפילט מיט ליבשאַפט צו דער וועלט און צום מענטש; א ליבשאַפט וואס פלייצט אריבער אלע קעמערלעך פון זיין הארץ און גיסט זיך אויס אין א ברכה:

„און בענטש גאָטס וועלט,
און בענטש דאָס קינד,
און בענטש דעם מאָרגן.״

*

א ווייטער וועג, א לאנגער צעזוניקטער און צעזונגענער וועג ליגט פונעם דיכטערס באגין, ווען ער האט דערפילט דעם ערשטן צאפל פון קנאָספּיקן דיכטערישן אויפגאנג:

„מיין יונגט מיין שטילע געוועקט האָט פארלאנגען
מיין ליד אויסצוזינגען,

ווען:

„דורך נאכטיקער שטילקייט, דעם מאָרגן אנטקעגן
האָט ליד מיינס געקלונגען.״

ביז צום היינטיקן טאג אין וועלכן דער דיכטער — וואס איז געווארן א בן־שבעים — קאָן אונטערציען סך־הכלען און פונדאָסניי זאגן וועגן זיך אליין:

„איך בין איינער
צווישן ביימער
ביי די וועגן.״

איז טאקע א פרייד צו באגריסן דעם שרייבער און דיכטער דוד ראָדין, און אים ווינטשן לאנגע, געזונטע, שעפערישע יאָרן, ער זאל נאך זינגען לידער וועגן דעם ווי אזוי זיין ברכה איז מקויים געוואָרן —

„און בענטש גאָטס וועלט,
און בענטש דאָס קינד פונעם קינד,
און בענטש די נייע מאָרגנס.״

ב: רבקה קוויאטקאווסקי-פנחסיק

אונדזער ליטעראַטור — די פיל געליטענע און געפייניקטע יידישע ליטעראַטור — איז נאָך דעם חורבן באַרייכערט געוואָרן מיט אַ נייעם טערמין וואָס הייסט „חורבן־ליטעראַטור".

די חורבן־ליטעראַטור האָט אונדז געבראַכט אַ דור טאַלאַנטפולע יידישע שרייבער, וועלכע האָבן מיט אַ שטאַרקער שילדערונגס־קראַפט פאַראייביקט פאַר דער געשיכטע די איבערלעבונגען פונעם געפייניקטן יידישן מענטש אונטערן נאַצי־מעסער; זיינע נשמה'דיקע ראַנגלענישן, אומוואַנדלונגען, זוכענישן און שטרויכלונגען; זיין אמונה און יאוש, און איבער אַלעמען — זיין בטחון צו איבערלעבן דעם נאַצי.

דער דאָזיקער דור שרייבער האָט אויף זיין אייגענעם קערפּער אויסגעטראָגן אַלע פּיינען און יסורים; האָט אינעם פייער פונעם גליאיקן קאַלכאויוון פאַרהאַרטעוועט ווי שטאָל זיין יידישן און מענטשלעכן שטאָלץ, און אויך געפונען אין זיך דעם גייסטיקן כח און דאָס באַפליגלטע קינסטלערישע וואָרט, צו איבערגעבן, דערציילן און אויסקלאָגן „דאָס ליד פונעם אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק".

רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק געהערט צו דעם דור שרייבער. אַליין געווען אינעם נאַצי־גהינום. געקומען איז זי פון דאָרט אָן אויסגעפייניקטע פון יסורים, אָבער אַ גייסטיק־שטאַלצע, און מיטן שעפערי'שן כח פון אַן עכטער קינסטלערין אַריין אין אונדזער ליטעראַטור.

דאָס ערשטע בוך אירס — „פון לאַגער אין לאַגער" — וואָס איז דערשינען אין אַרגענטינע, און דערציילט וועגן איר אייגענעם מאַרטירער־וועג, האָט איר אַריינגעפירט אין דער יידישער ליטעראַטור און געגעבן סמיכות ווי אַ רייפע דערציילערין.

אויך דאָס צווייטע בוך — „הענט" — וואָס איז דערשינען אין חיפה, אָטעמט מיט עכטקייט און קינסטלערישער רייפקייט.

כאָטש רבקה דערציילט נישט קיין איינצלהייטן און פּרטים פון די דייטשע מערדערייען — און דאָס איז איינע פון אירע מעלות, ווייל פונעם שרייבער פאָדערן מיר נישט צו דאָקומענטירן פאַקטן — זיינען אָבער אין אירע ביכער פאַראַן שילדערונגען פונעם געטאָ און טויטן־לאַגער, מאָרד, פאַרניכטונג און שענדונג פונעם מענטשלעכן כבוד. אירע ביכער זיינען אַ וויכטיקער צושטייער צו אונדזער חורבן־ליטעראַטור און טיף־מענטשלעכע איבערלעבונגען פון אַ שרעקלעכער תקופה.

*

אין דער יידישער געזעלשאפט, אין דער פובליציסטיק און אויך אין דער ליטעראטור, פירט זיך א ויכוח וועגן דעם ווי אזוי האט עס געקאנט געשען, וואס כמעט א גאנץ פאלק איז געגאנגען ווי שאף צו דער שחיטה און נישט געשטעלט קיין ווידערשטאנד?

איין טייל פון אונדזער געזעלשאפט פאראורטיילט און באשולדיקט, גע־פינט אויס דעם כולו חייב, איז נישט מסוגל אריינצוטראכטן זיך און אריינלעבן זיך אין דער אטמאספער וואס האט געהערשט אין די געטאס און לאגערן. דער דאזיקער טייל הייבט ארויס נאר די מאמענטן פון אקטיוון ווידערשטאנד, וועלכע רייסן זיך אדורך ווי ליכטיקע שטראלן אינעם חושך וואס האט באהערשט דאס יידישע לעבן אונטערן נאציזם.

א צווייטער טייל הייבט ארויס אויך די גבורה פון פאסיוון ווידערשטאנד; די גייסטיקע דערהייבונג איבערן האַקנקרעציקן שונא; דאס שפייען אויף אים און זיינע צוגעטראכטע טויטן; דאס נישט וועלן לעבן מער אין א וועלט, וועלכע האט צעבראכן אלע יסודות פון מאראל און מענטשלעכקייט; אין א וועלט וואס האט זיך אראפגעקייקלט אינעם אפגרונט פון רציחה און בעסטיאליטעט. אט טאַקע אזוי ווי רבקה׳ס א העלדין, עליע שוחטס ווייב, רופט אויס:

„...אן עק זאל עס נעמען!... א מגפה זאל זיי ארומכאפן, רבונו של עולם! איינ־געזונקען זאל ווערן די וועלט מיט זיי אלע צוזאמען! נישטא קיין גאט! נישטא! נישטא!"

אויך דער מאסן קידוש־השם ווערט אוועקגעשטעלט אין זיין גאנצער מאראַ־לישער דערהויבנקייט. נאר מענטשן פון עכטער גייסטיקער גבורה האבן געקאָנט אַזוי שטארבן, האבן געקאָנט גיין צום טויט מיטן געזאנג פון „אני מאמין" אויף זייערע ליפן, גלויבנדיק, אז זייער קרבן איז דער רצון פונעם אלמעכטיקן בורא. אט אזוי ווי ס׳דערציילט אונדז רבקה אין איר ערשטער דערציילונג „דער לעצטער וועג":

„דער רבונו של עולם האט אונדז מיט זיין רחמים אויסגעהאלטן — האט ווייטער געצויגן רב ברוך — נישט איינמאל זענען מיר געווען אין די ציינער פון לייב און שטענדיק זענען מיר ארויס גאנץ. ער האט געגעבן כח די מכבייער צו פירן א קאמף מיטן עמלק, פאר וועלכן די גאנצע וועלט האט געציטערט. ער האט געגעבן קראפט די יידן אין שפאניע אומצוקומען אויף קידוש־השם. ער וועט אונדז געבן קראפט אויסצוהאלטן די פורעניות פון דייטש — האט מיט א פארבענקטן ניגון ווייטער געצויגן רב ברוך — און איצט... אויב דער רבונו של עולם פארלאנגט אונדזער קרבן, אויב דערמיט וועט דאס רעשט ביסל יידן אויסגעלייזט ווערן, טא זאל זיין רצון מקוים ווערן."

איבער ר׳ ברוכ׳ס פּנים האָבן אנגעהייבן רינען טרערן, אראָפּגעשוואומען אויף דער באָרד אונטער א גראָבן שאָל אויסבאַהאַלטן. ער האָט ארויס־געגומען פון דער טאַש א תהילימל און הייס אנגעהייבן דאַווענען: מן המצר קראתי יהו!״

אזוי איז דער יידישער מענטש, אונטערן נאַצי יאָך, געוואָרפן געוואָרן צווישן צוויי זיך באַקעמפנדע וועלטן: איינע, די וועלט פון גרענעצלאָזער אמונה, די וועלט פון רב ברוכן; די צווייטע, די וועלט פון פאַרלייקענונג, פון יאוש, פון הבל־הבלימדיקייט, צו וועלכן ס׳דערגייט אַפילו עליע שוחטס ווייב. און דיביידע וועלטן האָבן אים געפירט צום אויפנעמען דעם קידוש־השם ווי אַן אומ־פאַרמיידלעכע זאַך.

אין דער מאָראַלישער געפאַלנקייט פונעם נישט יידישן ארום, קומט נאָך בולטער צום אויסדרוק די שטאַרק פאַרוואָרצלטע יידישע מענטשלעכקייט, וואָס ווערט איינגעהיט אַפילו אין די שווידערלעכע באַדינגונגען פונעם געטאָ און טויטן־לאַגער.

די דאָזיקע גבורה פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד און יידישער מענטשלעכקייט ברענגט רבקה קוויאַטקאָווסקי ארויס אין איר שאַפן.

אין איין דערציילונג לייענען מיר, ווי אזוי דער אַפּטייקער יוליוס מעליצקי, אַן אַסימילירטער ייד, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן קיין יידיש וואָרט נישט ארויס־גערעדט, דרייט זיך ארום צווישן א טראַנספּאָרט ארויסגעטריבענע יידן מיט א טאַש וואַטע און באַנדאַזשן און ברענגט זיי הילף: „מען דאַרף נישט וויינען״, באַרויִקט ער די יידן. דער פאַרמלחמה׳דיקער גרויסער מאַנופאַקטור סוחר, אַברהם זעלצער, גייט ארום מיט א קאַן הייסע קאַווע און מונטערט אַלע מיט געבראָכענע אומבאַהאָלפענע ווערטער:

טרינקט יידן, דערוואַרעמט זיך, המן האָט אויך געהאַט א מפּלה, נאָר א ביסל בטחון!״

אין אַן אַנדער דערציילונג לייענען מיר וועגן מאַרגאַריטקען, וועלכע איז פונעם אייגענעם גוטן ווילן געוואָרן די משרת׳טע פון באַראַק. אונטער דער מאַסקע פון שמוץ, פון פּיזיש צעקריפּלטן פּנים, וואָס דערוועקט א ציטער פון עקל, אונטער דעם אַלעמען איז פאַרפאַנצערט א האַרץ פון א יידישער מאַמען, וועלכע האָט באַהבה גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו העלפן די ליידנדיקע אויס־גייענדיקע מיידלעך, רופט ארויס ביי זיי טרערן צו פאַרלייכטערן דאָס געמיט.

✶

שרעקלעך און גרויזאַם איז געווען אין די קאַצעטן אין וועלכע די יידישע פרויען זיינען געפּייניקט געוואָרן מיט די יסורימדיקסטע עינויים: די גופים געשענדעטע, פאַרקריפּלט, האָבן פאַרלאָרן זייער פרויאישע שיינקייט; א ביסן

ברויט דעצידירט דעם מענטשנס גורל; פאראן איינצלנע פרויען וועלכע פאר־לירן זייער כבוד פאר א שטיקל ברויט. אבער די מערהייט פאלן, קומען אום און היטן אפ זייער יידישן און פרויאישן כבוד.

אין איר בוך ברענגט רבקה בולט ארויסביידע טיפן פרויען: די ערשטע, וואס אפילו אין זייער געפאלנקייט, דערוועקן זיי גרויס רחמנות; די צווייטע, אין זייער פולער מאראלישער גרויסקייט, וואס איז אייגנטלעך א המשך פון דער מאראלישער גרויסקייט פון אונדזער פאלק, ווען מענטס לאנגע מאַרטירער־געשיכטע ווייסט צו דערציילן וועגן יידישע טעכטער, וועלכע האבן בעסער אויסגעקליבן דעם טויט, איידער אוועקצוגעבן זייער כבוד און שטאָלץ. איינע פון די דאזיקע געשטאלטן האט דאך אזוי וואונדערבאר ארויסגעבראכט אונדזער גרויסער קלאסיקער י. ל. פרץ אין זיינע „3 מתנות". דאס יידישע מיידל וואס ווערט געטריבן איבער די דייטשע גאסן צוגעבונדן צום עק פון א פערד. און ווען די חיה׳שע בליקן פון די דייטשן שענדן איר נאקעטן לייב, שטעכט זי אריין א האר שפּילקע טיף אין פלייש אריין ס׳זאל צוהאלטן איר קלייד און פארשטעלן איר לייב.

נאַקעט, רוי, שילדערט רבקה א סצענע ווי אזוי די פרויען — די עליטע פון די קאצעטלער׳ינס — וועלכע ארבעטן אין דער „שרייב־שטובע" (ביורא), זאמלען זיך צענויף מיט זייערע שפּייז „מתנות", באקומען פאר „ליבע", לייענען פאר די ליבע־בריוו פון זייערע דייטשע קאוואַליערן און קאַפּאָס, זאגן זיך איינס דאס אנדערע אריין שטעכווערטלעך, איינע זעט אין דער אנדערער איר אייגענע שאנד. צום סוף דערגייט דארט צו געשלעג און געוויין, — איז דאס א געוויין פון צער, חרפה און חרטה, וואס עס פילן די באליידיקטע און באשפּיגענע יידישע פרויען.

אין קעגנזאץ צו די פרויען שטעלט רבקה אוועק דינה׳ן — איינע פון א סאך — א הערלעכע יידישע פרוי, וועלכע די „שרייבשטובע" פרויען רופן מיט איראָניע און קנאה „צנועה, ליכטיקע הייליקייט". זי, דינה, פירט נישט קיין „ליבעס"; גייט נישט צו דער צוים פון מענער־לאגער, און ברענגט נישט קיין שפּייז; איז שטאלץ מיט איר יידישקייט; היט אפ געטריי דעם אנדענק פון איר דערמארדעטן מאן; ווארפט אפ דעם פארשלאג פון רודאלפן, דעם סעקרעטאר פון ארבעטס־אמט, וועלכער וויל זי ארויסנעמען פון קאצעט צו זיך אהיים און אויך זיין פארשלאג צו ברענגען איר גוטע שפּייזן:

„די ראציע וועלכע איך באקום איז פאר מיר גענוג און קיין זאך דארף איך נישט". ענטפערט זי אים.

וואונדערבארע געשטאלטן זיינען אויך פרומקע די פארטיזאנקע און מלכה קוואל — א געוועזענע יידישע שוישפּילערין, וועלכע מונטערט די פרויען, ארדנט איין

פאר זיי אימפרעזן, און ברענגט זיי אין לאגער דעם געדאנק וועגן אַן אייגן היים אין ארץ־ישראל. איז אבער אליין נישט זוכה צו דער באפרייאונג — דער טיפוס האט איר פארשניטן.

*

ווי א קוואליק וואסערל שלאגט ארויס פון די ערד־טיפעניש, רייסט זיך אדורך צווישן שטיינער און פעלדזן, אזוי רייסן זיך אדורך דעם מענטשנס געפילן און פארלאנגען אפילו אין דער פארשטיינערטער הארצלאזער אטמאספער פון קאצעט, אין א סביבה וואו ס׳הערשט א שרעקלעכער הונגער און סווילדעוועט דער טויט.

דער מענטש בענקט נאך ליבע, זיינע געפילן און פארלאנגען לאזן זיך נישט צוימען און פאסן זיך בכלל נישט אריין אין די אנגענומענע באגריפן פון צייט און ארט.

אויך ביי די אויסגעפייניקטע יידישע פרויען דערוועקן זיך געפילן פון ליבע. ליבע איבער צוימען, ליבע צו מענער וועלכע זיינען, ווי זיי אליין, פארשפארטע הינטער צוימען, מענטשן אין א וועלט הינטער צוימען. די ליבע מאכט שטארקער קלאפן דאס אָפּגעשוואכט הארץ אינעם אויסגעמאטערטן גוף; מאכט זיי חלומען אין די נעכט אויף די פריטשעס; פילט אויס די פוסטקייט פון זייער אויסגייענדיק, צאנקענדיק לעבן און גיט כח צו האפן אויף א בעסערער צייט.

„הרי את מקודשת לי בטבעת זו כדת משה וישראל" האט שטיל געפליסטערט אַן עלטערער בחור האלטנדיק די האנט פון זיין מיידל אין דער צוים. ער האט פון טאש ארויסגענומען א רינגל און אנגעטאן זיין מיידל אויפן פינגער. דאס מיידל האט איר קאפ ארייגעשטעקט אין די דראטן און זייערע ליפן האבן זיך באהאפטן (ליבע און וואורשט)."

אין וועלכער אנדער ליטעראטור קאן מען געפינען אזא ליבע־סצענע, אזא חתונה? ווער פון די וואס זיינען דארט נישט געווען קאָן דאס בכלל באגרייפן. ס׳איז א חתונה אויף אַן אַנדער פלאנעט — דער פלאנעט „קאצעט", ווי „קאצעטניק" האט אים אנגערופן — א פלאנעט וואו אלץ באוועגט זיך מיטן כח פון רשעות און אכזריות.

די דערציילונג „זיין פרוי" איז א שילדערונג פון אַן אמתער ליבע אויפן הינטערגרונט פון חורבן און אומקום. דאס איז א ליבע וואס איז מוחל און פארגעסט עוולות; גלעט, היילט און שטארקט. אויך דא שלאגט זיך אדורך דאס מענטשלעכע, וואס קאן אריבערבריקן איבער אלע תהומען פון רשעות און דאך נישט פארלירן דעם יידישן בטחון, טאקע אזוי ווי ס׳דריקט זיך אויס בערטאַ:

„פיל מאל שטארבט דער מענטש אין זיין לעבן, און פיל מאל ווערט ער ווידער געבוירן"

אויב איר ווילט איז דאס די לעבנס־פילאזאפיע פון אונדזער פאלק, וואס איז שוין אזוי פיל מאל געשטארבן און פון דאס נייי געבוירן געווארן.

דארט וואו ס׳איז פאראן ליבע צווישן מאן און פרוי איז אויך פאראן מוטערשאפט. אין דער וועלט הינטער צוימען איז אבער נישטא קיין ארט פאר א יידישער מאמען, נישטא קיין לעבן פאר א יידיש קינד. שוין מיט דעם אליין איז די לאגע פון דער יידישער פרוי אונטערן נאצי געוועזן טויזנטער מאל שווערער און טראגישער פון איר מאן.

„זיסע קאווע" דערציילט וועגן א פרוי וועלכע די ליבע האט געבראכט דאס גליק און פרייד פון מוטערשאפט. אין קאצעט־שפיטאל ווערט בסוד געבוירן דאס קינד מנחם — א טרייסט. אבער די מוטערשאפט איז דא אַן אומגליק און מנחם איז נישט קיין טרייסט, מען קאן אים דא נישט אויסבאהאלטן. ביינאכט טוליעט די מאמע איר טרייסט צום הארצן, הייסט אים שווייגן, אין א וועלט הינטער צוימען טארן קינדער נישט וויינען. זי פארוויגט אים אויף אייביק מיט א וויג־ליד וואס קיין שום נישט יידישע מאמע האט נאך מיט אזא ליד נישט פארוויגט איר קינד צום שלאף:

„שטילער, שטילער לאמיר שווייגן / קברים וואקסן דא
ס׳האבן זיי פארפלאנצט די שונאים / גרינען זיי צום בלא

שטילער, קינד מיינס, וויין נישט, אוצר / ס׳העלפט נישט קיין געוויין,
אונדזער אומגליק, וועלן שונאים / סייווי נישט פארשטיין..."

(שמערקע קאטשערגינסקי)

און אזוי זינגענדיק האט אים די מאמע מיט איר האנט זיין לעבנס־אטעם דער־שטיקט.

אינדערפרי איז נעבן דער קאמער פון טויטנבלאק אויסגעוואקסן א פריש קבר׳ל וואו ס׳איז געלעגן שוין אַן איינגעשטילטער מנחם — די טרייסט וואס די מאמע זיינע האט מקריב געוועז צו פארקירצן זיינע ליידן. אויף זיין קבר׳ל איז געזעסן א משוגע געווארענע יידישע מאמע און איינגעשלעפערט אים:

„שלאף מיין זונעלע... מיין גוטע טויב, מיין שטילער פיש... מיין... מיין".

נישט ווילנדיק דערוועקט זיך א פארגלייך —

אין מגילת איכה, פסוק ב׳, ווערט אזוי געשילדערט ירושלים אין איר טרויער:

„בכו תבכה בלילה ודמעתה על לחיה...

חיפה

„ווײנען טוט זי ווײנען בײנאכט / און איר טרער איז אויף איר באַק
זי האָט נישט קײן טרײסטער פֿון אַלע אירע ליבהאָבער
אַלע אירע גוטע פֿרײנד האָבן איר פֿאַראַטן.״

אַזוי קרעפֿטיק און בולט ווי די דאָזיקע פֿיר שורות גיבן איבער אויף אײביק דעם גרויסן בראָך און אומגליק וואָס האָט געטראָפֿן, אַזוי קרעפֿטיק און בולט גיט אויך רבקה קוויאַטקאָווסקי איבער, אין געצײלטע שורות, דעם גרויסן בראָך און אומגליק וואָס האָט געטראָפֿן מיט אַ ײדישער מאַמען.

*

די העלדן, טיפּן און געשעענישן אין רבקה׳ס דערצײלונגען זײַנען עכטע. זי האָט דאָס אַלײן אַדורכגעלעבט אין אַן אַטמאָספֿער וואָס די מענטשלעכע פֿאַנטאַזיע איז נישט געווען בכח אַזעלכעס צו צוטראַכטן. וועלכער שרײַבער איז ביכולת צו דערצײלן וועגן דעם אַלץ אין אַ שטילן רואיקן טאָן? צו שטורמיש, צו דראַמאַטיש זײַנען די געשעענישן, צו שטאַרק דער צער און ווייטיק, און אַ ברעג דער ים פֿון פּראָטעסט, צאָרן און בונט וואָס דאָס איבערלעבטע רופֿט אַרויס.

דער שרײַבער וועלכער שילדערט די נאַצי־תקופֿה, קאָן לײַכט געשטרויכלט ווערן. אַנשטאָט שילדערן און איבערגעבן די שטימונג, קאָן ער זײַער לײַכט איבערגײן צו דער ראָל פֿון אַ מוכיח, אַ שטראָפֿער; פֿאַרפּירט ווערן אין די לאַבירינטן פֿון שטראָף־רײד, קללה און וואָרנונג. אָן ספֿק איז אויך דאָס וויכטיק פֿאַר דער ליטעראַטור, און אַ טײל שרײַבער זײַנען טאַקע אַוועק אויפֿן דאָזיקן וועג.

רבקה קוויאַטקאָווסקי איז אָבער געבליבן געטרײַ איר אויפֿגאַבע צו דערצײלן און שילדערן. זי איז נישט פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון אַ געפֿיל וואָס באַטויבט די חושים, פֿאַרבלענדט די אויגן און לענקט אָפּ די אויפֿמערקזאַמקײט פֿונעם עיקר. און ס׳איז כדאי צו ברענגען עטלעכע בײַשפּילן פֿון איר שילדערונגס־קראַפֿט, פֿון דער בילדערישקײט אין איר שאַפֿן:

> „איבער דער שטוב טראָגט זיך אַ ווינט, שלאָגט מיטן קאָפּ אין וואַנט, וואַלגערט זיך אויף דער ערד, גײט אויס פֿאַר ווײ אויף די פּוסטע צעוואָרפֿענע בעטן״ (גורל שוועסטער)

פֿון די קורצע שורה׳לעך באַקומט זיך אַ פֿולע שילדערונג פֿונעם אויס־געלײדיקטן געטאָ נאָך אַן אַקציע: דעם ווינט איז אומעטיק געוואָרן אָן די מענטשן, קלאָגט ער, וואַלגערט זיך אויף דער ערד, גײט אויס פֿאַר ווײען.

אָדער:

> ...„מאַמע! מאַ... אַן אָפּגעריסן אימהדיק געשרײ און פֿאַרחלשטע פּיס הײבן אָן מיט אײלעניש לויפֿן, פֿאַלן, הײבן זיך און ווײַטער לויפֿן. איצט אָטעמען זײ אָפּ... איבערגעקומען דעם וועג.״

און אט איז א צווייטע שילדערונג פונעם פארלאזענעם געטא — א פייזאזש פונעם 20־טן יארהונדערט אין פוילן בימי היטלער, ימח שמו וזכרו:

„מיט אויסגעזעצטע אויגן קוקן זיי אריין אין די פוסטע שטובן, זעען די צעווארפענע טעפּ און כלים אויף די דילן, די ארויסגעשליידערטע קישנס, די צעפראלטע שענק, וואס דאכט זיך שרייען מיט אויפגעריסענע מיילער צו דעם רואיקן מילכיקן הימל, צו דער תמעוואטער לייכטנדיקער זון.״ (גורל שוועסטער)

רבקה קוויאטקאווסקי קען גוט די פסיכאלאגיע פון אירע העלדן, זייערע געדאנקען און שטימונגען. פארוויקלטע פסיכאלאגישע ראנגלענישן וויקלט זי פונאנדער לייכט און פארשטענדלעך. אט רעדט איינער פון אירע העלדן:

„נאך דער מלחמה פאר איך קיין אויסטראליע... דארט איז א זיבערער קאנטינענט, אנדערע מענטשן, אַן אַנדער קלימאט... אייראפּע איז א וואולקאן, מען דארף אוועק פון דאנען, ווייט אין אַן אנדער וועלט! ער סאפּעט אפּ, שווייגט א רגע און פארענדיקט א פאראומערטער נאר קיין ווין מוז איך נאך א מאל צוריקקומען.

ער נעמט ארויס דעם שליסל פון זיין וואוינונג ברומענדיק: ווין, מיין ווין, כאטש איין מאל דיך נאך זען!

פון הינטער דעם בית־עולם מויער האט שטיל געוויינט דער ווינט״ (אין רעגן).

האבן מיר דא א שילדערונג פון דער חרוב געווארענער וועלט פון די דייטשע און עסטרייכישע יאהודים, וואס ווערט נאך בולטער אויפן הינטערגרונט פון א בית־עולם און באגלייט פון א טרויער מעלאדיע אויסגעשפּילט פונעם ווינט.

*

גרויס איז געווען די בענקשאפט צו דער פרייהייט, צו איבערלעבן דעם שונא: עס זאל בלייבן ווער צו דערציילן וואס דער נאצי־דייטש האט מיט אונדז געטאן. דער דאַזיקער ווילן איז געווען דער איינציקער כח וואס האט די פארפּייניקטע יידישע פרויען איינגעהאלטן ביים לעבן. די דאזיקע בענקשאפט, וואס איז אויך געווען איר אייגענע בענקשאפט, ברענגט רבקה זייער שטארק ארויס אין איר שאפן.

די קאצעטלערינס — פארהונגערטע, אויסגעמאטערטע, מיט אפּגעפרוירענע גלידער — חלומען און בענקען צו דערלעבן דעם טאג פון דער פרייהייט. ווען די פרייהייט קומט אָן און עס צעטראגט זיך דער רוף — פריי! איז שוין פאר דער גרעסטער מערהייט צו שפּעט:

„זי האט ביידע הענט אויסגעצויגן, ווי זי וואלט געוואָלט עמיצן ארומנעמען, צוטוליען צו זיך. באלד אבער זיינען זיי שווער אנידערגעפאלן צוריק, פאמעלעך האבן זיך אירע אויגן פארשלאסן. מיט א ליכטיק, צעשטראלט פנים איז פרומע אויסגעגאנגען.״

מיט דעם אויף פארענדיקט רבקה איר ערשט בוך ווי א סימבאל פון אַן אונטערגעגאנגענער תקופה. ס׳איז לייכטער געווען צו שטארבן מיטן באוואוסטזיין, אז די פרייהייט איז געקומען, אז די דייטשע בעסטיע איז געפאלן, דאס מענטשלעכע האט געזיגט.

רבקה קוויאַטקאָווסקי־פנחסיק האט אירע גורל־שוועסטער נישט פארגעסן. אירע ביכער זיינען אַן אייביקער דענקמאל אויף זייערע אומבאקאנטע קברים.

שלמה איצקאוויטש

(צו זיין בילד אויף זייט 48)

געבוירן 1936, אין לאדז, פוילן. עולה געווען קיין ישראל — 1935. וואוינט אין חיפה. געלערנט אין פוילן, דייטשלאנד און אין דער קעניגלעכער קונסט־אקאדעמיע אין ראָטער־דאם, האלאַנד. אין 1954 באקומט ער די שטרוק־פרעמיע פון חיפהער שטאט־ראט. אין 1958 ווערט ער פרעמירט פון חיפהער ארבעטער־ראט.

באטייליקט זיך אין אלע אויסשטעלונגען פון מאלער־פאראיין אין ישראל. 6 יחידישע אויסשטעלונגען אין חיפה, תל־אביב, ירושלים. 6 אויסשטעלונגען אין די פ. ש. פון אמעריקע.

שלמה איצקאוויטש האט געשלאגן טיפע ווארצלען אינעם ישראל לעבן און אין איר נאטור, ביז צו קאנען איבערזעצן די חיפהער שטאטישע לאנדשאפט און די מענטשלעכע געשטאלטן אויף דער שפראך פון פארביקער בילדערישקייט. ער שלאגט אַן אין זיין שאפן טיף לירישע טענער.

אין זיין שאפן קומט צום אויסדרוק די רייך־אויסגעשפרייטע פאנטאזיע פון קינסטלער און זיין סובטעלע קענטעניש פון פארב און טעכניק.



שלמה איצקאוויטש: רושמיה בריק אין חיפה

רבקה קוויאטקאווסקי-פנחסיק

אין זיכערע הענט

אין דער שטילקייט פון דער נאכט האט ציטערדיק געקלונגען דאס קול פון פרוי זעליגמאן:

— מירעלע, מיין זיסעלע, מארגן וועל איך דיך אוועקפירן צו דער משפחה ווארעק אין דער שטאט. זיי וועלן דיך אויסבאהאלטן ביז...

זייט עטלעכע וואכן האט די פרוי זעליגמאן באשלאסן אויפצוקלערן מירעלען די לאגע אזוי ערנסט ווי זי איז: געבן איר צו פארשטיין, אז די קינדער אין געטא זיינען באדראט; אז עס קאן חלילה געשען, אז אין איין טאג זאלן די דייטשן אלע ארויספירן.

זי האט אבער נישט געהאט קיין מוט וועגן דעם צו רעדן מיטן קינד. מורא געהאט, אז די כוחות וועלן זי אפלאזן און זי וועט נישט באוויזן.

איצט, האלטנדיק דאס מיידעלע אין די ארעמס, האט זי ווייך און אנטשלאסן גערעדט:

— זיי, די משפחה ווארעק, זיינען גוטע מענטשן. א סאך יידן האבן זיי ביז איצט אויסבאהאלטן ביי זייערע משפחות אין די דערפער. ער, קאראל, ארבעט אין דער פאליציי, קיינער קאן אים גארנישט חושד זיין — האט ווייטער געצויגן די מוטער. זי האט זיך באמיט צו זיין באהערשט, נאר מיט יעדן ווארט איז איר דאס בלוט אפגעשוואומען פונעם הארץ; א קעלט האט ארומגענומען דעם גוף.

— ווּעסט גיין מיין קינד? — האט די פרוי זעליגמאן מיט א כלומרשטער רואיקייט געפרעגט.

— איך האב דיר צוגעגרייט א פעקעלע מיט אלע דיינע זאכן. אין טעשל פונעם קליידעלע אריינגענייט א ביכעלע. דארט, מירעלע, זיינען אלע אדרעסן פון די באקאנטע אין שטאט, וואס האבן אונדזערע זאכן אויסבאהאלטן. אלץ איז דארט גענוי פארשריבן. נאך דער מלחמה, מיין קינד, וועל איך אפשר זיין אין אן אנדער שטאט, אפשר נישט קאנען גלייך קומען דיך נעמען... זאלסטו גיין אויף די אדרעסן. היט מירעלע דאס ביכעלע, זיי וועלן דיר אלץ אפגעבן.

די פרוי זעליגמאן האט געגלעט די סאמעטענע האר פון טעכטערל און אויף א רגע נישט איבערגעריסן אירע רייד, ווי זי וואלט זיך געשראָקן פאר די פראגן, וואס קאנען נאכקומען...

— זי, די פרוי ווארעק, האט שטארק ליב קינדער; זי וועט פאר דיר זארגן, אפהיטן דיך. און ער, קאראל, וועט דיר ברענגען בריוו פון מיר. זאלסטו ענטפערן כאטש א פאר ווערטער... געדענק! ס׳וועט דיר דארט גארנישט פעלן. זיי האבן אלץ. נישט בלויז ברויט, נאר אפילו עפל און קוכנס. וועסטו גיין צו זיי, מיין קינד? זאג.

מירעלע האט געשוויגן. מיט די הענטלעך ארומגענומען איר מאמעשי, פעסט צוגעטוליעט זיך צו איר, ווי געוואלט ווייזן, אז קיין שום קראפט קאן זי נישט אפרייסן, צעטיילן.

האט די פרוי זעליגמאן נאך אמאל גענומען מירעלען דערקלערן:

— מיקי־ריקי — אזוי האט זי ליב געהאט צו רופן שפאסיק מירעלען אויף צו מאכן זי לאכעדיק — דו ביסט דאך שוין א גרויס מיידעלע און פארשטייסט, אז אלץ איז צוליב דער שלעכטער מלחמה, וואס אזא איז נאך קיינמאל נישט געווען...

גיט פלוצים אומפארהאפט א פרעג מירעלע:

— און ווי איז אמאל געווען א מלחמה? האבן אלע מענטשן זיך געשלאגן אין די גאסן?... היינט זעט מען דאך נישט די מלחמה... ס׳איז נאר א געטא מיט דראטן...

— אמאל קינד מיינס — ענטפערט אומעטיק די מוטער, האבן זיך נאר זעלנער געשלאגן אויף די פראנטן, די קינדער האט קיינער נישט אָנגערירט. היינט, מירעלע, וויל מען אלעמען אומברענגען! אויך זקנים און קינדער... דער עיקר יידן... מוז מען דאך זיך אויסבאהאלטן... זיין געזונט, האבן א סך, א סך כוחות אויף איבערוואַרטן די שלעכטע צייט.

איצט האט שוין פרוי זעליגמאן נישט גערעדט ווי א מאמע רעדט צו א קינד, וועלכן מען מוז פארזיכטיק צוגרייטן — צו פארלאזן די היים און גיין צו פרעמדע אליין, אָן טאטע־מאמע — נאר ווי צו א דערוואקסענער טאכטער, כדי זי זאל פארשטיין, אז נאר דורך דעם אויסבאהאלטן זיך, קאן זי זיך ראטעווען.

— אויך דער טאטעשי האט זיך היינט אויסבאהאלטן און וועט נישט אהיימקומען שלאפן. קיינער וועט אים נישט געפינען. האט זי מיט א פעסטער,

זיכערער שטים פאַרזיכערט דעם קינד. אויך דיך וועט קיינער נישט געפינען! וועסטו גיין, מירעלע? זאָג.

— איך וועל אין ערגעץ נישט גיין! איך וויל נישט! ניין, ניין! — האָט מירעלע מיט אַזאַ קראַפט געגומען שרייען, אַז די פרוי זעליגמאַן האָט איר קעפּל צוגעדעקט מיט דער דעקע, צוגעטוליעט פעסטער צו זיך, די שכנים זאָלן נישט דערהערן ס׳געוויין פלוצלינג אין דער נאַכט. אויך זיי שלאָפן נישט; אויך זיי פייניקט דער אומרו און די שרעק. האָט זי ס׳קינד גענומען איינשטילן, באַרואיקן:

— מיקי־ריקי — כ׳זע, אַז דו ביסט נאָך אַ פּיצל מיידעלע. וואָס איז דאָ צו וויינען? דאָס איז דאָך נאָר פאַר דיין טובה! דיך אָפּצוראַטעווען... ווילסטו נישט — איז נישט! דאַרף מען נישט... וועט גאָט אויף אַן אַנדער וועג העלפן. שלאָף איצט, מירעלע, שלאָף. אפשר מאָרגן, ווען מיר וועלן אויפשטיין, וועט שוין זיין אויס מלחמה, אויס געטאָ, אויס „פּאָסטן".

✶

אין דער פרי האָט די מאַמעשי אַזוי לאַנג געוויינט, אַז מירעלע האָט עס מער נישט געקאָנט צוזען און אַליין געזאָגט:

— איך וועל גיין צו זיי אין דער שטאָט, איך וועל גיין מאַמעשי... יעדן טאָג וועל איך צו דיר שרייבן אַ בריוו...

ווען דער פּאָליציאַנט קאַראָל וואַרעק, אין זיין מונדיר און נייע שטיוול, איז געקומען אין שטוב פון דער פרוי זעליגמאַן, איז שוין מירעלע געווען אויסגעבאָדן; די שוואַרצע, זיידענע האָר פאַרפלאָכטן אין צוויי לאַנגע צעפּ, מיט אַ רויטן שלייף פאַרבונדן; דאָס פּעקל אַנטועכץ צוגעגרייט, פאַרפּאַקט.

מירעלע האָט געזען, ווי די מאַמעשי האָט אים דערלאַנגט דאָס שיינע קעסטעלע מיט צירונג, וואו ס׳ליגט דאָס גאָלדענע זייגערל, פינגערלעך מיט פינקלדיקע שטיינדלעך אויסגעזעצט, און די לאַנגע, גאָלדענע קייט. מירעלע ווייסט, אַז די מאַמעשי האָט זי צו דער חתונה פון דער באַבעשי באַקומען. אויך די באַבעשי האָט זי פון איר מאַמען באַקומען. דאָס איז אַ קייט, וואָס איז פון מאַמע צו קינד איבערגעגאַנגען, און אויך איר האָט די מאַמעשי די שיינע גאָלדענע קייט צוגעזאָגט.

זי האָט געהערט די שטילע אומעטיקע רייד פון דער מאַמעשי:

— נעמט עס, הער קאַראָל! נעמט און באַהאַלט. אויב איר וועט דאַרפן באַזאָרגן עסן, צי חלילה אַ דאָקטאָר, אַ רפואה — פאַרקויפט אַלץ! אַלץ!

זשאלעוועט נישט דאס גאלד! דערנאך אנגענומען זיינע הענט און ציטערדיק גענומען שטאמלען:

— איך... איך פארטרוי אייך אלץ... דאס טייערסטע...

— נישטא וואס איבערצוקלערן, אריינטראכטן אזויפיל — האט דער פאליציאנט איילים געענטפערט. מיר זיינען דאך מענטשן... אויך מיר האבן קינדער... אזוי אייגן וועלן מיר זי אפהיטן...

קאראל ווארעק איז געווען צעטראגן, געוואלט וואס גיכער ארויס פון דער שטוב, פון דעם געטא, וואס איז נאך אפן, נאר אט, אט וועט עס געשלאסן ווערן.

— קום, מאריסיע, האט ער ווארעם א זאג געטאן און גאר ווייך צוגעגעבן, — אזוי הייסטו פון היינט. און דו ביסט אונדזערס א שוועסטער־קינד. געקומען פון דארף. געדענק! נו גֶעזעגן זיך, מאריסיע, און קום!

מירעלע איז געשטאנען ווי געלעמט. געקוקט אויף דער מאמעשי, אויפן פאליציאנט מיטן פעקל אין דער האנט, און נישט געקאנט אינגאנצן באנעמען וואס דא קומט פאר.

דאס מאל האט די מאמעשי נישט געוויינט מער. זי האט זיך געטרייסט און בארואיקט, אז איר קינד איז אין זיכערע הענט. האט זי מירעלען א הייב געטאן אין דער לופט, צוגעדריקט צו זיך שטארק, שטארק ביז ווייטיק, געקושט אין די אויגן, די בלייכע בעקעלעך, דאס קעפל און די האר.

— זיי געזונט מיקי־ריקי... שרייב יעדן טאג! געדענק!...

די ווערטער האט שוין מירעלע געהערט ביי דער טיר, זיי האָבן זיך איר נאָכגעקייקלט איבער די טרעפ. ביים טויער איז זי א רגע שטיין געבליבן, אומגעקוקט זיך, צי די מאמעשי רופט זי נישט צוריק און איז מיט אַן אראפגעלאזט קעפל ארויס אויף דער גאס.

*

איבער לאנגע, ליידיקע גאסן איז דער פאליציאנט געגאנגען מיט מירעלען. אמאל זיינען זיי געווען פול מיט קינדער, מיט גרעלעכטער. אויפן ברוק פאר די הייזער פלעגן זיי זיך שפילן און ארומיאגן. דא האט געוואוינט די ארעמקייט פון באלוט — אין קליינע שטיבעלעך, אין קעלערס און אויף קרומע ביידעמער. די ענגע ווענט האבן נישט געקאנט ארייננעמען די אלע קינדער. אפילו דאס קליינוואַרג, וואס האט זיך קוים אויף די פיס געשטעלט, פלעגט זיך אויך שפילן אויפן ברוק — הנאה געהאט פון דער גאס, פון די מענטשן

וואָס גייען אַרום מיט קויבערס און פּעקלעך, פון די בריטשקעס מיט פערד און פון די נידעריקע שוי־פענצטער מיט זיסע קיכלעך און צוקערוואַרג. איצט זיינען אַלע פענצטער פאַרהאַנגען מיט שוואַרצע טיכער און די קינדער באַהאַלטן זיך אין די ווינקלען, מען זאָל זיי נישט הערן, נישט זען.

שטיל און פאַרזיכטיק האָט דער פּאַליציאַנט איינגעטענהעט מיט מירעלען:

— זאָלסט עס וויסן און געדענקען מאַריסיע, אַז דיין מאַמע הייסט סטעפאַ, זי איז קראַנק. און מיין ווייב איז דיין מומע — אַזוי וועלן מיר זאָגן די קינדער. געדענק זייערע נעמען:

— וולאַדעק און באַלעק — די זין; וויקציאַ און קאַסיאַ — די מיידלעך. דערווייל וועלן מיר מוזן דיך אויסבאַהאַלטן... שפּעטער וועסטו זיי אַלע זען. פאַרשטייסטו? דאָס מוז זיין אַ סוד. היינט זיינען דאָ פאַרשידענע מענטשן... קאָנען מסרן! פאַרשטייסט? — האָט ער נאָך אַמאָל איבערגעפרעגט. מיר וועלן דיך פאַרשטעקן צווישן מלבושים אין אַ שאַנק... נישט הערנדיק פון מירעלען קיין וואָרט, האָט ער ווייטער מיט אַ גוטמוטיקער שטימע געצויגן:

— עסן וועט דיר ביי אונדז נישט פעלן. יעדע פּאָר טעג וועל איך צוגיין צו דיין היים... ברענגען דיר אַ בריוול... דערציילן וואָס דו מאַכסט... פאַרגעס דיין שטוב, די געטאָ, די יידן, די גאַלע לאַטעס...

ער האָט געקוקט ערגעץ אין דער ווייט אַרויסוואַרפנדיק די ווערטער פון זיך, ווי מורא געהאַט, אַז דאָס קינד וועט אַרויס מיט אַ גרויס געוויין.

אַזוי אָבער ווי מירעלע איז אים געהאַרכזאַם נאָכגעגאַנגען שווייגנדיק, האָט ער מיטאַמאָל אויפגעהייבן איר אַראָפּגעלאָזט קעפּל און האָט גוטמוטיק אַ זאָג געטאָן:

— מיין ווייב, סטאַכע הייסט זי, איז אַ גוטע, נאָר ס'טרעפט אַז זי שרייט אָן אויף די קינדער, זידלט זיי. אויך אויף מיר שרייט זי! — האָט ער אַ לאַך געטאָן, ווי מיט אַ כוונה, כדי צו איבעררייסן מירעלעס געדאַנקען — זי שלאָגט אָבער קיינמאָל נישט. און געפרעגלטע פּלעצלעך ליבסטו? האָט ער גאָר מיט אָן אַנדער, שוין היימישער נאָענטקייט געפרעגט. אַ בריה איז מיינע אויף גוטע מאכלים! די פּלעצלעך מאַכט זי ברוינע, ווייכע און צוגעברענטע. ס'קנאַקט אונטער די ציין! און אַ רויטן באַרשט מיט קרויט אויף פעטע ביינער מאַכט זי בעסער פון אַלעמען.

מירעלע האָט שוין לאַנג נישט געזען קיין קאַרטאָפל. מען האָט זיי אין געטאָ נישט אַריינגעבראַכט. מעל און קאַשע, רייז און אַרבעס, וואָס דער טאַטעשי האָט פאַר דער מלחמה איינגעקויפט, איז געווען די שטענדיקע שפּייז.

און מירעלע האט גארנישט געזאגט, ווען יעדן טאג האט די מאמעשי ווידער א טעלערל מיט רייז איר צוגעשטעלט.

זי האט געזען, ווי אלע קינדער אין געטא האבן טרוקענע, דארע פנימלעך, האט זי פארשטאנען, אז ביי זיי, איז שוין קיין ביסל רייז אויך נישטא מער.

איצט, הערנדיק פון די גוטע מאכלים, איז איר איבלדיק געווארן אין מויל און טרוקן געווארן אין האלדז. זי וואלט גליקלעך געווען מיטן טעלערל רייז, ביי זיך אין דער היים. פארשידענע מחשבות זיינען איר מיט אמאל אנגעקומען. איין געדאנק האט צעטומלט דעם צווייטן, בילדער נישט קלארע האבן זיך געמאלט פאר אירע אויגן. קוים דערהערבאר האט זי מיט א ציטערדיק קול א פרעג געטאן:

— פארוואס עפעס וועט מען מיך אויסבאהאלטן אין א שאַנק?

*

ווען מירעלע איז איבערגעקומען די הויכע טרעפ, האט זי לייכטער אפגעאטעמט. די פיס האבן זי קוים געטראגן העכער און העכער. זי ווייסט אבער, אז זי טאר נישט זיין שוואך; קיינער דארף איר שלאפקייט נישט דערזען — אזוי האט זי די מאמעשי געלערנט.

ווען זי האט די שוועל פון דער שטוב באטראטן, איז קיינער פון די קינדער פון דער משפחה ווארעק נישט געווען.

די פרוי פון פאליציאנט, א לייביקע און פעסטע, מיט א קאפּ העכער פון איר מאן, איז צוגעקומען צו מירעלען, אויסגעטאן איר דאס מאנטעלע, א רגע איינגעקוקט זיך אין איר פנימל, אנגענומען ביידע צעפּ און לאנגזאם ארומגעבונדן ארום מירעלעס קאפּ און ארייגעזעצט לאנגע, שמאלע קעמעלעך. נאך א מאל מיט זארג זיך איינגעקוקט אין איר בלייכן פנימל און א ברום געטאן:

— גאָר נישט ווי פון דאָרף!

זי האט מירעלען אריינגעפירט אין לעצטן צימער. דאס פעקעלע אוועקגעלייגט אויף א שטול. גארנישט זאגנדיק אריינגעבראכט א טעלער ברויט מיט ווייסן קעז, א טעפל קאווע און א שטיק קוכן.

אנווייזנדיק אויף דער ברייטער, דעמבענער שאנק האט זי שטיל גענומען רעדן:

— טרינק און עס, האב קיין מורא נישט... דערווייל וועסטו זיין אין דער שאנק. שפעטער וועט מען זען. דו, מאריסיע, זיץ נאר רואיק און ריר זיך

נישט פון ארט. דאס איז א סוד! — און צוגעלייגט די פינגער צום מויל — א סוד פאר די שכנים, אפילו פאר מיינע קינדער. שפּעטער וועט מען שוין זען... נאך אמאל איבערגעחזרט, ווי געוואלט זי טרייסטן, בארואיקן.

מירעלע האט קוים געשלונגען די ווארעמע קאווע. קיין ביסן אבער, האט זי אין מויל נישט געקאנט נעמען. האט די וואַרקאָוואַ אַריינגעשטעלט דעם טעלער מיטן קוכן אין שאנק און האט אנגעוויזן מירעלען:

— שאַ... שטיל... זעץ זיך דא אנידער... נאר נישט מורא האבן... אזוי ווי דו וועסט אפעסן, פּרוביר איינשלאפן. האט מירעלע געהערט די לאנגזאמע אויסגעציישעטע ווערטער און אלץ געטאן, וואס מען האט איר געהייסן.

א שליסל האט זיך א דריי געטאן אין דער טיר און מירעלע איז געבליבן אין דעם פינצטערן, פארשלאסענעם שאנק.

גלייך האט זי געהערט א באנומענעם אויסגעשריי:

— באזשע מאי! — וואס סארא זאכן! סארא רינגען!

מירעלע האט פארשטאנען, אז דאס ווייב פון פּאליציאַנט פרייט זיך אזוי מיט דער מאמעשיס צירונג, מיט דער קייט.

יעדן יום־טוב האט די מאמעשי געטראגן די לאנגע גאלדענע קייט. איר פּנים האט דאן ליכטיק געשיינט, גאר אנדערש זיך אויסגעוויזן. און איצט? איצט וועט דאס ווייב פון פּאליציאנט טראגן די קייט... טראכט מירעלע מיט א פארקלעמט הארץ. איצט איז איר די מאמעשי טייערער, ווי אלעמאל.

מיט צעגליטע, ברייט צעעפנטע אויגן, קוקט מירעלע זיך ארום אין דעם פול־אנגעפּאקטן שאנק — אויף די פּעלצן, קליידער און מאנטלען וואס הענגען דארט. דורך עטלעכע שפּארונעס צווישן די ברעטער פון דער וואנט־זייט, שיינען אריין פּאסיקלעך ליכט, די פינצטערקייט צו באהעלן. פּאמעלעך, פּאמעלעך הייבט זיך מירעלע אָן פּאנאנדערקלייבן אין דער פינצטערניש. זי פארשטייט, אז די שפּאַרונעס אין די ברעטער זיינען נישט צוליב ליכט, נאר אביסעלע לופט צום אטעמען זאל צוקומען.

זי האט שוין ניין יאר, פארשטייט שוין א סך, א סך זאכן, וועלכע זי האט פריער נישט פארשטאנען.

זי פארשטייט איצט, אז ברויט, און אלץ וואס מען עסט — איז לעבן! פריער האט זי קיינמאל וועגן דעם נישט געטראכט, נישט פארשטאנען. דער טעלער ליגט נעבן איר. זי ציט אויס דאס הענטל, וויל נעמען א שטיק קוכן. די מאמעשי האט דאך געזאגט:

„מען דארף זיין שטארק... אויף איבערצולעבן!"

נאר זי קאן נישט, האט קיין מאכט אין די פינגער. זי זיצט צווישן פעלצן און טייערע פוטער־מאנטלען. זי געדענקט, אויך דער טאטעשי האט אזא פעלץ געטראגן... איצט טראכט מירעלע:

וואו האט זיך דער טאטעשי באהאלטן? אפשר אויך אין אזא שלעכט, פינצטער ארט?

פון אירע אויגן הייבן אָן רינען טרערן. זיי פאלן אויף די זיידענע קליידער און שלאפרעק. איר שטערן ברענט, דאס קעפל ווערט וואס אמאל שווערער, די טרערן ווערן ווי פארגליווערט אין די אויגן און אויף די בעקלעך. זי עפנט ברייט אויף דאס מויל, פעסטער צו אטעמען, און וויל שרייען הויך, שרייען מיט אלע כוחות, אז אין די ווייטע גאסן פון עק שטאט, זאל די מאמעשי איר קול דערהערן און זי צוריק אהיימנעמען.

זי ווייסט אבער, אז מען טאר נישט. דאס ווייב פון פאליציאנט האט דאך אנגעזאגט: „שטיל זיצן און זיך נישט רירן...” זיצט זי אין דעם פינצטערן שאנק אומבאהאלפן, פארחלשט, ביז אירע פארווייינטע אויגן פאלן צו.

פלוצלינג איז צו מירעלען דערגאנגען אַ קינדער־געלעכטער, א פריילעכער טומל און רעש. זי האט אויפגעמאכט די פארלאפענע אויגן. אין דער ערשטער רגע נישט באנומען, וואו זי געפינט זיך, ווי אזוי קומט זי אין אזא גרויסן שאנק פול מיט מלבושים און פעק. אירע אויגן זעען גארנישט. קוים וואס זי כאפט אויף דאס שמאלע פאסיקל ליכט, וואס באהעלט איר באהעלטעניש וואס אמאל ווייניקער. טונקעלער.

— מסתמא זיינען די קינדער געקומען — גיט א טראכט מירעלע.

זייער געלעכטער און ארומלויפן איבער דער שטוב מיט א שיך טראסקעריי דערשלאגט זי נאך מער:

— פארוואס קאנען זיי זיין ביי זיך אין דער היים, ארומלויפן איבער דער שטוב? — טראכט א פארצווייפלטע מירעלע. און פארוואס מוז איך דא זיצן איינע אליין, פארשלאסן אין דער פינצטער? פארוואס? — נעמט מירעלע וויינען. באהאלט דאס רויטע, פארלאפענע פנימל אין די הענט, קיינער זאל איר כליפען נישט דערהערן.

זי ווייסט שוין אליין נישט, ווי לאנג זי געפינט זיך אין דעם פינצטערן שאנק. צי ס'איז נאך טאג, צי די נאכט איז שוין צוגעפאלן. זי הייבט אָן צו אונטערשיידן די שטימען און שטעלט פעסט:

— דאס רעדט דער פאליציאנט... ער לאזט נישט שרייען מסתמא. ס'הערט זיך א טופעריי פון שיך און ס'ווערט שטיל.

...אין א צווייטן צימער זיינען זיי אלע אריינגעגאנגען — טראכט מירעלע און ס׳טוט איר שוין באנג, וואס זיי זיינען ארויסגעיאגט געווארן. די שטילקייט ווערט איר פיינלעך. נעמט שטיקן און שרעקן.

אירע געדאנקען ווערן צעטומלט. אין איר זכרון טוישן זיך פארשידענע בילדער פון פארגאנגענעם טאג. איז דאס אלץ היינט פארגעקומען, היינט? זי ווייסט שוין גארנישט וואס עס טוט זיך מיט איר. איר הערצל קלאפט נאר מיט איין פארלאנג: אהיימגיין! ארויס אויף דער פריי...

ווי א ווייטער טרוים איז איר איצט דאס קליינע שטיבל אין געטא. איר בעטל נעבן דאס בעט פון דער מאמעשי. זי וויל קלאפן מיט די הענטלעך אין ד׳ער טיר פון דעם גראבן שאנק און שרייען:

— מאכט אויף! איך וויל ארויס פון דאנען!

די טעלער מיטן קוכן ליגט איבערגעקערט. זי האט גאר פארגעסן פון איר. די שטילקייט ווערט וואס אמאל טיפער, גרויזאמער. דער פחד וואס אמאל גרעסער. נעמט מירעלע טראכטן וועגן געטא. אלע יידן מיט די געלע לאטעס. די מאמעשי און דער טאטעשי זיינען אין געטא. זיי איז גוט, זיינען אלע צוזאמען, קאנען ארומגיין אויף דער גאס, זען מענטשן...

איר קעפל פאלט אראפ נידעריקער ווי א בלימל, וואס איז פון לופט און זון אוועקגענומען געווארן.

ווידער לאכן קינדער. עטלעכע קולות צוזאמען הערן זיך דורך אַן אנדער וואנט. איבער זיי שרייט א פעסט קול.

— דאס איז זי, די ווארקאווא, פארשטייט מירעלע און דאס געלעכטער נעמט זי שטעכן, ווי מען וואלט איר אריינגעשטאכן אין הארץ א שארפן נאגל טיף, טיף. דער גאנצער קערפער נעמט איר ברענען. איצט וויל זי ארויס־שרייען:

— שטיל! שטיל זאל ווערן!.. זאל קיינער נישט לאכן, קיינער!

*

שפעט אין דער נאכט האט א שליסל זיך א דריי געטאן אין טיר פון דעם שאנק. דער פאליציאנט מיט זיין פרוי זיינען געשטאנעןביים אפענעם שאנק און שווייגנדיק זיך צוגעקוקט, ווי מירעלע שלאפט איינגענורעט אין א ווייכן פוטער־מאנטל, ווי אין א קישן. די פיס צוזאמענגעקורטשעט, ווי אפילו אין שלאף געדענקט און מורא געהאט נישט צעקנאדערן די טייערע מלבושים. דערנעבן ליגט די טעלער מיטן קוכן און צעווארפענע שטיקלעך ברויט.

די ווארקאווא האט מירעלען א צי געטאן ביים ארבל. שטיל א שעפטשע געטאן:

— מאריסיע, שטיי אויף, קום ארויס...

מירעלע האט אויפגעמאכט א פאר רויטע, פארלאפענע אויגן, אויסגע־צויגן די פארשטייפטע פיס, ארומגעקוקט זיך אין אלע זייטן, ווי נישט געקאָנט זיך דערמאנען, ווי אזוי איז זי דא אהער געקומען.

קאראל ווארעק האט צו איר אויסגעצויגן די האנט, גערופן זי:

— קום ארויס... וואש זיך, זעץ זיך אוועק אפעסן. א גוט בעטל איז פאר דיר צוגעגרייט...

מירעלע האט דערזען אויף א באנק א שיסל וואסער. א ליבע ווארעמ־קייט האט זי ארומגענומען, ווען זי האט אין דעם וואסער אריינגעלייגט די פארשטייפטע הענט און געהארכזאם גענומען זיך וואשן.

— שנעלער... גיכער — האט געאיילט די שווערלייביקע פרוי, וואס איז נעבן איר געשטאנען. עס קאן אימיצער פלוצלינג אנקלאפן אין טיר... א קינד קאָן זיך אויפוועקן!

א צעטומלטע האט מירעלע זיך געווישט מיטן ווייכן האנטוך און געטראכט:

— ביי אונדז אין דער היים זיינען אויך אזעלכע האנטוכער געווען, נאר די מאמעשי האט זיי שוין לאנג פארקויפט. ס'איז גוט געווען צו האלטן דאס געבלימלטע פראטער־האנטוך, וואס האט איר דערמאנט די היים.

אויפן טיש איז געלעגן ווייס ברויט מיט פוטער באשמירט. א טעלער קעז מיט סמעטענע. א שיסעלע קארטאפל מיט רויטן, פארעדיקן בארשט. לאנג האט שוין מירעלע נישט געזען אזעלכע מאכלים..

— אוי וואלט דאס א סעודה געווען, ווען דאס אלץ וואלט געווען אין דער היים — לויפט ביי איר אדורך א געדאנק.

דאס ברוינע, אויסגעבאקענע ברויט מיט קימל באשיט, וואס די ווארקאווא באקט אליין, האלט זי אין מויל ווי א זויערע מאסע און קאן דאס נישט אראפ־שלינגען.

— מארגן וועט מען אין געטא טיילן ברויט, טראכט זי, און די מאמעשי האט נישט קיין ביסן אפילו.

— עס, עס... איילן ביידע. שוין שפעט, שוין נאכט. און רוקן צו נאענ־טער די טעלער קארטאפל מיטן בארשט.

בייגט זיך איין צו איר דער פּאַליציאַנט און רעדט פאַרטרווילעך:

— ווּעסט זען, שוין נישט לאַנג און ס׳וועט זיך ענדיקן די מלחמה... ווּעסט צוריקגיין צו דיינע... אַלע האָבן היינט צרות... אויך מיר... טראַכט נישט איבער... אָט האָב איך אַ בריוול פאַר דיר!

דער פּאַליציאַנט נעמט אַרויס פון קליינעם טעשל אַ צעקנייטשט שטיקל פּאַפּיר און לייענט עס הויך:

„טייערע מיקי... געדענק, אַז דו דאַרפסט היטן דיין געזונט און טאָן אַלץ, וואָס דיין מומע הייסט דיר, איך ליב דיך שטאַרק און קוש אָן אויפהער".

ביי די לעצטע ווערטער האָבן פון מירעלעס אויגן ווי פון אַ קוואַל געגומען פלייצן טרערן. זיי זיינען געראָנען איבערן פּנים, איבערן שיסעלע מיט קאַרטאָפל. שטיל, אומבאַהאָלפן, פאַרצווייפלט.

זי נעמט אָבער די לעפל און הייבט אָן עסן. די מאַמעשי האָט געשריבן, אַז מען דאַרף היטן דאָס געזונט, זיין שטאַרק...

ווען קאַראָל וואַרעק רוקט איר צו אַ שטיקל פּאַפּיר, קאָן זי אָבער קיין וואָרט נישט אָנשרייבן. זי זיצט ווי אַ געלעמטע מיט דער פּעדער און קוקט אומעטיק ערגעץ אין דער ווייט.

— מען דאַרף נישט וויינען — טרייסט מירעלען דער פּאַליציאַנט. מאָרגן וועסטו שוין אַ גרויסן בריוו אָנשרייבן און איצט קום שלאָפן. האָסט אַ גרויס בעט מיט אַ סאַך קישעלעך און קאָלדרעס. באַלד מוזן מיר די שטוב פאַרשליסן.

די וואַרקאָווא איז געשטאַנען נעבן מירעלען בעת זי האָט זיך אויסגעטאָן און באַטראַכט אירע זאַכן. אַדורכגעדרונגען זיי מיט די בליקן אָן איבערצייגטע, אַז אין זיי מוז זיין אַן אוצר פאַרשטעקט, אויסבאַהאַלטן אַ גאַר וויכטיקע, טייערע זאַך!

— אַ גוטע נאַכט — האָט זי שטיל אַ ברום געטאָן — ווען מירעלע איז אַריין אין בעט. קיינעם וואָלט עס אויפן זינען נישט געקומען, אַז אונטער די קאָלירטע קישעלעך, און דעקעס ליגט איינגענורעט אַ פאַרוויינט קינדער־פּנימל.

*

אַ צייט ליגט זי איינגעקאָרטשעט ווי פריער אין דעם שאַנק. לאַנגזאַם ציט זי אויס די מידע פיס. אָטעמט אָפּ לייכטער, ווי זי וואָלט זיך דערפילט פרייער אין בעט.

צום ערשטן מאל באנעמט זי, אז א בעט איז פאר א מענטשן ווי א נעסט, וואו מען קאן זיך אויסבאהאלטן. אזא מקום־מנוחה, וואו מען קאן זיך פארשטעקן און פארגעסן פון אלעמען ארום. איצט פילט זי, ווי די ווארעמקייט פון בעט, די ווייכע קישעלעך פרישן זי אויף און באַרואיקן.

— פארוואס האט מען מיך נישט אויסבאהאלטן אין א בעט, צווישן טיכער און דעקעס, נאר דווקא אין א שאנק ? — חזרט זי איבער עטלעכע מאל, ווי זי וואלט די עוולה נישט געקאָנט איבערטראגן.

איצט האט זי ליב די נאכט. די נאכט איז א גוטע, א שטילע און ס'איז געננג צו צומאכן די אויגן, כדי צו זען אלץ, וואס מען וויל.

ליגט מירעלע און חלומט איר חלום אויף דער וואר: זי זעט די אמאליקע היים אין שטאט, איידער די געטא איז איינגעפירט געווארן. זי זעט איר היים אין א יום־טוב טאג, מיטן ווייסן טישטעך אויפן טיש, מיט די צעהעלטע ליכט. ביים טיש זיצט דער אלטער זיידעשי מיט דער לאנגער, ווייסער בארד. אויף אלע יום־טובים פלעגט ער צו גאסט קומען. פון אלע ווינקעלעך בלענדט די ריינקייט, און די מאמעשי שיינט אין איר יום־טובדיקן קלייד מיט דער גרויסער, גאלדענער קייט אויפן האלדז.

— פארוואס האט מען אונדז ארויסגעטריבן פון דער היים ? — נעמט זי אויפסניי וויינען. פארוואס ?

אין די אויערן קלינגט איר דער יום־טובדיקער ניגון פון טאטעשי. אלעמאל איז ער געווען פארזארגט, פארדאגה'ט, אבער אין א יום־טוב און א שבת האט ער שטענדיק אָן אויפגעהייטערטער פריילעך געזונגען, און זי, מירעלע, הערט איצט זיין ניגון. מיט אמאל כאפט זי זיך אויף. וואס סאַרא שיינער חלום...

— אהיים! אהיים! — נעמט קלאפן שטארקער איר הערצל. און ס'ציען זיך אדורך פאר אירע אויגן וואס אמאל אנדערע בילדער. קומען אויף זכרונות שוין לאנג פארגעסענע און ערשט וואס געוועזענע. זי שלאפט איין א מידע. און גלייך וועקט זי זיך איבער אין פחד, קוקט זיך ארום א צעטומלטע אין אלע זייטן. ס'איז אבער שטיל, פארמאכט זי צוריק די אויגן... זעט זי פאר זיך דאס דערפל, וואו זיי האבן דעם לעצטן זומער פאר דער מלחמה פארבראכט. די אויסגעקאלכטע שטוב, וואס די מאמעשי האט ביי אָן ארעמען פויער געדונגען. פון איין פענצטער האט זיך געזען דאס גאלדענע קארן־פעלד, פון דער צווייטער זייט דער קארשן־סאד מיט זיסע רויטע קארשן אויף אלע ביימער. זי האט ליב געהאט זיי אנהענגען אויף די אויערן, ווי אויערינגלעך, און אזוי ארומגיין. זי פילט איצט די אויערינגלעך אויף אירע אויערן און דעם קארשן־זאפט אין מויל.

פאַרשווינדט דאָס בילד, דערזעט זי דעם וואַלד... ס'איז איר גוט צו הערן דעם שטילן רויש פון דיביימער. אַלץ איז דאָרט געווען אַנגעזאַמלט: שוואָמען און יאַגדעס, בלומען און וואונדער־רפואות. און דאָס שענסטע פון אַלעמען — דער פייגל־געזאַנג. דאָס שטילע, אָרעמע דערפל הינטער לאַדזש, מיטן שמאָלן טייכל און זאַמדיקע וועגן איז איצט אין איר חלום רייכער און שענער געוואָרן.

מיט אַמאָל דערהערט זי אַ שאָרך ביי אירע זאַכן אויפן בענקל. פינגער רוקן זיך איבער אירע קליידער. זי זעט ווי די וואָרקאַווע לייגט איבער דאָס מאַנטעלע. זוכט אין די טאַשן, דרייט איבער... ווייסט זי שוין אַליין נישט צי איז עס אַ חלום, אָדער דאָס געשעט אויף דער וואָר? ציטערן אירע ליפּן אין אַ געבעט:

— גוטער גאָט, מאַך אַז איך זאָל ווידער זיין אין דער היים... עס זאָל מער נישט זיין קיין מלחמה, קיין געטאָ... מ'זאָל אַלע זיין צוזאַמען, צוזאַ...

*

זייִנען אַדורך עטלעכע טעג און נעכט, און מירעלע האָט פאַרלוירן דעם חשבון פון דער צייט. געדענקט שוין נישט, ווען זי איז פון דער היים אַוועק־געפירט געוואָרן, וויפיל טעג זי ליגט שוין אין דעם שאַנק. זי טראַכט נישט מער, צי דער טאַטעשי ליגט נאָך אין זיין באַהעלטעניש, און צי ער איז דאָרט הונגעריק; אויך נישט וואו ס'איז אַהינגעקומען דער אַלטער זיידעשי. זי טראַכט אויך נישט וואָס טוט איצט איינע אַליין די מאַמעשי אין געטאָ.

די טעג שווימען אַוועק אין חלומות. זי גייט אַרום מיט דער מאַמעשי איבערן וואַלד, הערט מעשיות וועגן פייגל, אַלטע ביימער. זי זעט קלאָר די מאַמעשי אין העלן, געבלימלטן קלייד, הערט איר קול.

און אַזוי כסדר וועקן זיך אויף אין זכרון וואָס אַמאָל אַנדערע בילדער: אָט זעט זי זיך אויפן שול־הויף אַרומלויפן מיט אַלע קינדער צוזאַמען. די דערמאָנונג פון דער שול רייסט איר אַרויס פון דער פאַרחלומטקייט.

— וואָס וועט זיין איצטער, ווען מען לערנט שוין נישט מער? — טראַכט זי מיט אַ פאַרקלעמט הערצל.

— וואו זייִנען אַלע קינדער און די לערערקעס? ס'דערוועקט זיך אין איר אַ רחמנות אויף זיי אַלע, וואָס זייִנען ערגעץ פאַרשוואונדן, ווי זיי וואָלטן קיינמאָל נישט געווען.

— אוי האָט מירעלע ליב געהאַט איר שול! יעדן טאָג איז זי געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ פרישן ווייסן קראַגעלע, אָנגעטאָן אויפן שוואַרצן שערצל. די צעפּ פאַרפלאָכטן מיט ווייסע, זיידענע שלייפן. ווי גוט ס'איז געווען אַלץ צו דערציילן פון דער שול אין דער היים!

די קליידער, וואס הענגען ארום איר, ארן זי נישט מער. זי זיצט איינ־געקוקט אין די שפארונעס צווישן די ברעטלעך פון דעם שאנק. טראכט, אז דארט וואו ס׳איז ליכטיק, דארט איז א לעבן. זי זעט נישט קיינעם, נאר זיצנדיק איינגעקוקט אין פאסיקל ליכט דערמאנט זי זיך די גאסן פון דער שטאט. אויך איצטער גייען דארט ארום מענטשן, אזוי אייגן ווי זי איז מיטן טאטעשי ארומגעגאנגען. זי פילט איצטער זיין האנט, ווי ער האלט זי. איז איר גוט צו גיין מיט אים צוזאמען, פילן זיין נאענטקייט נעבן זיך.

מירעלע ציט אויס דאס הענטל צום טעלער מיטן עסן און נעמט פאמעלעך קייען א שטיקל ברויט: — די מאמעשי האט געהייסן זיין שטארק רעדט אין איר אַן אינערלעך קול. נאר דאס שטיקל ברויט פאלט באלד ארויס פון דער האנט. זי שלאפט איין. ביי נאכט וועקט זי זיך אויף אין בעט און פרעגט א פארוואונדערטע:

— ווי אזוי בין איך דא אריין? נאר וואס בין איך דאך געווען אין דעם שאנק?

ביים בעט שטייט די ווארקאווא און זוכט, זוכט... מירעלע הערט אין שלאף איר אויסגעשריי:

— וואס סארא ביכעלע איז דא איינגענייט געווארן? וואס איז דא פאר־שריבן? וואס סארא נעמען? אדרעסן? אַן אומגליק וועסטו אויף אונדז ברענגען! שוין זאלסטו אויסדערציילן אלץ! אלץ!

מירעלע וויל זיך אויסבאהאלטן אין די גרויסע הענט פון טאטעשי, איגעם בעט פון דער מאמעשי, אבער דאס ווייב פון פאליציאנט שרייט וואס אמאל העכער, שטייענדיק הארט נעבן איר ביים בעטל. שטאמלט מירעלע ציטערדיק:

— אין דעם ביכעלע זיינען די נעמען פון אונדזערע באקאנטע, די גוטע פריינד אין דער שטאט... זיי האבן אויסבאהאלטן אונדזערע זאכן...

— גוטע פריינד! — נעמט לאכן די ווארקאווא גאליק. ... — דיך האבן זיי נישט געוואלט אויסבאהאלטן, נאר די זאכן! די גוטע באקאנטע פון דער שטאט! נאר גענוג... שלאף איצטער, רעדט שוין רואיקער די ווארקאווא און גייט ארויס פון דער שטוב.

קאן שוין מירעלע מער נישט איינשלאפן. דעם גאנצן טאג האט זי געווארט אויף דער שעה ווען זי וועט זיך קאנען לייגן אין בעטל. אויסציען באקוועם די פיס. אפשר וועט די שלאפקייט אדורך. זי ווייס, אז ס׳קעפל גליט אזוי ביי איר, ווייל ס׳איז נישטא קיין לופט אין דעם שאנק און פון אלע זאכן טראגט זיך א ריח פון נאפטאלין. און ווייל די קינדער פון פאליציאנט לויפן ארום א גאנצן

טאָג איבער די צימערן, יאָגן זיך און לאַכן... איצט קאָן שוין אָבער מירעלע קיין אויג נישט צומאַכן. פאַרגעסן פון אַלעמען און חלומען פון דער היים.

אין דער פינצטער ווערט די שווערלייביקע וואַרקאָווא וואָס אַמאָל גרעסער און גרעבער. מיט אַ פאַרחלשט הערצל טראַכט מירעלע אין פּחד:

— וואָס וועט איצטער ווערן... וואָס וועט די וואַרקאָווא טאָן מיטן ביכעלע?

*

ווען דאָס ווייב פון פּאַליציאַנט האָט זי צומאָרגנס אויפגעוועקט איז שוין לאַנג געווען טאָג.

— שטיי אויף... מען דאַרף זיך שוין אָנטאָן — האָט זי די וואַרקאָווא געצויגן פאַרן הענטל. זי האָט פון איר פּעקל מלבושים אַרויסגענומען ריינע וועש, אַ קליידל, און האָט אַרומגעבונדן איר די צעפּ אַרום קאָפּ. אַ ווײַלע זיך איינגעקוקט אין איר געלן פּנים און אַ צעטומלטע געגומען רעדן:

— אַנו, קום אָפּעסן... גיב זיך אַ ריר! לעבעדיקער! מירן גיין אין שטאָט...

— ווען די קינדער וועלן קומען וועל איך זיי זאָגן, אַז דו ביסט נאַר וואָס פון דאָרף געקומען... דו, מאַריסיע, רעד נאַר נישט צו פיל. איך וועל זיי שוין זאָגן, אַז די מומע וואַנדע איז קראַנק. צוזאַמען מיט אַלע וועסטו עסן ביים טיש! עסן זאָלסטו אַ סך ווי זיי אַלע... נישט ווי ביי די יידן, צו ביסעלעך...

פאַרשטייט נישט מירעלע די רייד. וואָס וויל דאָס ווייב פון פּאַליציאַנט? נאָך וואָס פּלוצלינג גיין אין שטאָט? אין געטאָ איז מירעלע קיינמאָל נישט אַרויס אָן דער געלער לאַטע. האָט זי איצט מורא צו גיין אָן אַ לאַטע און ווייסט, אַז אין שטאָט גייען דאָך אַלע אָן לאַטעס! האָט זי אַ פּחד פאַר דער שטאָט. פאַר די פרעמדע מענטשן אויף די גאַסן. זי ווייסט, אַז איצט איז שוין די שטאָט נישט די זעלבע, ווי דעמאָלט, איידער זיי זײַנען אין געטאָ געגאַנגען. עסט זי פּאַמעלעך דאָס ברויט מיט מאַרמעלאַד, טרינקט די פאַרווייסטע, זיסע קאַווע, און טראַכט מיט אומרו וועגן די קינדער.

— ווי וועלן זיי צו מיר רעדן? וואָס וועלן זיי פרעגן? צי וועלן זיי עפּעס פאַרשטיין? די וואַרקאָווא שטייט שוין נעבן איר אין וואַלענעם טוך מיט אַ קויבערל אין האַנט און איילט:

— קום גיכער, מאַריסיע, מיר וועלן גיין...

כאַפּט מירעלע אַ בליק אויף דער שטוב. זי קאָן זיך נישט דערמאָנען, צי זי איז דאָ אַמאָל געווען. זי זעט דריי גרויסע בעטן, אַ שאַנק. ביים טיש אַ סך בענקלעך. אויף די ווענט הייליקע בילדער — גרויסע, ליכטיקע, אין גאָלדענע שווערע ראַמען.

דורך דער אפענער טיר זעט זי א צווייטן, גרויסן צימער. מיט א העלן בופעט אוןברייטן טעפּיך אויף דער ערד.

— מסתמא א סאלאן — גיט מירעלע א טראכט... און גייט נאך געהארכזאם מיט דער ווארקאווא איבערן לאנגן קארידאר... הערט ווי זי פארשליסט די טיר.

אויף די טרעפּ דערלאנגט זי איר דאס קויבערל שווייגנדיק. ערשט אויף דער גאס נעמט זי רעדן שטיל, פארזיכטיק:

— דו גיי גלייך און קוק זיך נישט אום. ס׳טיכל רוק אראפּ אויפן פּנים, אט אזוי, א גוט מיידעלע ביסטו! גיב מיר די האנט. אט אזוי!

די ווארקאווא רעדט אָן אויפהער, שפּאנט פון איין געסל אין צווייטן און מירעלע נעבן איר מיטן קויבערל אין דער האנט. און אט גייען זיי איבער דער ברייטער גאס. מירעלע ווייסט, אז דאס איז די שטאט, וואו זי האט יארן לאנג געוואוינט. נאר איצטער איז איר דא אלץ פרעמד. די אויפשריפטן אויף די גאסן דייטשע, ארום הערט זיך נאר דייטש און דייטש. גאר אנדערע פּנימער. אלץ אנדערש ווי אמאל. נאר דער הימל איז אזוי קלאָר, ווי אין איר חלום. וואונדערט זיך מירעלע אין הארצן:

— ווי אזוי געשעט דאס, אז איך גיי איבער א גאס מיט מענטשן צוזאמען? אין דער שטאט! קיין יידן זיינען דאך דאָ שוין נישטא מער!... זי קאן אבער לאנג נישט ציען דעם פאדעם פון די געדאנקען.

פלוצלינג שטעלט זיך אפּ די ווארקאווא ביי א טויער און נעמט גיך אריינרעדן אין איר:

דא וועסטו ארויפגיין... אויפן ערשטן שטאק... גיב א קלונג אין טיר און זאג: — די מאמעשי האט מיך געשיקט נאך דעם זילבערווארג... נאכן זייגערל... און געשוויגן זאל ווערן, פארשטאנען?!

שפּאנט מירעלע ציטערדיק מיטן קויבערל איבער די טרעפּ. זי דערקענט דאס הויז. נישט לאנג צוריק איז זי דא געווען מיטן טאטעשי, געזעגענען זיך. גיט זי קוים א קלונג און שוין מאכט זיך אויף די טיר. די אלטע פּרוי מילאָווסקי קוקט זי אָן א דערשטוינטע און פרעגט מיט א פארצווייפלטע שטים:

— וואס טוסטו דא, מיין קינד? איינע אליין? וואס ווילסטו?

די מאמעשי האט מיך געשיקט נאכן זייגערל... נאכן זילבער — שטאמלט מירעלע, און פון אירע אויגן נעמען רינען גרויסע, שווערע טרערן.

— שוין, שוין... ענטפערט א פארלוירענע די אלטיטשקע, די מאמעשי דארף מסתמא געלט!? ווארט א רגע...

גלייך קומט זי צוריק מיט א פּעקעלע אין א האַנטוך אַרומגעוויקלט און דערלאַנגט עס איילִיק:

— דאָס איז עס... גיי פאַרזיכטיק... דערצייל קיינעם גאָרנישט! און שוין האָט זיך די טיר פאַרקלאַפּט. די פרוי מילאָווסקי איז פאַרשוואונדן, ווי דאָס פּנימל פון קינד וואָלט אויף איר אַן אימה אַנגעוואָרפן.

גייט איר אַנטקעגן די וואַרקאַווא אויף די טרעפּ מיט א שמייכל אויפן ברייטן רונדיקן פּנים. נעמט גיך דאָס קויבערל און באַהאַלט עס אונטערן טוך.

— קום, מאַריסיע, קום ווייטער, רעדט זי א צעשטראַלטע. באַלד וועלן מיר אַהיימגיין. פון הײַנט אָן וועסטו זיך שוין שפּילן מיט די קינדער צוזאַמען. אַרומלויפן מיט זיי. מען דאַרף נאָך ערגעץ צוגיין. אָט, אָט, נישט ווײַט.

מירעלע הערט שוין גאָרנישט. די ווערטער בלייבן הענגען אין דער לופט, עס פאַרהילכט זיי דאָס פּייפן פון צענדליקער אויטאָס, דער טומל פון דער גאַס. דאָס הערצל קלאַפּט שטאַרק און זי קאָן שוין מער דעם אָטעם נישט כאַפּן.

— וואָס וועט איצטער זאָגן די מאַמעשי? — טראַכט מירעלע. און די גוטע פרוי מילאָווסקי? אפשר האָט זי די מאַמעשי געבארגט געלט? אָדער גאָר פאַרקויפט דאָס זילבערוואַרג?

— דאָ וואוינט אײַער באַקאַנטע, די פרוי זאַוואַדזקי... רעדט מיט א בייזן־גלאַנץ אין די אויגן די וואַרקאַווא. גיי רואיק אַרויף אויף דעם דריטן שטאָק. זאָג זיי:

— די מאַמעשי האָט מיך געשיקט נאָך דעם זילבערנעם פוקס...
איך וואַרט דאָ אין טויער... אויף דעם הויף, האָט זי געזעדט ווי א צעמישטע פון אויפרעגונג און אײַלעניש. אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זײַטן, צי קיינער קומט נישט.

ווערט מירעלעס פּנים נאָך קלענער, ווי אײַנגעשרומפּן פון פּחד.
— וואָס מיינט זי זיך די וואַרקאַווא? וואָס וויל זי טאָן מיטן ביכעלע? מיט אַלע אַדרעסן און נעמען?

ווי אויף א הויכן באַרג. קלעטערט מירעלע אויף די טרעפּ און קאָן קוים אַרויף. גיט א שוואַכן, שטילן קלאַפּ אין טיר, ווי פון אירע הענט וואָלט די קראַפט אויסגערונען.

— די מאַמעשי האָט געבעטן דעם זילבערנעם פוקס... וואַרפט זי אַרויס פון זיך אָן אָטעם, ווי נאָר די טיר האָט זיך געעפנט.

— וואס?! שרייט אויס א מאן און פארקלאפט האסטיק די טיר, ווי צו אנטלויפן פאר אַן אומגליק.

בלייבט מירעלע שטיין אומבאהאלפן און ווייסט נישט וואס מיט זיך צו טאָן. נאך עטלעכע רגעס מאכט זיך ווידער אויף די טיר און א פרוי דערלאנגט א ווייס קישעלע. קוקט זיך פארזיכטיק ארום אין אלע זייטן און נעמט מונטערן מירעלען:

— טראג עס אהיים... גיב עס אפ דער מאמעשי... נו, גיי גיי... חזרט זי איבער, ווי זי וואלט מורא געהאט, אז דאס בלייכע, אויסגעדארטע מיידעלע מיט די אויסגעגלאצטע אויגן וועט אנידערפאלן מיטן „קישעלע" ביי דער טיר.

ווי פון א הויכן לייטער גייט אראפ מירעלע פון די טרעפ און די שטאפּ־לען פליען, רוקן זיך פאר אירע אויגן, אט, אט וועט זי אראפפאלן. אראפּ־קייקלען זיך ווי א באלעם. א רגע בלייבט זי שטיין און גלייך נעמט זי לויפן פון די טרעפ. זי ווייסט דאך: — מען טאר נישט גיין אליין אָן א לאטע!

קומט איר אנטקעגן די ווארקאווא. נעמט גיך דאס קישעלע פון אירע הענט. לייגט עס אריין אינעם קויבערל אונטערן ברייטן טוך.

— קום, קום אהיים — נעמט זי איילן א צעטומלטע. — ווען אימיצער פארהאלט אונדז, נעמט אויספרעגן, שווייג! שווייג...

ווידער ציען זיי איבער גאסן און געסלעך. נאר מירעלען ווייזט זיך אויס, אז דער וועג איז אַן אנדערער ווי פריער. אז זי גייט אין אַן אנדער ריכטונג...

די ווארקאווא, אַ שווייגנדיקע, שטעלט פעסטע, מענערישע טריט. מירעלע מיט די לעצטע כוחות לויפט איר נאך. וואונדערט זיך, וואס ארום איז אזוי ליידיק, אזוי שטיל. נאר פון־דער־ווייטנס זעט זי דייטשן, א סך דייטשן.

זי ווייסט נישט, אז ביי דער קרייצונג פון וועג, געפינט זיך דאס הויז פון געסטאפא, וואס ווארפט אַן אימה אויף דער גאנצער געגנט. חזרט זי איבער אין זיך:

— אזויפיל, אזויפיל דייטשן...

— מיד ביסטו שוין, מאריסיע, נעמט רעדן די ווארקאווא מיט א ווייכער, ציטערדיקער שטים. אין אירע אויגן פינקלט א בייזער, שלעכטער בליק. די באקן רויטע, צעפלאמטע, גאר נישט די זעלבע.

— ווארט דאָ אביסל... אט אין דעם טויער... איך דארף נאך וואס קויפן, באלד... באלד... קום איך צוריק — פלאָנטערט זי זיך מיט די רייד. מיטאמאל לאזט זי אפ דאס הענטל פון מירעלען, וואס זי האט די גאנצע צייט געהאלטן, און גייט אוועק מיט גיכע טריט. שוין איז זי פארשוואונדן אין א געסל.

אומזיסט האט מירעלע געווארט...

דוד ראדין

פון קליינעם שטעטל

ווי א היימלאזער בעטלער

ווי א היימלאזער בעטלער אף א מיסטבערגל
ציט אראפ פון זיך זיין אלט קלייד פון ווערים צעפרעסן,
אזוי האב איך דאס לאנד פון מיין וויגל
אויסגעטאן פון זיך,
און מיט נאקעטן עקל אין הארץ זיך דערווייטערט פון איר
אויף אייביק —
ניט צו דערמאנען!
ניט צו געדענקען!
נאר — צו פארגעסן!
צו פארגעסן!

*

צום „לאנד פון די פעלקער"

כ׳האב אין וויטן וואנדער־וועג געלאזט זיך,
צו זוכן א ווינקל א געבענטשטן
וואו מען טייטלט אויף מיר ניט קיין פינגער;
וואו דער מענטש איז א מענטש צווישן מענטשן.

מיט דעם הייליקן רעכט פון „מענטש צווישן מענטשן",
וואס איך האב בירושה באקומען,
בין איך צום וויטן, צום זוניקן לאנד,
צום „לאנד פון די פעלקער" געקומען.

ווי א מאמע נעמט אויף איר פארוואגלט קינד,
אזוי האט דער „שמעלצטאָפּ" מיך אויפגענומען

און געזאגט: — מיין קינד,
זע, דאס לאנד איז גרויס און ברייט;
דער ווייטער מערב און דער הויכער צפון
ליגן פאר דיר
אפן,
גרייט,
און רופן מיט ברייטע שטחים רויע —
„קום און בוי!"...

האב איך פרום געבענטשט מיין קומען
און האב מיט פולער הארץ געזאגט:
— ביסט מיין לאנד מיין נייע;
ביסט מיין לאנד מיין פרייע;
צו דיינע שטחים רויע
איך גיי,
איך קום,
איך וועל בויען!

*

מיט קאפ אין די וואלקנס

דריי גרופעס — דריי פעלקער — איין גלויבן,
און איך צווישן זיי — א ייד אינדערמיטן,
מיר האבן צום „ווילדן מערב" זיך פארנומען
און א וועג דורך דער ווילדערניש געשניטן.

געשניטן א וועג און אין דמיון געמעלט זיך —
א ליכטיקע הויז מיט פרוי און מיט קינדער...
ארום, פעלדער פארזייטע מיט אייגענער מי...
און שטאלן מיט פערד, מיט שאף, און מיט רינדער...

און קיינער וועט מער אויף מיר טייטלען מיט פינגער —
איך בין דאך פארגלידערט אין לאנד אין מיין פרייער!
מיט קאפ אין די וואלקנס און מיט גבורה מיט יונגער
איך שנייד איצט א וועג צו אן אנהייב א נייעם...

***

פון הינטער אונדז ליגט שוין א וועג און אויסגעטראטענער,
און פאר אונדז נאך שפרייט זיך א ווילדערניש א פארבאטענע.
פארעקשנטע וואכן נאך וואכן מיט ארבעט געפארט —
און ציל ווערט באלד נאענט, און חלום ווערט וואר:

מיר האבן דעם בארג־לייב פון געגנט פארטריבן;
פון קוגאר און טיגער — קיין שפור ניט פארבליבן;
און קלאפער־שלאנג ליגט שוין צעדראשן, צעריבן,
בלויז וואלף האט זיך טיפער אין אור־וואלד פארקליבן.

און ווען געקלאנג פון העק האט זיך אין אור־וואלד צעקלונגען,
און געזאנג פון זעג האט זיך דארט ריטמיש צעזונגען,
האט טימבער־וואלף טיף אינעם וואלד זיך צעוואיעט,
און מיר האבן ביימער געשניטן און האבן געבויט.

*

דאס שטעטל

ווייט אין מערב, הויך אין צפון,
שפרייט זיך א טאל מיט וועלדער רייך;
און אין טאל דארט, צווישן וועלדער
שלענגלט זיך א ברייטער טייך.

און עס ציען דארט זיך פליינען
רחבותדיק צום בארג אין ווייט, —
ס'האט זיי פיאָנער געפונען
נאך אין יענער אנהייב־צייט.

שווערע טעג געווען דעמאלט!
מענטש מיט אקס געווען איז גלייך!
מען האט געשלעפט פון וואלד געהילצן;
מען האט געשניטן וועג צום טייך;

מען האט צעאקערט דארט די פעלדער;
מען האט געבויט, געפלאנצט, געזייט, —
זיינען דורות צוגעקומען
און ס'האט דער יישוב זיך געשפרייט.

און פון שטיבעלעך צעווארפן
ווי די קערנער אין פארזיי,
איז א שטעטל אויסגעוואקסן —
הויז נאך הויז אין גלייכער ריי:

מיט א הויפטגאס, און מיט געסלעך,
מיט ווערקשטאטן א צוויי פאר —
שניידער, שוסטער, שמיד און סטאליער,
און א קליינע „דזשענעראל סטאר״;

אויך א קלויסטער צווישןביימער —
פאר די פרומע אנגעגרייט;
און א ווינט־מיל צווישן פעלדער
שטייט מיט פליגל אויסגעשפרייט.

***

ליגט דאס שטעטל ווייט פארווארפן,
אפגעזונדערט פון דער וועלט;
ווייסן מענטשן בלויז פון ארבעט,
ווייסן וואלד, און ווייסן פעלד.

טראגט פון וואלד זיך קלאנג פון העקער,
און פון פעלד — דעם שניטערס ליד;
ביים ווערקשטאט ברומט שטיל דער שניידער,
ביי דער קאוואדלע זינגט דער שמיד.

און א רואיקייט פון פעלדער
ליגט צעשפרייט אויף יעדער הויז;
און א שטילקייט פון דערווארטונג
גלאצט פון יעדער גאס ארויס.

*

נאכט אין שטעטל

אין בלוילעך־גראען אוונט־ליכט
ליגט דאס שטעטל איינגעהילט
אין אנקום פון דער נאכט.

ס'האט לעצטער קלונג פון קלויסטער־גלאָק
איבער דעכער זיך צעוויגט:
— נאַ־אַכט! נאַ־אַכט! אַט קומט נאַכט!

און פון הינטער שטיבעלעך שטומע,
וואס הורבען זיך מיט דעכער קרומע,
גנבעט זיך די נאַכט.

און — „נאַכט איז דאָך פאַר שלאָף געמאַכט";
פאַר חלום פון אַ נייעם מאָרגן
געגעבן איז די נאַכט!

ליגט אַ שטעטעלע אין שלאָף,
שווימט אַ שטעטעלע אין חלום,
אין אַ שטילער נאַכט.

*

גריל און שטערן

און די גרילן גרילצן,
און די שטערן פינקלען.

שטייט דאָס שטעטל נאַכטיק־שטיל,
האַלט דעם אָטעם איין;
שטעלט אָן אויער צו דער וועלט,
הערט, און הערט זיך איין.

— שטעטעלע פאַרוואָרפענע,
פרומינקע דו מיין!
זאָג, וואָס טוסטו הערן דאָרט,
ווען דו הערסט זיך איין?

ענטפערט שטעטעלע מיר שטיל,
סעפטשעט שטעטעלע מיר פרום:

— אין די שטילע טריט פון נאכט
כ׳הער דעם ריטם פון דער וועלט;
דורך דער פינצטער פון דער נאכט
כ׳זע ווי טאג זיך העלט.

און שטעטעלע ווערט שטיל,
און שטעטעלע ווערט שטום.

און די גרילן גרילצן,
און די שטערן פינקלען.

*

פאול באניאן (1

יארן גייען, יארן קומען,
און מיט יארן — נייע צייט;
פון דעם וואלד־ריז פאול באַניאַן
טראָגט לעגענדע זיך פון ווייט:

„אין שטאַט מעין איז א ריז געבוירן,
גרויס און שטארק — ווי שטאָל און שטיין!
האט זיין טאטנס האק גענומען
און צום וואלד געלאזט זיך גיין.

„מיט איין שוואונג פון האק דער גרויסער
ליגט א וואלד גלייך אויסגעהאקט!
פול איז לאנד מיט וועלדער טיפע —
שפאנט דער ריז און האקט און האקט.

„און ווי שמשון אין זיינע צייטן,
שפאנט דער וואלד־העקער, דער ריז,
און אין גראניט־שטיין, ביז די קניען,
גראבן איין זיך זיינע פיס״.

1) פאָול באַניאַן — לעגענדארער פאלקס־העלד אין אַמעריקאַנעם פאָלקלאָר

שמשונס צייט — א קאמף פאר געטער;
פּאָול באַניאַנס — פאר גאטס וועלט;
אויף רזיער ערד, אויף ווילדער ערד
א נייע וועלט ווערט אויפגעשטעלט.

מיט באַניאַנס טראָט אינדוסטריע שפּאנט
מיט ריזן־שפּאן, מיט אימפּעט־שוואונג:
פון „גראניט־שטאט"[2]) ביז „אייביק־גרין־שטאט"[3])
הילכט זיין האק מיט נייעם קלונג.

ס'פאלן וועלדער, ס'וואקסן פאבריקן,
ס'וואקסט פארקער אויף וועג און טייך;
ס'עפנט מענטש אויף זיינע אויגן
און דערזעט ווי וועלט איז רייך.

ס'בעט נאטור זיך בא דעם מענטשן:
— מיינע אוצרות ניט פארשעם!
סיי אויף פלאכן, סיי אין טיפן
ליגן גרייטע — נעם, און נעם!

שפּאן איין ווינטן, וואסער־פאלן,
גראב אין ערד זיך ווי דער קראט;
גראב מיט אימפּעט פון פּאָול באַניאַן,
שפּאן מיט גבורה פון זיין טראָט!

פּאָול באַניאַן מיט זיין בלויען „בעיב"[4]),
זייער נאָמען טראגט זיך ווייט;
ס'קרעכצען בערג, ס'ציטערט אורוואלד,
ס'טראגט זיך ריטם פון א נייער צייט.

---

2) מעין — „גראניט־שטאט", צפון־מזרח, ביים אטלאנטישן ברעג.

3) אָרעגאָן — „אייביק־גרין־שטאט", צפון־מערב, ביים פּאסיפישן ברעג.

4) „בעיב", באַניאַנ'ס בלויער אָקס (אמעריקאנער ארבעטער) וועלכער טוט אויף וואונדער. וועגן דעם, א באזונדער סעריע לעגענדעס.

ווי אנזאג

ס׳מערט זיך צאָל פון שאָף און רינדער,
ס׳מערט זיך אויך א נייער דור;
באָניאַנ׳ס טראַט מען פּילט אין שטעטל —
זיין לעגענדע ווערט דא וואר.

ס׳ווערט דער וואלד א היים פאר העקערס,
און דער טייך ווערט וועג צו וועלט;
שווימט געהילץ, פון וואלד צום שטעטל,
ווערט א זעג־מיל אויפגעשטעלט.

שווינדן טעג אין פרייד פון ארבעט,
און דאס לעבן פליסט זיך שטיל;
נאר, ווי אנזאג איבער שטעטל —
וויגט זיך זעג־געזאנג פון מיל.

✶

ווינטער אין שטעטל

די זון פון פראסט א רויטע — גליט.
די לופט מיט פראסט צעצונדן — בריט.
און צפון־ווינט, פון צייט צו צייט,
צעוויינט זיך ווי א קינד אין ווייט.

און בארג, און טאל, און פעלדער ברייט,
מיט שנייען זיינען טיף פארווייעט;
און ווירבל־ווינט אין ווילד געדריי
בלאזט וויכערס אויף אין טיפן שניי.

אין שניי פארשאטן שטייט די זעג־מיל;
פארפראָרן שטייט דער מאטאר שטיל;
און ברייטער טייך, פון ברעג ביז ברעג,
איז אייז־געשמידט און שניי באדעקט.

פאַרקליבן האָט זיך מענטש אין שטוב;
אין שטאַל פאַרשפּאַרט זיין רינד און שאָף;
אויך ברוינער בער ליגט אין זיין גרוב
שוין איינגעגנורט אין ווינטער־שלאָף.

און נאָר פון וואַלד געוואוי זיך טראָגט —
דער טימבער־וואָלף זיין רויב דאָרט יאָגט;
און ווי שוואַרצע פּרוכט פון ווייסן וואַלד —
א קראַ־געפּלאַטער: „קראַ, קראַ, קאַ־אַלט!"

✶

ווייסע קברים

איינזאַם איז דאָס שטעטל ווינטער —
א פאַרלאָזענער בית־עולם!
ווי די בערן דרימלען מענטשן
אין די שטיבעלעך די קליינע.

זיצן שטיבעלעך אין רייען
איינגעהורבט אין טיפע שנייען;
זעען דעכער אויס ווי קברים,
און די קוימענס — שוואַרצע פייגל.

שוואַרצע פייגל, ווייסע קברים —
גלאָצט פון פענצטער גרויער אומעט,
און אין געסל — ווייסער עלנט,
וויינט דער ווינט אין שוואַרצן קוימען.

וויינט דער ווינט.
אין ווייסע קברים
ליגט א שטעטעלע פאַרשאָטן,
שלאָפט און חלומט פון א פרילינג
און פון פעלדער גרין, געראָטן.

✶

ח י פ ה

איינגעפּראַרן

זומער גרייט מען זיך אויף ווינטער —
שווינדן טעג אין מי און קלאַנג;
ווינטער וואַרט מען אויף דעם זומער —
ציען טעג זיך גראָ און לאַנג.

טיר און פענצטער אַנגעפּראַרן,
ס׳גייט קיין מענטש פון טיר אַרויס:
מענטש האָט אין דעם שניי פאַרלאָרן
קורצן וועג צום שכנ׳ס הויז.

גאַס און געסלעך ווייסע שטומען;
ווייס פאַרשטומט שטייט אויך די מיל;
דעם קלויסטער־גלאָק מען הערט ניט ברומען —
איינגעפּראַרן, אַלץ שטייט שטיל.

און די שטילקייט גרילצט אין אויער;
און דער אומעט בויערט, בויערט, —
ווערן ווענט מיר ענגער, גראָער;
ווערט מיין שטוב מיר ווי אַ גרוב.

כ׳האָב ווי קראָט און ווי די פעלד־מויז,
גרייט אויף ווינטער שפּייז אין הויז:
שטייען פעסער פול מיט קרויט,
ליגן גרויסע לאַבנס ברויט.

כ׳גרייט מיין טיש מיט ברויט און ווייַן,
כ׳וואַרט מיין שכן זאָל אַריין;
נאָר מיין טיר, אין אייז פאַרקלעמט,
ניט פאַרשלאָסן, — בלייבט פאַרשעמט.

*

ד. ראַדין: פון קליינעם שטעטל

מיינע שכנים

מיינע שכנים זיינען גוטע מענטשן!
שטענדיק זארגן זיי זיך וועגן מיר...
זומער זעט מען זיך אין פעלד, און בא דער מיל,
ווינטער — ווייכט מען פון מיין טיר.

מיינע שכנים זאגן: „איליידזשא,*)
צו דעם „שמעקער" דיינעם איז ניטא קיין גלייכן!
האסט אין לופט דערשמעקט דעם גייסט פון פאָול באַניאַן,
און זע, מיט פליטן דיינע איז שוין פול דער טייך"...

מיינע שכנים זאגן: „איליידזשא,
האסט די היגע ערד מיטן רעכטן פוס באטראטן!
דיין „לייווסטאק" מערט זיך פונקט ווי יעקב׳ס שעפסן,
און דיינע פעלדער זיינען שטענדיק דיר געראטן"...

מיינע שכנים, זאגן: „איליידזשא,
אט דער „העק" דא האט דיר אפגעגאלטן!
דיינע קינדער שיקסטו אין יוניווערסיטעטן,
און צו דיין פארם נעמסטו „הענט" באצאלטע"...

מיינע שכנים זיינען גוטע מענטשן!
זיי האבן שטענדיק מיך אין זינען...
זומער זעט מען זיך אין פעלד, און בא דער מיל,
ווינטער — קאנען זיי מיין טיר ניט געפינען...

*

איליידזשא: אליהו.

„לייווסטאק": לעבעדיקער אינווענטאר

„הענט": געדונגענע ארבעטער.

מיין טרייסט

זאל איך וויינען וואס מיין נאמען איז ירושה פון תנ״ך?
זאל איך קלאגן אויף מיין אור־געביין?
מיין שטאם איז אייביק יונג, און פריש, און שיין
ווי דער זאפטיק ־גרינער איילבערט־בוים... *)

כ׳האב ווי אלע, וועג דורך ווילדערניש געשניטן;
כ׳האב ווי אלע, מיין הויז מיט אייגענע הענט געבויט;
כ׳האב ווי אלע,מיין פעלד מיט אייגענע הענט צעאקערט;
און פון אייגענער מי און שווייס איך עס מיין ברויט.

אמת, ניט ווי אלע, איך פייער מיינע יום־טובים;
אמת,ניט ווי אלע, איך דין צו גאט:
אבער, „לא תגנב״, „לא תרצח״, און „ואהבת״,
זיינען מיינע הייליק־איינגעווארצלטע געבאטן...

זאל איך וויינען וואס מיין נאמען איז ירושה פון תנ״ך?
זאל איך קלאגן אויף מיין אור־געביין?
אויך אברהם אבינו האט געשניטן וועג דורך ווילדערניש,
אויך ער האט געלעבט צווישן פעלקער — אליין...

(*) **זית רענן, יפה פרי־תאר, קרא ה׳ שמך. (ירמיה, י״א, 16**

*

אט אזא איז שוין מיין גורל

ס׳האט פראסט און שניי דורך ווינט־געוויין
מיר געגעבן צו פארשטיין:
מיינטש מיט מענטש — פרעמדע וועלטן!
בלייבסט איינער. בלייבסט אליין!

וועל איך אנטאן פעלץ און שטיוול
און וועל צום בארג זיך לאזן גיין;
כ׳וועל אין שניי, נאך ניט באריירטן,
אויסטרעטן א וועג אליין.

אט אזא איז שוין מיין גורל —
אויסצוטרעטן נייעם וועג,
נאכדעם אין מיין שטילן ווינקל
אויסצושווייגן מיינע טעג.

*

פוס־טריט

ווי א גרא־געפלעקטע שלאנג
שלענגלט זיך דער וועג אין שניי.
טאג נאך טאג, און שעהען לאנג
צייל איך מיינע פוס־טריט צוויי.

צייל איך פוס־טריט ביז צום בארג,
און צייל צוריק זיי ביז מיין טיר;
כ׳בין אויף ווערטער אויך ניט קארג —
כ׳רייד אויף א קול אליין מיט מיר:

קיין זאך, קיין זאך בלייבט אויף אייביק!
אבער — אטעם, פוס־טריט — יא!
דאס וועט בלייבן, בין איך גלייביק,
פון מיין דור, און פון מיין שעה.

כ׳גיי אין מיינע טריט פון נעכטן —
מיר איז אנדער וועג ניטא.
ווען מיין מארגן ט׳ווערן נעכטן,
וועט מיין טראט נאך אלץ זיין דא.

*



יהושע גראסבארד: א געסל אין וואדי־סאליב, חיפה

יהושע גראסבארד

געבוירן אין סעראָצק, פוילן, געלערנט מאָלעריי אין ווילנע און ווארשע. זייט 1939 א מיטגליד פונעם מאלער־פאראיין אין ישראל און פון קינסטלער־דארף עין־הוד, ביי חיפה. וואוינט אין חיפה.

באטייליקט זיך אין די אויסשטעלונגען פון מאלער־פאראיין, און אין יחידישע אויס־שטעלונגען פון זיינע בילדער: חיפה — 1958, תל־אביב — 1958, ירושלים — 1959, אילת — 1963.

די שפראך פון גראסבארדס שאפן איז א פשוטע און פארשטענדלעכע. מיט פשוטע מיטלען ברענגט ער ארויס דאס ליכט, די וואנט, דעם הייף און אפילו דעם ישראלדיקן בוים.

דער מאלער יאַנקאָ האט וועגן אים אזוי געשריבן: „גראסבארד איז איינער פון די צויבערער וואס האט דערגרייכט און באריַרט די שפיצן פונעם באשאף."

לוי פאפיערניקאוו

ער וועט זיכער אהינקומען

ס'איז געווען א זונלאזער טריבער ווינטער־טאג. דער הימל, ווי דער גרויסער שטח ארום וואקזאל, האבן געהאט איין און דעם זעלבן קויטיקן אש־גרויען קאליר. דער געדיכטער שניי וואס האט אָן אפשטעל געשאטן א גאנצע נאכט, איז אונטער די אומצאליקע מענטשן־טריט און דער גרויסער באוועגונג פון לאסט־אויטאס פארוואנדלט געווארן אין א טונקל־קלעפיקער מאסע. פון ווייט, פון מערב־זייט, האבן זייט עטלעכע טעג זיך געהערט טויבע פארטעמפטע קלעפּ, וואס זיינען פון מאל צו מאל איבערגעאנגען אין א צעקייקלטן גערונער.

אויף די פילצאליקע צעצווייגטע באן־רעלסן הינטערן וואקזאל, איז אין אט די טעג אנגעגאנגען א גרויסע פיבערהאפטע באוועגונג. באגלייט פון לופט־אפּוער־הארמאטן און ווייס־געפּעלצטע רויט־ארמייער מיט קורצע אויטאמאטן פארוואָרפן אויפן פלייצע, האבן לאנגע עשאלאנען טאג און נאכט געצויגן אויף מזרח. טיפער אין הינטערלאנד.

דאס איז פון דער באן־סטאנציע פון דער שטאט ב...אנגעגאנגען די עוואַ־קואציע פון דעמאנטירטע פאבריקן און קאמבינאטן.

★

אין צווייטן עק פון דער שטאט, איז אויך אין דער וואוינונג פונעם דרייסיק־יאריקן גרשון ליניעצקי, אדער גרישאַ סאַמוילאָוויטש — ווי די ארבעטס־חברים פון פאבריק האבן גערופן דעם יידישן שטאל־גיסער — אנגעגאנגען א פיבערהאפטע צוגרייטונג. ד'אס האבן גרשון ליניעצקי און זיין פרוי חייקע, זיך איילִיק געפּאקט, בכדי צו זיין גרייט אויף מארגן פרי נאכצופארן דעם עשאלאן מיט דער עוואקואירטער איינריכטונג פון זיין פאבריק, וואס גייט נאך היינט אפּ אויף מזרח.

אויף א פארשלאסענער וואליזע, איז אין א ווינקל פונעם צימער געזעסן, האלטנדיק א פינגערל אין מויל, זייער דריי־יאריק גאלדיק־בלאנד טעכטערל, און מיט א שטומען פרעגן פון אירע אויפגעריסענע העל־בלויע אויגן, געקוקט ווי דער פאפא און די מאמענקא, וואס שרייען שטענדיק אויף איר פאר דער קלענסטער

אומאָרדענונג וואָס זי מאַכט אין צימער, רייסן אַראָפּ אַלע בילדלעך פון די ווענט, נעמען אַראָפּ די פאָרהענגלעך פון די פענצטער און דרייען אַלץ איבער מיט די פיס אַרויף... — ווי מען זאָגט דאָס איר שטענדיק.

אין מיטן פון זיין גרויסער פּאַרטוענקייט האָט גרשון געוואָרפן אַ צו־פעליקן בליק אויף זיין קליין טעכטערל און דערזען אירע אויפגעריסענע פּרעגנדע אויגן. אינעם האַרץ פונעם קרעפּטיקן, ברייט־פּלייציקן טאַטן האָט עפּעס מאָדנע אַ צופּ געטאָן... נישט געקוקט אויף דער איילעקייט האָט ער אַלץ געלאָזט שטיין. אויפגעהייבן דאָס קליינע גאָלד־האָריקע מיידעלע מיט זיינע ברייטע פאַרהאָר־טעוועטע דלאָניעס, זי פעסט צוגעדריקט צו זיין ברוסט און, שפּרייזנדיק אַזוי מיט איר הין און צוריק איבערן צימער, געקושט זי אין שטערן און איינגערעדט אין איר:

— מאָרגן אין דער צייט, אַניוטאָטשקאַ, וועלן מיר שוין זיין גאַנץ ווייט פון דאַנען... מיר וועלן פאָרן מיט אַ באַן און דער לאָקאָמאָטיוו וועט מאַכן או־או! או־או! — האָט ער האָטשקענדיק דאָס קינד אויף זיין אָרעם, נאָכגעמאַכט דעם געפּייף.

— פאַרוואָס פּאַפּענקאַ וועלן מיר מאָרגן זיין ווייט, און נישט דאָ?

— פאַרוואָס? פרעגסטו, פאַרוואָס?... ווייל שלעכטע מענטשן, דייטשן, ווילן אַזוי...

— „דייטשן־פּייטשן" — האָט דאָס מיידעלע פאַרצויגן דאָס נעזל און פאַרקרימט די ליפּעלעך... — יאָ פּאַפּענקאַ? זיי זיינען פוי!

— יאָ, זיי זיינען פוי, מיין קינד, פוי!... און גרשון האָט זי לייכט אַראָפּ־געשטעלט אויף דער ערד.

— אויך דו מאַמענקאַ, וועסט מיטפאָרן? — האָט פון דער קיך־שוועל דערגרייכט צו חייקעס אויערן אַ דין־צעגלעקלטע שטים.

— געוויס, קינדעלע! — האָט חייקע זיך האַסטיק אויסגעדרייט פון דער אומגעריכטער פראַגע. דערנענטערט זיך צום מיידעלע, האָט זי צוריק־געשאַרט מיטן אָרעם די האָר וואָס זיינען בעת'ן רייניקן דאָס קיך־געשיר איר געפאַלן אויפן שטערן, און אַ קוש געגעבן אירע ליפּעלעך וואָס זיינען אָנגעשטעלט געוואָרן ווי צום וויינען.

— און די באַבאַ?

— אויך די באַבאַ, גאָלדינקע.

*

דער זייגער איז שוין געווען צוועלף בייטאג. אבער צעפליקטע שטיקער פון שווארצלעך־גרויע וואלקנס האבן אויף אזוי וויט באדעקט דעם הימל, אז ס׳איז געווען טונקל ווי אינעם שפּעטן פארנאכט. מיטאמאל האט געגומען פאלן א פוילער קלעפּיקער שניי.

אין דער וואוינונג פונעם שטאל־גיסער גרשון ליניעצקי, איז נאך אלץ אנגעגאנגען דאס פארפּאקן פון אלץ וואס לאזט זיך מיטנעמען ביי די באדינגונגען פון קארג־צוגעטיילטן ארט פארן מענטש, און פארן נויטיקסטן פון זיין באדארף. אין ביידנס מח, נישט געקוקט אויף זייער פארנומענקייט, זיינען אדורכגעלאפן פארשידענע געדאנקען. אבער ביידע האבן געשוויגן.

אין א געוויסן מאמענט איז דאס שווייגן איבערגעריסן געווארן פון עפּעס א פרעמד אייליק קלאפּן אין דער טיר. ביידע האבן אפּגעשטעלט דאס פּאקן און אנגעשפּיצט די אויערן:

— ווער זאל דאס האבן אויסגעקליבן אזא נישט פּאסיקע צייט פאר א באזוך? — האט חייקע געפרעגט א פארוואונדערטע. אבער גרשון האט שוין גע־שפּרייזט צו דער טיר הינטער וועלכער ס׳האט ווער אראפּגעקלאפּט פון זיך דעם שניי.

געעפנט, איז פאר גרשונען געשטאנען א יונגער, מונדירטער מענטש, און נאכן „גוט מארגן", צולייגנדיק די שפּיץ פינגער צום ראנד פונעם דאשעק האט ער געפרעגט:

— צי זייט איר עס דער בירגער גרישאַ סאַמוילאָוויטש ליניעצקי, א שטאל־גיסער פונעם ווערק „ספּעצסנאַב"?

— יאָ. איך בין עס. אבער אין וואס האנדלט זיך, פריינד? — האט גרשון געפרעגט א שטאַרק פארוואונדערטער און ארייַנגעבעטן דעם מענטש אין צימער.

— כ׳האב פאר אייך א דרינגענדע מיטטיילונג, האט ער א פּאכע געטאן אין דער לופטן מיט א פּאפּיר באשריבן מיט מאשין־שריפט און אויפגעקלערט:

— ווייסט, בירגער, אז דער ערשטער פּלאַן פון אייער ארויספאר אויף מזרח איז געענדערט געווארן. איר פארט נישט מארגן פרי, נאר היינט. האלב־דריי אזייגער בייטאג דארפן אלע ספּעציאליסטן און דער טעכנישער פּערסאנאל פונעם ווערק, זיך געפינען מיט זייערע נאענטסטע פאמיליע־מיטגלידער ביים וואקזאל.

— ווי איז דאס מעגלעך?! — האט חייקע כמעט אויסגעשריען און איר פּנים איז בלייך געווארן...

— ווי איז דאס מעגלעך?... האט אויך גרשון, שטילער אבער מיט א פעסטער באטאנונג, איבערגעחזרט זיין פרויס פראגע און אנגעשטעלט זיינע קויל־שווארצע צעטראגענע אויגן אויפן פנים פונעם אומגעריכטן שליח.

— אבער כ׳פארשטיי נישט פארוואס! ס׳איז דאך אייך געבליבן שוין נישט קיין סך צום פארפאקן — האט דער מענטש א פיר געטאן מיט דער האנט איבערן צימער. צווייטנס, בירגער, — האט ער נאך א ווײלע צוגעגעבן, איז גלייכער וואס ווייניקער צו שלעפן מיט זיך, נאר דאס נויטיקסטע, ווייל... ווייל דאס איז נאר אויף א קורצער צייט... שליסט אפ די וואוינונג און גיט איבער דעם שליסל צו א גוטן שכן — ווי ס׳האבן געטאן די אלע, וואס זיינען מיט א טאג פריער ארויסגעפארן.

— מיר קאנען דאס אבער נישט טאן! — האט חייקע א פארצווייפלטע גע־בראכן די פינגער...

— בארואיק זיך, איך וועל שוין אויפקלערן! — האט גרשון זי ארומגע־נומען און געצוואונגען איר זיך אוועקצוזעצן.

— פארשטייט אין וואס ס׳האנדלט זיך... — האט ער זיך ווידער געווענדעט צום שליח: מיט מיר וואוינט מיין שוויגער, אַן עלנדע אלמנה. אויסער די טאכטער — האט גרשון אנגעוויזן אויף זיין פרוי — פארמאגט זי קיינעם נישט. געהערט אז מארגן אכט אזייגער אינדערפרי דארף זי אפפארן מיט אונדז, איז זי אוועק זיך געזעגענען צו א צאל באקאנטע און פריינד אויסער דער שטאט און געזאגט פארן אוועקגיין, אז זי וועט צוריקקומען אין אוונט. גלויבט מיר, אז נישט נאר וואס מיר ווייסן נישט וואו די דאזיקע מענטשן וואוינען, מיר ווייסן אפילו נישט ווי מען רופט זיי. איצט פארשטייט איר שוין אונדזער לאגע...

— בירגער, כ׳זע נישט אין דעם קיין שום שטערונג אויף זיך צופאסן צום געענדערטן פלאן. ס׳איז פאראויסגעזען געווארן, אז ס׳וועלן מעגלעך, צוליב דער ענדערונג, געשען אין א צאל פאלן שוועריקייטן מיט געוויסע פאמיליע־מיטגלידער. ס׳איז דעריבער באפוילן געווארן צוצושטעלן פאר אט די אויסנאם־פאלן, נאך א וואגאן צום שנעלצוג וואס פארט מארגן זיבן אזייגער אינדערפרי אויף מזרח. דער שנעלצוג וועט אייך זיכער אניאגן אויפן וועג, ווייל די פולמאן־וואגאנען אין וועלכע מען וועט היינט ארויספארן, וועלן צוגעטשעפעט ווערן צום עשאלאן וואס פירט אוועק די דעמאנטירטע פאבריקס־אויסשטאַטונג. דאס איז אלץ. כ׳מוז נאך באזוכן א צאל פון אייערע ארבעטס־חברים. די מאשין ווארט אויף מיר. א גוטע רייזע!

*

דער לאָקאָמאָטיוו פונעם עשאַלאָן האָט אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגן פייף, אַ וואָרענונג פאַר די מיטפאָרנדע, וואָס אַ סך פון זיי האָבן זיך נאָך אַרומגעפּאַרעט אין דרויסן, טאַפּטשענדיק אינעם בלאָטיק־קלעפּיקן שניי לענגאויס די פולמאַן־וואַגאָנען.

ווי ס׳פלעגט פון מאָל צו מאָל טרעפן, ביים שיידן זיך אויף אַ קורצער צייט, האָט גרשון אַ קוש געטאָן אין שטערן זיין גאָלדהאָריק טעכטערל, אַ קוש געטאָן זיין פרוי און דריקנדיק איר האַנט, זי אונטערגעאיילט:

— נו חייקע, פאַר גלייך אהיים. דאָס קינד הוסט מיר עפּעס און דו אַליין ביסט שוין אויך אינגאַנצן אַדורכגעפרוירן. גיב איבער דער מאַמען וועגן דעם קאָפּפאַרדרייעניש... זיי זאָגן אַז אייער שנעלצוג וועט אונדז אָניאָגן, זאָלט איר אויסשטייגן און איבערגיין אין אונדזער עשאַלאָן.

קוים באַוויזן אַרויפצושפּרינגען אויפן וואַגאָן־טרעפּל, האָבן די בופערן זיך עטלעכע מאָל הין־און־הער אַ שטויס געטאָן און דער לאָקאָמאָטיוו האָט מיט אַ שווערן פּרייכן, אַרויסלאָזנדיק גרויסע מילכווייסע דאַמף־קנוילן, גענומען ציען נאָך זיך דעם עשאַלאָן אויף מזרח.

— אַ צעגלעקלטע קינדערישע שטים האָט נאָך באַוויזן צו דערגרייכן צו גרשונ׳ס אויערן:

— פּאַפּאַ!! פּאַפּענקאַ!! זאָלסט וואַרטן אויף אונדז!!

*

שוין דעם דריטן טאָג, ווי דער עשאַלאָן שלעפּט זיך אונטער גרויע אומעטיקע הימלען און פונעם שנעלצוג מיטן ספּעציעלן וואַגאָן פאַר די צוריקגעבליבענע, איז נאָך אַלץ קיין שום ידיעה נישט געווען. אויפן פינפטן טאָג האָט דער עשאַלאָן זיך פאַרהאַלטן ערגעץ־וואו אויף אַ זייטיקער באַן־ליניע אויף גאַנצע צוויי מעת־לעת און, פון די הינטערגעבליבענע משפחות, — קיין צייכן, קיין מינדעסטער אָנדייט.

די אומרואיקייט פון די מענטשן וואָס האָבן זיך אויסגעקוקט די אויגן אויפן נאָכקומען פון זייערע נאָענטסטע פאַמיליע־מענטשן, האָט גענומען וואַקסן פון מינוט צו מינוט. אויף די פילמאָליקע אָנפראַגעס ביי די באַן־עלטסטע אויף פאַרשידענע גרעסערע סטאַנציעס אויפן וועג, איז געקומען אַ הייבן מיט די אַקסלען... אָן צו וויסן פון וואָס פאַרא קוועלן זיי קומען, האָבן אָנגעהויבן שוועבן אין דער לופט פאַרשידענע סתירותדיקע ווערסיעס. איינע: אַז די סיבה וואָס מען זעט נאָך אַלץ נישט דעם שנעלצוג, ליגט אין דער גרויסער, אומגעריכטער, איבערלאַסטונג אויף די באַן־סטאַנציעס... אַ צווייטע: אַז דער שנעלצוג איז גלייך נאָך זיין אַרויספאָר

אנגעגריפן געווארן פון דייטשע באמבארדיר אעראפלאנען. און בעת׳ן פאריאגן זיי דורך דער זעניט־ארטילעריע, האבן זיי בלויז באוויזן צו שעדיקן דעם לאקאמאטיוו. אבער די דריטע און לעצטע ווערסיע — וואס האט זיך נאכער ארויסגעוויזן אלס געשעענער פאקט — איז געווען די: אז עטלעכע שעה נאכדעם ווי דער עשאַלאָן האט פארלאזט די סטאנציע, איז נאך א באמבארדירונג פון פיינדלעכע אעראפלאנען, צעשטערט געווארן די באן־בריק הינטער דער שטאט, און דער שנעלצוג, איז שוין געבליבן שטעקן אויף דער באן־סטאנציע...

*

— גרויס איז געווען די דערשלאגנקייט פון די מענטשן וואס האבן זיך געשלעפט מיטן עשאלאן, ווען ס׳איז צו זיי דערגאנגען די ידיעה אז זייער שטאט איז בלאקירט פונעם שונא. אבער פאר די יעניקע מענטשן ביי וועמען ס׳זיינען דארט געבליבן זייערע נאענטסטע, איז עס געווען מער ווי א דערשלאגנקייט... זיי זיינען ארומגעגאנגען פארלוירענע און פארצווייפלטע. אבער אויך ביי די, איז די שווערע לאגע זייערע נאך ווייט נישט ענלעך געווען צום צושטאנד אין וועלכן ס׳האט זיך געפונען זייער ארבעטס־חבר, דער ייד גרישאַ סאַמוילאָוויטש ליניעצקי. זיי אלע האבן נאך געפונען ווי ס׳איז א טרייסט פאר זיך און אַן אנלען אויף האפענונג. די טרייסט איז געווען, וואס זייערע נאענטסטע דארט, זיינען כאטש געבליבן ביים לעבן, ווייל זיי האבן געקאָנט אומקומען בעת׳ן באמבארדירן דעם שנעלצוג. אויך האט זיי אונטערגעהאלטן די האפענונג, אז די רויטע ארמיי וועט פארטרייבן די דייטשן פון דער סאָוויעטישער טעריטאריע און זיי וועלן זיך ווידער פאראייניקן מיט זייערע נאענטסטע און ליבסטע.

אנדערש איז עס געווען ביי גרשונען... ביי אים — ווי שטארק ס׳איז נישט געווען זיין פארלאנג ארויפצוצווינגען אויף זיך ענלעכע האפערדיקע מחשבותן — האבן זיי זיך נישט צוגעקלעפט צו זיין מח. די טראכטענישן וואס האבן זיך דארט איינגענעסטעט, זיינען געווען איין קנויל פון שוידער און גרויל... ווי דאס מעסטל פון די קאַשמארע, ביז משוגעת מאטערנדיקע, געדאנקען וואלט נאך נישט פול געווען, איז ער אויך באהערשט געווארן פון א שווערן שולד־געפיל לגבי די, וועמען ער האט איבערגעלאזט אויפן טייוולס באראט...

גאנץ אפט, אונטערן באגלייט פונעם איינטאניקן רעדער קלאפן, ווען אין וואגאן זיינען די מענטשן פארטיפט אין שמועסן, זיצט ער אויף זיין „נארע״ אויפן דריטן פאך, און זיינע ברענענדיקע אויגן זיינען דורכן געגלאזטן פענצטערל געווענדעט אויף צוריק צום מערב... ער דריקט מיט די פינגער זיינע העמערנדיקע שלייפן ווי אויף אפצושטעלן מיט כוח דעם געדאנקען־גאנג... אבער אומזיסט... און ער פרעגט זיך ווידער, שוין צום וויפלטסטן מאל: „ווי האסטו דאס געקאָנט זיין אזוי לייכטזיניק און לייכטגלויביק, אז אויפן צורעדן פון א פרעמדן מענטש,

האסטו געשטעלט אין קאָן דאס לעבן פון דיינע נאָענטסטע און ליבסטע?....
ווי אזוי האסטו נישט פארשטאנען און פאראויסגעפילט, אז א צעשיידונג אין צייט פון אזא מלחמה, ווען אפילו אויסגערעכנט נאר אויף אַן איינציקן טאג, קאָן ווערן א צעשיידונג אויף...

*

אונטער א שארפן געגרילץ פון נישט־געשמירטע וואַגאָן־אַקסן, מיט א שווערן סאפען, האט דער לאקאמאטיוו שווער געשלעפט דעם עשאלאן בארג־ארויף. פון צפון האט לאנגזאם זיך גענומען אנרוקן א שניי־פורגע. מיט אמאל איז די בלייאיקע גרויקייט פונעם חלל פארוואנדלט געווארן אין נאכטיקער פינצטער־ניש; א צעווילדעטער שטורעמווינט האט מיט א וואיען און ברומען אנגעיאגט א שניי־זאווערוכע, און האט מיט א מעכטיקער קראפט געשמיסן געדיכטע פלאסטן שניי אין אלע זייטן.

ס'איז שוין געווען שפעטער אוונט. די זאווערוכע האט נאך אלץ אנגעהאלטן. שניי־הויפנס האבן מיט קראפט און צארן געקלאפט אין די ווענט און פענצטער פונעם וואגאן. כמעט אלע פאסאזשירן זיינען שוין געשלאפן. נאר א קליינע גרופקע מענער זיינען געזעסן ארום דעם אייזערנעם אייוועלע אין דער מיט פונעם וואגאן און, רויכערנדיק איין סיגארעט נאכן אנדערן, געפירט א שטילן סודות'פולן שמועס. פון מאל צו מאל — בעת א פלוצלינגן שטויס פון וואגאן וואס מאכט אויפפלאַקערן אויף א ווייל'ע די טליעדיקע קוילן אין אייוועלע, אדער פון א שטארקן ציִ פון א סיגארעט — ווערן באלויכטן די פארדאגה'טע פנימער פון די ארומזיצנדיקע. פון צייט צו צייט טוט ווער א לייכטן הייב מיטן קאפ און ווייזט ארויף מיט די אויגן צו דער העכסטער „נארע", וואו גרשון זיצט אנגעלענט דעם קאפ אן דער וואנט און פארלייגט הינטער זיך די פיס...

זייער סודותפולער שמועס וועגן דער נייער ידיעה — אז זייער שטאט איז שוין באזעצט מיט די דייטשן, און אז אלע יידן זיינען אין געציילטע טעג אויף א גרויזאמען אופן אומגעבראכט געווארן — איז מער נישט געווען קיין סוד פאר גרשון'ען. קיינער האט אים וועגן דעם נישט געזאגט, און ס'איז נישט נייטיק געווען אים צו זאגן דאס — ער האט דעם שוידער געזען אין זיין צעפיבערטער פאנטאזיע נאך איידער ס'איז אויסגעפירט געווארן. איינציקווייז, זיינען די ארומזיצנדע ביים אייוועלע אוועק שלאפן. נאר גרשון איז געבליבן זיצן אויף זיין ארט, צוגעדריקט דעם שטערן צום אייז־קאלטן שייבל. פון וואגאן־פענצטערל.

לאנגע שעה'ן, ביז טיף אין דער נאכט, איז ער אזוי געזעסן און נישט אוועקגענומען זיינע אויגן פונעם שניי־געוויטער. פלוצלינג, האבן זיינע ברייט־אויפגעריסענע אויגן דערזען פון ווייטנס, צווישן די צעווילדעוועטע שניי־הויפנס א

געשטאלט וואס איז געווארן אלץ בולטער ביזן אונטערשיידן א געזיכט... נישט איינס, נאר צוויי געזיכטער מיט איין גוף... דאס זיינען זיי! ער דערקענט זיי — זיין חייקע מיטן קינד אין אירע ארעמס — ביידע אנגעטאן אין ווייסן... פון איר בלייכן פנים קוקט אראפ דערזעלבער גוטמוטיקער שמייכל ווי ביים געזע־געגען זיך מיט איר... און דאס טעכטערל זיינס — אירע געלאקטע האר זיינען איצט ווייס ווי איר פנימל — פאכעט צו אים מיט א רונדיק געטאקט הענטל און רופט. אירע ווערטער דערגייען נישט צו אים, זיי ווערן אויפן וועג פארפרוירן... אבער לויט דער באוועגונג פון אירע ליפעלעך, רופן זיי „פאפא, פאפענקא!" זאלסט אויף אונדז ווארטן!"... מיטאמאל, אינמיטן שוועבן אינעם שנייאיקן חלל, נע־מען זיי פאלן אלץ נידעריקער צו דער ערד און בלייבן ליגן ארעם צו ארעם מיט זיין שוויגער, נעבן א לאנגער ריי, ווי ווייט דאס אויג קאָן דערגרייכן, אין ווייסן געוויקלטע, מענטשן מיט שניי־ווייסע פארשטייפטע פנימער... ער נעמט זיי דערקענען... ער קען זיי אלעמען! דאס זיינען דאך די יידן פון זיין געסל, די יידן פון זיין שטאט...

★

צום וויפלסטן מאל שוין, האט גרשון אפגעקלאפט די טירן פון דער מיליטערישער קאמענדאנטור, און יעדעס מאל צוריקגעקומען פון דארט אָן אויפ־גערעגטער און מער פארצווייפלטער. ס׳האבן נישט געהאלפן אלע זיינע טענות: פארוואס זאל אים, א יונגן געזונטן מענטש, נישט געגעבן ווערן די מעגלעכקייט צו נעמען נקמה אין די גרויזאמע מערדער פארן אומשולדיק פארגאסענעם בלוט פון זיינע נאענטסטע און ליבסטע? פארוואס זאל ער מוזן זיצן אין טיפן הינטער־לאנד, ווייט פונעם פראנט, אין א זיכערן ווארעמען ווינקל? דער ענטפער איז שטענדיק געווען דער זעלבער: „איר, בירגער גרישאַ סאַמוילאָוויטש ליניעצקי, א שטאל־גיסער, א ספעציאליסט זייט א סך מער וויכטיקער פארן קאמבינאט ווי איר וואלט געקאנט זיין אויפן פראנט. געבנדיק וואס מער שטאל, דערנענ־טערט איר דעם טאג פון באצאלונג פארן בלוטיקן שונא פון דער מענטשהייט!

גרשון האט מיט א נקמה־דורשטיקן ברען זיך אריינגעווארפן אין דער ארבעט. יעדעס מאל ווען ער פלעגט דורך זיינע בלויע שוצברילן אריינקוקן אינעם ריזיקן שטאלענעם „קויש" אין וועלכן ס׳איז אריינגעלאזט געווארן פונעם מארטען־אויוון דער צעשמאלצענער פליסיקער שטאל, האט ער אין דער זודיקער לאווע, געזען טאנקן, הארמאטן, באמבעס און שראפנעלן וואס איילן־צו די גרויסע נקמה...

די מלחמה האט זיך פארצויגן. נייע שטעט און שטעטלעך זיינען פארנומען געווארן פון די דייטשן און יידיש בלוט איז געפלאסן ווי וואסער.

מיט אַן איבערמענטשלעכער אנשטרענגונג און אליין אויף זיך ארויפ־געצוואונגענעם אויסדויער, פלעגט גרשון אפט ארבעטן אָן איבעררייס, צוויי, און

אַפילו דריי שיכטן. דעם כוח דערצו האָבן אים געגעבן די מאָנענדיקע פּנימער וואָס האָבן כסדר געשוועבט פאַר זיינע אויגן. ס׳איז שוין געווען ביים סוף פון יאָר ניינצן דרייאונפערציק, און דעם סוף פון דער מלחמה האָט מען נאָך אַלץ נישט געזען.

*

אין אַ געוויסן טאָג, ווען גרשון איז אַ האַלב־נאַקעטער, מיט אַ פאַרשוויצט לייב און פּנים אויסגעשמירט מיט סאַזשע און שטויב, געשטאַנען ביי זיין מאַרטען־אויוון, האָט ער פּלוצלינג דערפילט ווי אַ פּאָר הענט האָבן אים אַנגענומען פאַר אַן אָרעם און מיט כוח אויסגעדרייט. צו זיין גרויס שטוינונג, האָט ער דערזען פאַר זיך די „גאָלדענע זינאַ" — אַ יונגע העל־בלאָנד מיידל, וואָס איז נישט לאַנג צוריק אָנגעקומען צוזאַמען מיט אַ צאָל פרויען אין שטאָל־קאָמבינאַט צו פאַרטרעטן די מענער וואָס זיינען אַוועק אויפן פראָנט.

אָנגעשטעלט אויף אים אירע גרויסע גרינלעכע אויגן פולע מיט פאַרוואָורף און פאַרדרוס, האָט זי אַרויסגערעדט צווישן די ציין ווי צעביייסנדיק יעדעס וואָרט, יעדן אות:

— זאָגט מיר, גרישאַ סאַמוילאָוויטש, כ׳וואָלט זייער געוואָלט וויסן וואָס שטעקט דאָ די סיבה פונעם קוריאָזן פאַל, וואָס אין דער צייט ווען אַ סך מענער אין אַט דעם קאָמבינאַט זעען מיך פון ווי ווייט — ווען איך שענק זיי נישט אַפילו קיין איבעריקן בליק — און איר, וואָס איך זע אייך אַפילו ווען איר געפינט זיך הינטער מיינע פּלייצעס, באַמערקט מיך נישט אינגאַנצן אַפילו ווען כ׳גיי דאָ יעדן טאָג נישט איינמאָל פאַרביי אַזוי נאָענט פאַר אייערע קויל־שוואַרצע אויגן? — צי זיינט איר אַזוי שטאַרק פאַרחלומט? אָדער, אפשר האָב איך אייך מיט עפּעס באַליידיקט, צי אפשר גאָר שלעכטס געטאָן?

אַ דערשטוינטער פונעם מיידלס רייד, האָט גרשון זי אויפמערקזאַמער באַטראַכט און ערשט איצט באַמערקט, אַז זי איז זייער אַ סימפּאַטישע — אַ שלאַנקע, און דערצו נאָך זייער אַ דרייסטע...

— אָבער נעמט נישט פאַר שלעכט מיין דרייסטקייט — האָט זי שוין ווייכער, ווי זי וואָלט געלייענט זיינע געדאַנקען, ווייטער פאָרגעזעצט:

— איר הערט, גרישאַ סאַמוילאָוויטש, כ׳ווייס נישט פאַרוואָס, ווען כ׳האָב אייך צום ערשטן מאָל דערזען, האָב איך שוין דעמאָלט דערקענט, אַז איר זייט עפּעס אַ גאַנץ אַנדער מענטש ווי אייערע אַרבעטס־חברים. אַט די אַנדערשקייט אייערע, האָט צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט, מיינע געפילן...

— גלויבט מיר, זינאָטשקאַ, — האָט גרשון זי לייכט אָנגענומען פאַרביידע הענט — גלויבט מיר, אַז כ׳זע דיך ווי צום ערשטן מאָל פאַר זיך... און אַז נישט

דערפאר וואס דו ביסט עס נישט ווערט געווען, האב איך דיך נישט באמערקט, נאר, ווייל דער „נעכטן" איז נאך צו נאענט, און דער „מארגן פון נקמה" איז נאך נישט געקומען...

— כ׳ווייס אלץ וועגן אייך, גרישאַ סאַמוילאָוויטש, אבער פארשטייט: איר זייט נישט קיין איינציקער בוים אין וואלד... פאראן זייער א סך געליטענע! מען מוז זיך נעמען אין די הענט אריין!

— אבער דו קאָנסט נישט, זינאַ, אין דעם פאל, אונדז יידן פאראלגעמיינערן מיט דער נישט יידישער באפעלקערונג. אלע אנדערע, אלנפאלס די גרעסטע טייל פון זיי, וועלן נאך דער מלחמה זיך צוריקקערן אין זייערע פריערדיקע היימען און זיך ווידער פאראייניקן מיט זייערע נאענטסטע, וואס זיינען געבליבן אויף יענער זייט. אבער מיינע, אונדזערע, האט מען דארט אלעמען פארטיליקט, אלעמען!.. .

זינא האט אראפגעלאזט דעם קאפ און נאך א לענגערע ווײַלע פון שווייגן, אויפגעהייבן צו גרשון׳ען אירע גרינלעכע אויגן און געזאגט מיט א שטילער שטים, ווי אין א געבעט:

— איר ווייסט, גרישאַ סאַמוילאָוויטש, אויך מיין מוטער איז א יידישקע...

— יא, כ׳פארשטיי דיך, זינאַטשקאַ, כ׳פארשטיי דיך זייער גוט, — האט גרשון נישט געקאָנט אפווענדן זיין בליק פון אירע ווארעמע אויגן — אבער, ווי קאָן איך איצטער ענטפערן מיט מיין הארץ אויף דיינע געפילן... מיט א פארוואונדעט הארץ, וואס בלוטיקט נאך...

— ליבע היילט אלע וואונדן... האט זינאַ שטיל א זאג געטאן.

— ניין, זינא, ס׳טאָר נאך איצט נישט פארהיילט ווערן — א פארהיילט הארץ קאָן נישט נעמען קיין נקמה!... ס׳איז נאך נישט געקומען דערויף די צייט! אבער, זעענדיק איר פארטרויערטן פנים, האט ער אנגענומען איר האנט און דריקנדיק זי פעסט, אויסגערופן:

— כ׳גיב דיר, זינאטשקא, מיין האנט און מיין ווארט, אז ווען ס׳וועט קומען דער טאג פון באצאלונג, וועלן מיר פייערן א דאפלטע שמחה!...

— גיב אַן אדערויף גרישענקא! — האט זינא זיך שנעל ארומגעקוקט און אים צוגעטראגן אירע ליפן...

*

געשען איז דאס מיטן אויפשפראץ פונעם טאג, ביים סוף פון גרשון׳ס נאכט־דינסט. נאכן אפארבעטן אַן־איבעררייס דריי שיכטן, ווען ער האט אַן

איבערמידטער, געפונען זיך אויף אַן ארויסשטייענדיק שמאל אייזערן גאנעקל און נאכגעפאלגט דורך א פאר בלויע פירקאנטיקע שוצברילן ווי די צעשמעלצונג שטראמט פון מארטען־אויוון אין שטאלענעם „קויש" אריין.

ווען דער „ארויסגוס" איז פארענדיקט געווארן און גרשון האט געדארפט איבערגעבן דעם אויוון צום שטאלגיסער פון דער ערשטער טאג־שיכט, האט מען, נישט געקוקט אויף אלע ארומזוכעניש, אים נישט געפונען. ס'האט זיך נאר אפגעזוכט זיין קאשקעט מיט די פירקאנטיקע בלויע ברילן, וואס זינא האט עס געפונען אין דער ערד־פארטיפונג, נישט ווייט פונעם „קויש".

— — נאך א גרינטלעכער אויספארשונג, איז מען געקומען צום אויספיר, אז דער שטאל־גיסער, גרישאַ סאַמוילאָוויטש ליניעצקי, האט שטייענדיק אַן איבערגעבויגענער מיט זיין הייכן קערפּער איבערן נידעריקן אנלען פונעם גאנעקל, פארלוירן דאס גלייכגעוויכט און ארייַנגעפאלן אין דער גהינומדיקער לאַווע פון פליסיקן־שטאל...

*

מערערע טעג איז אינעם קאמבינאט גערעדט געווארן וועגן דעם שוידער־לעכן פאל, ווי דאס פלייש און בלוט פון גרישאַ סאַמוילאָוויטש, איז אויס־געמישט געווארן מיטן שטאל וואס האט געדארפט צוויילן די פארדינטע באַ־צאלונג פאר די דייטשע מערדער. פון מויל צו מויל זיינען איבערגעגאנגען די דורך אימיצן ארויסגעזאגטע ווערטער: „ער האט זיך געריסן צום פראנט, געוואלט נקמה נעמען — איצט וועט ער זיינס דערגרייכן... ער וועט זיכער אהינ־קומען"..

שמואל לאם: דער מידער פידלער

שמואל לאם

געבוירן אין פוילן. פארענדיקט שטודירן אין דער לעמבערגער אקאדעמיע פאר שיינער קונסט. אין 1933 עולה געווען קיין ישראל. וואוינט אין חיפה. באטייליקט זיך אין אלע אויסשטעלונגען פון די ישראל קינסטלער און צענדליקער יחידישע אויס־שטעלונגען אין לאנד און אין אויסלאנד. אויסשטעלונגען אין פאריז, ניו־יאָרק, און אנדערע גרויסע שטעט אין די פ. ש. פון אמעריקע.

לאַם ברענגט ארויס אין זיין שאפן דאס עכטע און דאס בילדלעכע, און אין דער זעלבער צייט באטאנט ער דאס אנדערשקייט. ער ווארפט אָן זיינע פארבן פריי, און דאך הארמאָנירט יעדער קאָליר מיט דער פאָרם. זיינע ישראל לאנדשאפטן זיינען ליריש אין גייסט. געמאלן אין א ליכטיק־אימפרעסיאָניסטיש סטיל.

ער טריאומפירט אין זיין ריזיקאלישער שפיל פון צוזאמענפאָרן ענלעכע טענער וועלכע גיסן זיך צוזאמען אזוי שטיל, אז זיי דערמאנען די מוזיק פון דעביוסי.

וואלף גאמערמאן

שטרעמונגען אין דער מאדערנער פראנצויזישער פילאזאפיע

בכדי צו פארשטיין דעם געדאנקען־גאנג און די אנטוויקלונג פון דער מאדערנער פראנצויזישער פילאזאפיע, ווי אויך די הייסע דיסקוסיעס וועלכע האבן זיך לעצטנס אנטוויקלט צווישן אירע דריי הויפט ריכטונגען: דעם דיאלעקטישן־מאטעריאליזם, עקזיסטענציאַליזם און קריסטלעך־פילאזאפישע אנשוי־אונגען, איז נייטיק — 1) צו קענען דעם געדאנקען־גאנג פון די פראנצויזישע דענקער לענגאויס דער געשיכטע פון פראנקרייך; 2) וויסן די צווישן־ווירקונג פון סאציאלן, עקאנאמישן, וויסנשאפטלעכן און רעכטלעכן שטייגער פון פראנ־צויזישן פאלקס־לעבן; 3) פארשטיין דעם דראנג אויסצובררייטערן און פארטיפן די ווירקונג פון געדאנק, דורך אויסגעפינען די הארמאניע צווישן דעם מענטש און דער אויסערלעכער וועלט.

דאס הויפט־פראבלעם איז, צי איז דער מענטש אין זיין שטרעבן צו וויסן באהערשט פון אַן אויסערלעכן דראנג און האט נישט קיין שליטה אויסצו־קלייבן זיין וועג, אדער, צי איז דער מענטש א רעזולטאט פון א לאנג־דויערנדער עוואלוציע און די מאכט פון פרייען אויסוואל ("Libre arbitre") געפינט זיך אין זיינע הענט און איז אזוי־ארום די איינציקע באוואוסטזיניק שעפערישע קראפט אין דער געשיכטע פון קאסמאס.

פון אט דעם הויפט־פראבלעם פליסן ארויס אלע אנדערע פראבלעמען, ווי — פונוואנען? וואוהין? פארוואס? ווי אזוי?

פונוואנען? — איז דאס ערשטע פראבלעם וואס האט אויפגעטויכט אינעם מענטשלעכן מח. ווען מיר נעמען אין באטראכט דעם ערשטן אויפברויז פון געדאנק אין די פאר־געשיכטלעכע צייטן, זעען מיר ווי ער אנטפלעקט זיך אין זיין באציאונג, ביי דער פראקטישער אנווענדונג, צו דער אויסערלעכער וועלט, ווי אויך אין סמיכות מיט אַן אינערלעכן דראנג צו קומען באוואוסטזיניק אין קאנטאקט מיט דער אויסערלעכקייט. דער דראנג דריקט זיך אויס אין: א), די באַציאונג צווישן סוביעקט און אָביעקט; ב), די צווישן־ווירקונג, וואס דריקט זיך אויס אין דער עקזיסטענץ אדער אומעקזיסטענץ פון אט די צוויי עלעמענטן — צי איז עקזיסטענץ באוואוסטזיין אדער אומאפהענגיק פונעם באוואוסטזיין?

פילאזאפיע איז נישט קיין אפגעזונדערטער פענאמען, נאר איז ענג פארבונדן מיט דער טאג־טעגלעכער עוואלוציע פונעם מענטשלעכן דא־זיין, סיי אין אינדיווידועלן אויפשטייג, סיי אין געזעלשאפטלעכן אויסלעבן זיך. א פילאזאפיע Sui generis (וואס שפראצט ארויס פון זיך) דערפירט צו אבסורד ווי מיר געפינען דאס ביי היידעגגער, קאפקא און קאמיס.

וואס איז די אויפגאבע פון פילאזאפיע?

איינשפאנען דעם מענטשלעכן געדאנק אין א מעטאדישן אינוועסטיגאציע פראצעס, אין וועלכן אלע וויסנשאפטן שפיגלען אפ זייער געמיינזאמע שטרע־בונג. באפרייען דעם גייסט און דעם קערפער פון אלע קייטן פון אפהענגיקייט און געבן דעם פרייען אויסוואל דעם געהעריקן שוואונג פון מעגלעכקייטן.

אָן וויסנשאפט קאן קיין באוואוסטזיין זיך נישט מאניפעסטירן און דעריבער איז יעדע פילאזאפישע אינטערפרעטאציע פארבונדן מיט דער אויפקלערונג פונעם וויסנשאפטלעכן פראצעס, מיט זיינע סיבות און קאנסעקווענצן.

צום ביישפיל: די פאַר־סאָקראַטישע פילאזאפיע אינעם אלטן גריכנלאנד איז ענג פארבונדן מיטן איבערגאנג פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט צו אגריקולטור; די נויטווענדיקייט צו לערנען די פענאמענען פון דער נאטור אין שייכות מיטן באפרוכפערן די ערד (סיבות און מיטלען). דאס באנוצן אינסטרומענטן, געשאפענע דורך דעם מענטש, ווי א באהערשונגס־מיטל, האבן אים געגעבן דעם ערשטן שטויס צו באאבאכטן די ארומיקע נאטור, קאדיפיצירן דעם אקט, ווי אויך ארויסרופן די אויפמערקזאמקייט פונעם מענטש לגבי די רעזולטאטן.

צו ערשט קומט די אינטואיציע וועלכע איז אפעקטיוו, און נאכדעם קומט די דעדוקציע — פארשטאנד.

די אייגנשאפט פונעם מענטש איז — אריינצופירן דאס אומענדלעכע אין דער אינערלעכקייט פונעם פארענדיקטן; צו געפינען די פעדים וואס פארבינדן דעם „איך" און „דעם אנדערן"; די פארבינדונג פון „איינס" מיט „מערצאל"; די שטרעבונג פון דיפערענצירטן צו קאנקרעטיזירן א סינטעז.

דער סקעפטישער צוגאנג, דאס אפלייקענען, און דאס אפלייקענען פונעם אפגעלייקנטן, איז אָן אויסדרוק פון אינוועסטיגאציע, פון אונטערזוכן די סיבות פון א פענאמען, ווי אויך א פרואוו אריינצודרינגען אין דער עסענץ (יסוד היצירה) פון זאך און אורזאך.

אלס באשעפעניש פון אלע לעבעדיקע מינים, וואס האבן זיך אויס־געשיילט אין פראצעס פון קאמפלעקסיפיקאציע, אין גאנג פונעם איין־צעליקן צו קאמבינאציעס פון מערצאל, איז דער מענטשלעכער מין זיך אליין איבער־געשטיגן דורך דעם אויסערגעוויינלעכן דראנג פון זיין אינטעלעקט.

דורך דער מעגלעכקייט פון מענטשנס אינטעלעקט ארייגצודרינגען און נאכפארשן נישט נאר די אויסערלעכקייט, נאר אויך זיין אייגענע אינערלעכ־קייט, דערשיינט דער סוביעקט פון מענטש אלס אביעקט פאר זיין אייגענעם אינטעלעקט. דאס איז דער ערשטער אויסדרוק אין די שטאמלונגען פונעם באוואוסטזיין — פארבינדן דאס באלדיקע מיט פארמיטלונג, ווי היסערל פאר־מולירט דאס אין זיין „פענאָמענאָלאָגיע״:

„דער צוגאנג פון וועלכן די באזע איז פארבינדונג, איז אַן אַפּאָדעק־טיווער און עסענץ־נויטווענדיקער״.

אזוי־ארום זעען מיר דייטלעך דעם צוגאנג פון דער אינוועסטיגאַציע פונעם מענטשלעכן אינטעלעקט פאָרמולירט אין צוויי ריכטונגען:

1) פון וויליאם דזשעימס — „ער דענקט אין מיר!״ 2) פון דעקאַרט — „איך דענק, עקזיסטיר איך״ (Cogito). ארויסגייענדיק פון די דאזיקע פּאָסטולאַטן קאנען מיר איבערגיין צום עצם ענין.

*

די פראנצויזישע פילאזאפיע איז באווירקט און אדורכגעפלאכטן פון דעקארטס מאטעריאליזם, פּאַסקאַלס מעטאפיזיק, רוסאָס נאטוראליזם און א. קאָנטס פאזיטיוויזם באַרייכערט פון דער דייטשער פילאזאפיע פון 19־טן יאר־הונדערט.

בכדי צו קאנען באנעמען דעם שטרייט פון די פילאזאפישע שיטות אין פראנקרייך איז נייטיק זיך אפשטעלן אויף בערגסאָנס מעטאפיזיק:

בערגסאָן איז אַ דירעקטער נאכפאלגער פון פלאטאן און בערקעליי, מיט דעם אונטערשיד, וואס אין זיין נעאָ־פלאַטאָניזם, דורך דעם שוואונג פון דער וויסנשאפט און אין קעגנזאַץ צו איר, האט ער געפרואווט צוריקקערן זיך צו קלאַסיש מעטאַפיזישע באַנעמונגען מיט מאדערנע מיטלען. טראָץ זיין פילפאר־ביקער רייכער שפּראך ווי פון א דיכטער, טראָץ זיינע געוואגטע פאָרמולן, דריקט ער אויס שרעק פאַר דער אומענדלעכקייט און אַ מין קריסטלעכן פעסימיזם, אַ הילפלאזיקייט פאר דעם אנדעקטן „איך״ אין זיין דואליטעט. ער איז נישט מער ווי א מיסטיקער און זיין קאנצעפּט איז נאענט, מ׳קאן זאגן אידענטיש, מיט סענט־טערעז.

ער איז עגאָצענטריש. דער שטאָף איז פאר אים נישט מער ווי א וויזיע און עקזיסטירט נאר אלס טרוים פון גייסט. דערמיט איז ער טראנסצעדענטיש און פאלט אריין אין דער נעץ פון קריסטלעכן פסיכא־פאטאס. בערגסאָנס באנעמען

פון „צייט״ איז אין קעגנזאץ צו דער מאדערנער וויסנשאפט. פאר אים איז חומר די צעשטערענגונג פון גייסט און איז אין קעגנזאץ צו אנשטרענגונג.

דאס אלץ ווערט אפגעווארפן דורך דער עקספערימענטאלער וויסנשאפט־לעכער טעאריע פון דע־ברוקלי — „די טעאריע פון קוואַנטאַ״, ווי אויך פון דער מאדערנער גענעטיק.

מיט זיינע היפאטעזעס וועגן זיכרון, חלום און לעבנס־דראנג קומט ער צום אויספיר, אז ס׳איז פאראן עפעס העכערס פון די לעבעדיקע מינים. אז אין דעם מענטשלעכן מין געפינען זיך אינדיווידומס וועלכע שטייגן איבער דעם אייגענעם מין, אדער ווי ער דריקט זיך אויס: „די דאזיקע יחידים זיינען א באזונדער מין״. דאס זיינען די צדיקים, די מארטירער. אבער דאס איז אויך דער „איבערמענטש״ פון ניטשע, דער אריער פון די ראסיסטישע טעאריעס.

מיט דעם איז זיין פילאזאפיע אין איינקלאנג מיט דער רעליגיעזער מיסטיק פון קריסטענטום, אז דער אפשטאם פון דער וועלט איז א זשעסט וואס איז נישט באגרייפבאר פארן פארשטאנד.

★

דעם 6־טן פעברואר, 1934, איז געקומען אַן איבערברוך אין דער פראנצויזישער פילאזאפיע. דער פאשיסטישער שטראם מיט זיין ברענען אויף שייטערהויפנס דעם מענטשלעכן גדאנק, האט ארויסגעריסן די יונגע מעטא־פיזיקער פון זייערע טרוימען און אבסטראקציעס און זיי אריינגעווארפן אין דערשטוינונג און ספיקות.

צווישן די יונגע פילאזאפן האבן זיך אויסגעשיילט דריי ריכטונגען, אויסער די טראַדיציאנאליסטן:

1. די מארקסיסטן מיט דעם געניאלן (יונג־אומגעקומענעם פון א דייטשער קויל) זשארזש פאליצער; באבי; ווערנאַן; גאַראַדי; דעסאַנטי א. א.

2) די קריסטלעכע עקזיסטענציאליסטן מיט גבריאל מאַרסעל און שעסטאָוו, וועלכע האבן אריינגעבראכט אין פראנקרייך דעם עקזיסטענציאליזם פון קיער־גאַארט און היידעגגער, מערלא־פאנטי א.א., צו וועלכע מען דארף אויך צורעכענען דעם טאלאנטפולן לעווינאַס מיט זיין היסערל־קאנצעפציע פון עק־זיסטענציאליזם.

3. די שיטה פון זשאן־פאל סאַרטר און סימאָן דע באָוואַר, וועלכע פרובירן מיט זייער אטעאיסטישן עקזיסטענציאליזם צו געפינען א קאמפראמיס מיטן מארקסיסטישן דיאלעקטישן מאטעריאליזם.

אין וואס באשטייט דער יסוד פון עקזיסטענציאליזם? די עקזיסטענץ פון אביעקט איז אומאפהענגיק פון זיין רעאליטעט, ווייל עקזיסטענץ הייסט

ארײנדרינגען אין דער מחיצה פון א צווייטן אביעקט וועלכער ווערט אזוי ארום פארוואנדלט אין א סוביעקט.

דער פרייער אויסוואל איז באשרענקט אין די ראמען פון סוביעקטיווער אויסשטאַלטונג, דאס מיינט: דויער און רוים. דער אומאויפהערלעכער קאמף פון אינדיווידום זיך צו באפרייען פון יעדער אליענאציע איז דער אויסדרוק פון שעפערישן דראנג. אלע אינערלעכע אייגנשאפטן פון אינדיווידום — ווי ליבע, האס, כעס, רחמנות, ווילן א.א.וו. קאנען מיר באנעמען אין זייער אקטי־וויטעט, באהערשן זייער אויפפירונג. אבער דעם יסוד, דעם "Eidos" קאנען מיר נישט איינשפאַרן אין די ראמען פון זעלבסט־קאנטראל און ווילן.

די עקזיסטענציאליסטן, האבנדיק פאר די אויגן דעם ביישפיל ווי א ברוטאלע חיה'שע רעאקציע קאן דערמעגלעכן די פארניכטונג פון גייסט דורך דער פארניכטונג פונעם חומר אין וועלכן דער גייסט האט זיך באוואוסטזיניק מאניפעסטירט, האבן איינגעזען, אז די פרייהייט אין סאציאלן פראגרעס איז א נויטווענדיקייט פארן אויפשטייג פונעם גייסטיקן לעבן פון מענטש; אז דער „איך" איז ענג פארבונדן מיט דעם צווייטן און איז אפהענגיק פונעם אויסער־לעבן; אז די רעאליטעט פונעם אביעקט איז ענג צוזאמענגעפלאכטן מיט דער עקזיסטענץ פון סוביעקט, — זיינען זיי אריין אין פאליטישן קאמף. דאס מיינט, אז דער פילאזאף וועלכער דערווייטערט זיך פון לעבן, פארלירט דעם זין פאר זיין אייגענעם אויפטריט. די פראקסיס (Praxis) איז איינע פון די הויפט קאנדיציעס פאר אינוועסטיגאציע און היפאטעז.

לויט דעם עקזיסטענציאליזם האט דער מענטש זיך נישט צו פארנעמען מיט דעם וואס ער קאן נישט דערגרייכן מיט זיינע חושים, מיט זיין געדאנק, מיט דעם וואס איז פאר אים אומבאגרייפבאר. די פראגן פונוואנען? וואוהין? האבן פאר אים נישט קיין זין. דער מענטש דארף אויסלעבן זיין אייגענעם „איך" אין דעם ספיראַל פון קאָסמאָס אין וועלכן ער געפינט זיך. אזוי ארום זיינען די עקזיסטענציאַליסטן אין איינקלאנג מיט אַריסטאָטעלעס וועלט־אנשויאונג וועגן די מערצאל וועלטן, מחוץ וועלכע ס'קומט דאס אומענדלעכע, דאס אומ־פארשטענדלעכע. דאס זיינען די אויספירן פון גבריאל מארסעל, לעווינאס א.א.

כאטש גבריאל מארסעל איז אוועק צוריק צום טראדיציאנעלן קאטא־ליציזם, דארף ער פאַררעכנט ווערן ווי דער בולטסטער פילאזאף פון קריסטלעכן עקזיסטענציאליזם. ער איז א נאכפאלגער פון דעם ארטאדאקסיש־קריסטלעכן בערדיאַיעוו, וועלכער האט אריינגעפירט אין פראנקרייך דעם עקזיסטענציאליזם פון זשאַספערי. בערדיאַיעוו האט אויפגעוויזן, און מיט רעכט, אז דער פאטער פון עקזיסטענציאליזם איז געווען דאָסטאָיעווסקי מיט זיינע ווערק „ברידער קאראמאזאוו" און „פארברעכן און שטראף". מארסעל רעאגירט באזונדערס

קעגן אלע דאקטרינעס, וואס זוכן צו באנעמען אלע פענאמענען מיטן פארשטאנד; קעגן געשיכטלעכער און סאציאלאגישער אויסטייטשונג און קעגן דעם אינטע־לעקטואליזם פון בראַנשוויג. ער לייגט פאר קעגן דעם שטראם פון פארשטאנד א שטח פון דעם אומבאגרייפבארן און פון מיסטעריע וועלכע קאנען מיטן פארשטאנד נישט פארענטפערט ווערן.

ער זאגט: „ווען איך שטעל די פראגע — ווער בין איך? — קאָן איך קיין שום ענטפער נישט געבן. און די אריסטאָטעלישע לאָגיק, אדער יעדע אנדערע לאגיק, איז אַ דורכפאַל".

די וועלט פון גבריאל מארסעל איז א וועלט פון שטרעבונגען אין וועלכער עס זיינען דאך פאראן אומפארשטענדלעכע סודות. דאס איז די טעאריע פון פערסאנאליזם. לויט איר איז פאראן דער סוד פון „וועזן" און איז אין קעגנזאץ צו העגעלס געדאנק וואס זונדערט נישט אפ דעם „וועזן" פון דאס ארומיקע.

לעווינאס, דער דירעקטאר פון פאריזער רעליגיעזן סעמינאר דענקט, אז „דאס וואס איז" שטייט העכער פונעם „וועזן". אין קעגנזאץ צו היידעגגערס „דאס וואס איז", איז פאר אים דאס געזיכט — דאס מענטשלעכע געזיכט. דאס וואס מיר פילן אונטערן מענטשלעכן געזיכט, איז דער „נישט געזיכט" פון געטלעכן. טראָץ זיין גרויסן טאלאנט איז זיין געדאנק דאך א שוואכער בייטראג פון יהדות.

דער אטעאישער עקזיסטענציאליזם מיט זשאַן־פּאָל סאַרטר בראש, איז אוועק אויף אַן אנדער וועג — אויפן וועג פון אפלייקענען דאס אפגעלייקנטע. דאס הייסט, ער לייקנט אפּ דאס אפלייקענען פון חומר ווי עס באהויפטן דאס די מעטאפיזיקער, און דאס אלץ אויף אַן אריגינעלן, כאטש פארקריפלטן, אופן; ער פּרובירט געפינען א סינטעז פון אזעלכע קעגנזאצן ווי דער „לעבנס־דראנג" פון בערגסאָן, די סינטעטיזירנדע דיאלעקטיק פון העגעל, די מאטעריאליסטישע דיאלעקטיק פון קארל מארקס און דאס אלץ פארבינדן מיטן ניטשעאַנישן פעסימיזם.

זיין ווערק "Letre et le Neant" ווייזט אונדז קלאר אין וועלכע לאבירינטן עס שוועבט סארטרס גייסטרייכער געדאנק. ער לייקנט גאט מיט דעם וואס ער שטעלט פעסט, אין קעגנזאץ צו העגעלן, אז „אין זיך" איז אוממעגלעך צו פאראייניקן מיט „אַן און פאר זיך", ווייל „אין זיך" איז א בליק פון א דעטערמינירטן אפשניט פון דער אומענדלעכקייט און „אַן און פאר זיך" איז די אומענדלעכקייט אין אַן אומדעטערמינירטן אפשניט. זיי קאנען קיינמאל נישט צוזאמענקומען, זיך צונויפגיסן, זיי שליסן זיך אויס איינע די אנדערע פונעם זעלבן שטח. ער ווייזט אויף, אז יעדער סוביעקט זוכט צו פארוואנדלען דעם אביעקט אין סוביעקט, אזוי אז דאס סוביעקטיווע מיינט — רעלאטיוויטעט פון פרייהייט. אין דעם ליגט זיין גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון אקט און ווארט.

סאַרטר האָט אויך אַריינגעפּירט אין זיין סיסטעם היסערלס טעאָריע פון כוונה. ער האָט אָבער נישט באַוויזן צו פּאַרטיפן דעם סינטעטישן פּרואוו פון היסערלען (פאָרמעלע אָנטאָלאָגיע,* רעגיאָנאַלע אָנטאָלאָגיע). ער רופט אָן זיין סיסטעם — פענאָמענאָלאָגישע אָנטאָלאָגיע. אויב מיט זיין סיסטעם איז ער געשטרויכלט געוואָרן, האָט ער אָבער באַוויזן אַז ער באַזיצט אַ מעכטיקע אַנאַליטישע גאונות. זיין געדאַנקען־גאַנג קאָן מען פאַרטיילן אין דריי ריכטונגען:

1) פּסיכאָ־אַנאַליז. מיט זיינע פּינקטלעכע, פענאָמענאָלאָגישע אַנאַליזן, וואָס דרינגען אַריין טיף אין דעם מענטשלעכן „איך" און אין די אָפּגעהאַקטע פעדים צו אַ צווייטן „איך". דער „איך" און „דו" פון מאַרטין בובער איז אַן ענטפער סאַרטרן.

2) געשיכטע. אויב סאַרטר וואַרפט אָפּ דעם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם, אַנאַליזירט ער די ריכטיקייט פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. לויט אים איז פאַראַן אַ זין אין געשיכטע.

3. מאַרקסיזם. ער נעמט אים אָן אַלס ריכטיקע קאָנצעפּציע פון אַקט אויפן סאָציאַלן און עקאָנאָמישן געביט.

*

איידער מיר וועלן איבערגיין צו דער וויכטיקסטער דערשיינונג אין דער פראַנצויזישער פילאָזאָפיע, צום סיסטעם פון טעיאַר־דע־שאַרדען, איז נייטיק אויך צו דערמאָנען דעם נישט־לאַנג צוריק פאַרשטאָרבענעם פילאָזאָף באַשלאַר. טראָץ זיינע אָפּנייגונגען און דיכטערישע ספּעקולאַציעס וועגן פּאָעטיק, וואָס ער זעט אינעם פּאָעטישן טרוים אַ וואָונק פון דעם חומר, מוז ער פאַררעכנט ווערן ווי איינער פון די באַדייטנסטע מאַטעריאַליסטישע פילאָזאָפן פון אונדזער צייט.

באַשלאַר איז דער פילאָזאָף פון וויסנשאַפט. אַלץ איז פאַר אים אין רעלאַציע מיט וויסנשאַפטלעכער אינטואיציע און אינוועסטיגאַציע. אין אַ מעכטיקן אַנאַליז, ווייזט ער אויף, ווי אַזוי דאָס ראַציאָנאַלע און דאָס עקספּערי־מענטאַלע קומען זיך צוזאַמען אין אַן איבערשטייגן פון אָנטאָלאָגיע. פאַר אים איז נישט פאַראַן קיין פאַרשלאָסענע סובסטאַנץ אין זיך, ס'איז פאַראַן ווי ער דריקט זיך אויס — „עקס־סטאַנצן", דאָס מיינט, צווישןווירקונג. ער שליסט צוזאַמען פאָרשונג מיט פּראַקסיס. לויט אים איז דער ערשטער אמת אַן אוממעגלעכקייט. ס'איז נאָר מעגלעך דער ערשטער טעות. די וויסנשאַפט פּראָג־רעסירט שטענדיק דורך אַפּליקענען, זי בעסערט אויס און שטרעבט זיך צו דערנענטערן צום אמת. דאָס באַלדיקע איז אַ סינטעז פון סענטימענטאַלע קעגנזאַצן, אַ טרעף־פּונקט פון צוויי אַקטיוויטעטן. די עסענציעלע נעגאַטיוויטעט

* אָנטאָלאָגיע — די וויסנשאַפט פון „זיין", פון רעאַליטעט.

איז דאס וואס דערלויבט אונדז צו צוזאמענבינדן איינס מיט דאס צווייטע פאראייניקן דעם גורל פון וויסן מיטן גורל פון דמיון (פארשטעלונג). דאס מיינט דער צווייזייטיקער גורל פון מענטש.

אין 1955 איז דערשינען דאס ערשטע בוך פון פיער טעיאַר דע־שאַרדען א. נ. „דער מענטשלעכער פענאמען". דאס בוך האט ארויסגערופן א שטורעם פון דיסקוסיעס אין די פילאזאפישע קרייזן. טעיאר־דע־שאַרדען איז געווען א מיטגליד פון קאטוילישן יעזואיטן־אָרדן און איינער פון די באדייטנסטע פּאַלעאָ־אַנטראָפּאָלאָגן אין דער וועלט. דער וואטיקאן האט אים נישט דערלויבט צו דרוקן זיינע ווערק ביי זיין לעבן. ערשט נאך זיין טויט איז דערשינען דאס פריער דערמאנטע בוך.

טעיאר־דע־שארדען איז געווען א גרויסער וויסנשאפטלער. און באזירנדיק זיך אויף זיין וויסנשאפטלעכער דערפארונג האט ער אויפגעבויט זיין פילאזאפישן סיסטעם. מען קאן נישט זיין איינשטימיק מיט זיינע מיסטישע אויספירן, אבער זיין פענאמענאלאגיע איז אינטערעסאנט און אייגנארטיק, רייך מיט וויסנשאפט־לעכער דערפארונג און ליבע צום מענטש, פול מיט אָפּטימיזם וועגן דער צוקונפט פון דער מענטשהייט. זיין מאטעריאליסטישער צוגאנג צו באהאנדלען דאס פראבלעם, זיין אננעמען די וויסנשאפטלעך פעסטגעשטעלטע טעאריע פון אומענדלעכער עוואלוציע פונעם קאסמאס, האבן אים אוועקגעשטעלט אין דער ערשטער ריי פון די מאטעריאליסטייז־אפטימיסטישע פילאזאפן ווי — דעמאָקריט, עפיקור, לוקרעס, אווערעס, רמבם, לוי פון אפריקע, עטיען דאַלע, מאַרקס און לענין, ווי אויך אויף דער הייך פון די גרויסע אידעאליסטישע פילאזאפן, ווי פּלאַטאָן, אריסטאָטעלעס. היסערל א.א.

אין וואס באשטייט זיין סיסטעם? אין קעגנזאץ צו בערגסאָן און דזשעימס, גייט ער אוועק פון אינערלעכן צום אויסערלעכן. ער גייט נישט פון סוביעקט צום אָביעקט, נאר פארקערט, און דערוויזט ווי דער סוביעקט שיילט זיך אויס פון אביעקט. ער איז קעגן דער מאטעריאליסטישער טעאריע, אז גייסט שיילט זיך אויס פון חומר, און איז אויך קעגן דער אידעאליסטישער טעאריע, אז גייסט באשאפט דעם חומר. לויט זיין אויפפאסונג זיינען חומר און גייסט נישט קעגנזעצלעך נאר זיינען דער־זעלבער אויסדרוק פון אוניווערס אין שטרעבן פון איינצייליקן צום מערצייליקן.

דער חומר דריקט זיך שטענדיק אויס אין דער זעלבער שטרעבונג פון מערערן צו איינס דורך קאָמפּלעקסיפיקאַציע פון באוועגונג — ענערגיע. דער שטאף פון דער וועלט איז איינפאך און גלייכצייטיק קאמפליצירט דורך קאמבינאציעס. פון די ראַדיאַציעס פון די אַטאָם־טיילן, וועלכע פארנעמען אַן אומענדלעכן שטח אין זייער גרויזאמער שיטערקייט, קומען פארשיידענע פּראַ־צעסן פון קאָנדענסאַציע ביז דעם קאָנדענסירטסטן מערצייליקן — דעם מענטש,

וועלכער איז דער ציל, אבער נישט דער סוף, ווייל די עוואָלוציע האט נישט קיין סוף.

ווי אזוי קאָן מען דיפערענצירן דעם גייסט אין חומר? דאָ קומט טעיאַר־דע־שאַרדען מיט א היפּאָטעזע, אז גלייכצייטיק מיט דער ענערגיע וועלכע באַוועגט און שפּינט דעם חומר, וועלכע ער באַצייכנט אלס טאַנגענטע (מעסט־באַרע) ענערגיע, נעמט אויך אנטייל אין דעם פּראָצעס א צווייטער מין ענערגיע וואָס ער רופט אָן „ראַדיאַלע ענערגיע״. די דאָזיקע ענערגיע איז אין אָנפאַנג קליין און אומשפּירבאַר. מיט דער קאָנדענסירונג פון חומר, מיט דער קאָמפּלעקסי־פיקאַציע פון מערציייליקן, אנטדעקט זיך בולטער די ראַדיאַלע ענערגיע, און דאָס איז לויט אים — גייסט.

ס'איז פאַראַן דאָס אויסערלעכע און דאָס אינערלעכע אין יעדער זאַך, אין יעדן פענאָמען, און זיי זיינען ענג פאַרבונדן. דער כח פון חומר איז אין דער צוויי־שטראַמיקער ענערגיע, און דער כח פון גייסט איז אין דער אומצע־טיילבאַרער אייניקייט פון דעם. די טאַנגענטע ענערגיע וואַקסט מיט קאָמפּלעקסי־פיקאַציע.

אין וואָס באַשטייט די עוואָלוציאָנע דערשיינונג פון קאָסמאָס? דער חומר וויקלט זיך איין אין זיך זעלבסט און ווערט אַלץ מער פאַראינערלעכט. ער גייט ארויס פון פאָלגנדע וויסנשאַפטלעכע פּאָסטולאַטן: אין דער טעמ־פּעראַטור וואָס הערשט אויף די שטערן, קאָן דער חומר עקזיסטירן נאָר אין א זייער שיטערן שטאָף־געשפּין, און מיט דער דערשיינונג פון פּלאַנעט, וויקלט זיך איין דער וועלט־שטאָף אין זיך ווי, למשל, די ערד אין באַריספער, ליטאָספער, הידראָספער, אַטמאָספער און סטראַטאָספער. אין דער פאַרוויקלונג פון מינע־ראַלן זיינען נאָך די קאָמבינאַציעס זייער אָרעם, בערך עטלעכע הונדערט סיליקאַטע דערשיינונגען. נאָכדעם קומט די פאַזע פון קריסטאַלינען. דערנאָך, אין איינקלאַנג מיטן אויסטויש פון ראַדיאָ־אַקטיווער ענערגיע, קומט די פאַזע פון פּאָלימעריזאַציע און דאָס דערשיינען פון מאַקראָ־מאָלעקולן. אזוי אַרום ווערט די פסיכישע טייל פון וועלט־שטאָף (ראַדיאַלע ענערגיע) אַרומגערינגלט און איינגעשלאָסן אין א פּאָלימעריזירנדער אייגנהייט.

נאָך א לאַנגן פּראָצעס פון פּאָלימעריזאַציע, ווען אין געבוי פון קאָמ־פּאַקטער אייגנהייט פון מאַקראָ־מאָלעקולן דרינגען אריין פּראָטעאינען, געפינען מיר זיך ערב דעם דערשיינען פון לעבעדיקער פּראָטאָפּלאַזמע. מיטן וואוקס און קאָמבינאַציעס פון אזעלכע מאַקראָ־מאָלעקולן, טויכט אויף דאָס לעבן. פון דעם אנגלאָמעראַט דערשיינט די צעל — מיקראָ אָרגאַניזמען.

די מיקראָ אָרגאַניזמען זוכן זיך איינע די אַנדערע און האָבן א טענדענץ זיך צו פאַראייניקן, און אזוי אַרום דערגרייכן מיר צו מאַקראָ אָרגאַניזמען פון גע־וויקסן און חיות ביז צום דערשיינען פונעם מענטש, וועלכער איז דער אויסדרוק פון

דער געדיכטסטער קאנצענטראציע אין אנטוויקלונגס־פראצעס פון וועלט־שטאף. דאס איז — ביאָספער, ביאלאגישער פראצעס אין דער אנטוויקלונגס־פאזע פון וועלט־שטאף. נאך לאנגע אָנטאָלאָגישע פרואוון, דורך פארשיידענע קאמבינאציעס, געלינגט דעם מענטשלעכן פענאמען זיך אויסצושיילן און די ראַדיאַלע ענערגיע שטייגט אין אים איבער די טאַנגענטע. דאס איז די רעוואלוציאנערע דער־שיינונג פון רעפלעקציע. אין דעם מענטשלעכן מין אנטוויקלען זיך די געהירן און מיט זיי די ראדיאלע אנשטרענגונג, וואס זאפט אין זיך אריין דעם קאסמאס מיטן אויג, דורך דאס זען.

מיט דער אנטוויקלונג פון דער פּאַלעאָ־אַנטראָפּאָלאגישער וויסנשאפט קאנען מיר פעסטשטעלן ווי אזוי ס'איז דערשינען און האט זיך אנטוויקלט דער מענטש. דער אויסטראַלאָפּיטעק, פּיטעקאַנטראפּ, סינאַנטראָפּ דער נעאַנדערטאלער און בערך מיט א 20 טויזנט יאר צוריק דער האָמאָ־סאַפּיען ("Homo Sapiens"). מיטן האָמאָ־סאַפּיען גייען מיר איבער פון דער פאזע פון רעפלעקציע צו דער פאזע פון שעפערישן געדאנק.

אט די קאנצענטרירטע פאָרם, דער האָמאָ־סאַפּיען, ווערט נישט נאר א שותף, נאר אויך דער צענטראלער פונקט פון דער קאָסמישער אנטאלאגישער יצירה. דא גייען מיר איבער פון דער פאזע פון ביאָספער צו א נייער פאזע, וועלכע טעיאַר־דע־שאַרדען באקרוינט מיטן נאמען „נאָאָספער", — דענקענדער שטח פון וועלט־שטאף.

דער אינדיווידום איז א צעל פון איין גרויסן קערפער — די מענטשהייט, אין וועלכן ס'גייט ווייטער פאָר דער קאסמישער פראצעס פון קאנדענסאַציע און איינוויקלען זיך אין זיך דורך סאציאלער, עקאנאמישער און פאליטישער סטרוקטור. דער ווילן און שטרעבן פון יחיד איז א שעפערישע טייל פון ווילן און שטרעבן פון וועלט־שטאף צו אַן אלץ העכערער מדרגה. דער ווילן, דער שעפערישער געדאנקען־אויפברויז פון דער מענטשהייט, איז דער העכסטער אויסדרוק פון קאסמאס זיך זעלבסט צו באוועגן אין א באוואוסטזיניקן אויס־וואל. דער מענטש איז דער באוואוסטזיין, דער ווילן און דער ציל פון וועלט־שטאָף.

טעיאר־דע־שארדען זעט די צוקונפט פון דער מענטשהייט אויפשטייגן אין נייע אומבאגרענעצטע האריזאנטן. אין דעם ליגט זיין אויסערגעוויינלעכער אפטימיזם. אין קעגנזאץ צו אלע אידעאליסטישע וועלט־אנשויאונגען, וועלכע זעען די צוקונפט פון מענטש און מענטשהייט דורכאויס פעסימיסטיש. מיט דעם באגעגנט ער זיך מיט דעם מארקסיסטישן קאָנצעפט און קומט צום זעלבן אויספיר וועגן דער נויטווענדיקייט פון סאציאל־קאלעקטיווער, עקאנאמישער און קולטורעלער איינהייט פון דער מענטשהייט.

חיים וואַטשין

שלמהלע פּאַרטיזאַן

נאָך אַ שווערן נאַכטיקן מאַרש איבער זאַמדיקע שליאַכן, וואָס האָבן זיך געשלענגלט ווי געלבלעכע טאַשמעס צווישן טונקעלע סאָסנע־וועלדער, האָט זיך די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונג דערנעענטערט צו אַ שטיל, פאַרוואָרפן אוקראַיניש דערפל, וואָס איז געלעגן איינגעקוועטשט צווישן וועלדער. די פּאַרטיזאַנער, מידע און הונגעריקע פונעם נאַכטיקן מאַרש, האָבן מיט חשק זיך געצויגן צו די זיך אַרויסשיילנדיקע ווייסע הייזלעך מיט טונקעלע קוימענס, פון וועלכע ס'האָט זיך געהייבן אַ רויך צום בלויען הימל. דער רויך האָט זיי דערמאָנט דאָרפישע מאכלים, פון וועלכע זיי וואָלטן זיך איצט נישט אָפּגעזאָגט, ווי אַ שטייגער — אַ הייס־געבראָטענע קאַרטאָפל; אַ קרויט־באָרשטש מיט פלייש; אָדער, קאַלטע מילכיקע מאכלים אין ערדענע שיסלען, וואָס די ווייבער האַלטן איצט געוויס אין גרייטן פאַר זייער׳ע משפּחות, נישט האָבנדיק דעם מינדעסטן פאַרדאַכט, אַז „וואַלדיקע" האָבן זיך אַרויסגעשלייכט און דערנענטערן זיך איצט צום דאָרף.

די אָפּטיילונג, איז נישט געווען קיין גרויסע, אַרום פופציק קעמפער. זי איז געווען אַ טייל פון אַ גרויסן אָטריאַד, וואָס האָט געלאַגערט אין טיפע וועלדער הינטער דער שוץ פון זומפּיקע בלאָטעס, וועלכע האָבן געשטערט די דייטשישע פאַנצער־וואַגנס אַריינצודרינגען און אים אַטאַקירן.

יעדע נאַכט פלעגן פון דעם אָטריאַד אַרויסגיין קליינע גרופּעס אויף פאַר־שידענע מיסיעס ווי — לויערן אויף דעם דייטש; אונטערמינירן באַן־ליניעס; איבעררייסן טעלעפאָן־דראָטן און אַנדערע אַזעלכע אַרבעטן. פאַרטיק געוואָרן מיט זייערע מיסיעס, פלעגן די גרופּעס צוריק פאַרשווינדן אין די וואַלד־־טיפענישן.

דערנעענטערנדיק זיך צו די דאָרפישע כאַטעס, האָבן די פּאַרטיזאַנער אויס־געגלייכט די רוקנס, איינגעצויגן די רימענס, און זייערע פּנימער זיינען געוואָרן מילדער. אַריינקומענדיק אין דאָרף, האָבן זיי געשמייכלט צו די פאַרביילויפנדע שיקסעס, זיי נאָכגעשריען אַ ווערטל, אַ וויץ, אָדער סתם יוצא געווען מיט אַ הילכיקן פייף.

אין מיטן דאָרף איז די אָפּטיילונג געבליבן שטיין. אייניקע האָבן זיך דערנעענטערט צו אַ ברונעם און האָבן מיט גרויסע שלוקן געשלונגען דאָס קילע וואַסער פונעם הילצערנעם עמער, און אַלע האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט

אויפֿן באַפֿעל צו איינקוואַרטירן זיך אין די הייזער. יעדער־איינער האָט געוואָלט וואָס גיכער דעם שטויב פֿון זיך אָפּוואַשן און זיך זעצן צו אַ טיש עפּעס עסן.

דיאַנאָוו, דער קאַמאַנדיר, האָט די לעצטע פֿאַראָרדענונגען געגעבן; באַפֿוילן וואו די וואַכן צו שטעלן; אַרויפֿגעלייגט אויף די קלענערע קאַמאַנדירן די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דער גוטער אויפֿפֿירונג פֿון די פּאַרטיזאַנער; און אַ ווינק טוענדיק צו מיטיען, דעם פֿאַרבינדלער, האָט ער אייליק גענומען שפּאַנען צו אַ שיינער הויז, מיט דער האָפֿענונג, אַז דאָרטן וועט דער פֿרישטיק זיין אַ בעסערער, און אפֿשר גאָר וועט דער בעל־הבית אים מיט אַ גלאָז היימיש־געמאַכטן בראַנפֿן מכבד זיין.

שלמהלע האָט זיך איינגעקוואַרטירט צוזאַמען מיטן פּולעמיאָטשיק, קוואַשין, אין אַ זייטיק שטיבל, וואָס איז געלעגן אָפּגעלייגט אַ ביסל פֿון דער דאָרפֿישער גאַס. ביידע, האָבן אייליק געשפּרייזט צום שטיבל מיט אַן אינערלעכער הנאה פֿון מענטשן, וואָס וואָלטן שוין לאַנג אונטערן פֿרייען הימל, און איצט דערנעענטערן זיי זיך צו אַ שטיבל וואָס דערמאָנט זיי די היים פֿון וועלכער זיי האָבן שוין לאַנג זיך אָפּגעריסן.

צוויי ווייבער, האָבן נייגעריק אַרויסגעקוקט דורך די קליינע שייבלעך פֿון שמאָלן פֿענצטער צו די אָנקומענדע פּאַרטיזאַנער.

— „צוויי באַבעס", האָט קוואַשין אַ שמייכל געטאָן צו שלמהלן, ווי איינער זאָגט: צוויי „באַבעס", וועט יעדערער האָבן אַ „באַבע".

שלמהלע האָט נישט געענטפֿערט. ער האָט לייכט צוגעשאַרט זיך צו דער טיר, און פֿאַרזיכטיק, ווי דער שטייגער פֿון פּאַרטיזאַנער, גענומען זי עפֿענען האַלטנדיק די צווייטע האַנט אויף דער אויטאָמאַטישער ביקס וואָס איז געהאָנגען אויפֿן האַלדז.

די טיר האָט מיט אַ לאַנגן סקריפּ זיך געעפֿנט. ביים אַריינקום האָבן די פּאַר־טיזאַנער פֿאַר זיך דערזען צוויי צעשראָקענע פּויערטעס, וועלכע האָבן מיט נייגער און פֿאַרדאַכט געקוקט אויף די פֿרעמדע. די ייִנגערע, הפּנים אַ טאָכטער, איז געשטאַנען הינטער דער אַלטערס פּלייצע ווי זי וואָלט דאָרטן געזוכט שוץ.

שלמהלע האָט באַמערקט זייער צעשראָקנקייט, האָט ער פֿריינדלעך אַ שמייכל געטאָן און געלאָזן געזאָגט: „געקומען זיך אָפּרוען, מומינקע, און עפּעס אָפּעסן."

ביי דער עלטערער האָט דאָס פּנים זיך גענומען אויסלייטערן און זי האָט געזאָגט צו דער טאָכטער: „אַנושקאַ, מען דאַרף פֿאַר די בחורים פֿרישטיק גרייטן".

די יינגערע האָט זיך אַרויסגערוקט פון הינטער דער מאַמעס פּלייצע. קוואַשין און שלמהלע האָבן גליכצייטיק אויף איר אַ בליק געוואָרפן. אַנושקאַ האָט עס באַמערקט, זיך צעטומלט, רויט געוואָרן, און נישט געוווּסט וואָס אַהינצוטאָן אירע הענט. די מוטער האָט באַמערקט ווי אַנושקאַ האָט זיך פאַרוויטלט האָט זי זיך אָנגערופן:

„גיי אַנושקאַ, יונגע קאַרטאָפל גראָב אָן, זויערמילך קאַלטע ברענג, וועט אַ פרישטיק זיין.” און פאַר די פרעמד'ע האָט זי זיך ווי פאַרענטפערט: „אָרעמע פויערים זיינען מיר. קיין פלייש איז נישטאָ ביי אונדז. געווען אַ חזיר, האָבן אים די דייטשן צוגערויבט”.

אַנושקאַ האָט זיך אַרויסגעשלייכט פון שטוב. פון דרויסן האָט זי גנביש געכאַפּט אַ בליק דורכן פענצטער און האָט אַנגעטראָפן אויף שלמהלעס אויגן. האָט זי אַ שפּרונג געטאָן ווי אַן איבערגעשראָקענע באַרג־ציג און איז פאַרשוואונדן.

ווען זי איז צוריקגעקומען, איז זי שוין דרייסטער געווען. וואַשנדיק די קאַרטאָפל, האָט זי זייטיק באַטראַכט די צוויי פּאַרטיזאַנער, וואָס זיינען געווען צוויי באַזונדערע טיפּן: שלמהלע, אַ מיטלוואוקסיקער, קרעפּטיקער בחור, מיט אַ שוואַרץ געקרויזטן קאָפּ האָר און מיט אַ טונקל־מאַט געזיכט; און דער העלער קוואַשין — אַ הויכער, אַ דין־יינגלשע פיגור, אַ לענגלעך מאָגער פּנים, מיט אַ קורץ געשוירענעם „יעזש” אויפן קאָפּ.

די עלטערע פויערטע איז געווען אומרואיק: ערשטנס, האָט איר געשראָקן קוואַשינס מאַשינגעווער וואָס איז געשטאַנען אויף צוויי פיסלעך און אויס געזען ווי אַ לאַנגע אויסטערלישע קאַץ, וואָס אַט, אַט, וועט זי זיך אַ וואָרף טאָן און נעמען בייסן. האָט זי אַלעמאָל אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין דער ריכטונג פון מאַשינגעווער און ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז דאָס שיס־רערל איז אָנגעשטעלט גלייך אויף איר. צווייטנס, איז איר שלמהלע נישט געפעלן געוואָרן פון דער ערשטער מינוט אָן: ס'איז איר נישט געפעלן זיינע שוואַרצע האָר, די טונקעלע עטוואָס טרויעריקע אויגן, — אַ פרעמדקייט האָט פון אים געשלאָגן!

„ניין, ער איז נישט קיין אונדזעריקער”. האָט זי איבערגעחזרט אין געדאַנק. „אויך נישט קיין זשידאָק! — אַ ציגיינער הפּנים”, האָט זי באַשלאָסן און מיט דאגה געקוקט אויפן הילצערנעם קופּערט מיט די אייזערנע רייפן, באַשלאָגן מיט מעשענע ניטן. אין קופּערט איז געלעגן דער טאַכטערס נדן: לייוונט, ווייסע האַנטוכער מיט רויטע פּאַסן, געבלימטע זיידענע פאַטשיילעס, העמדער אויס־געניייטע מיט קאָלירטע פעדעם און ספּודניצעס אָרומגענייטע מיט בונטע לענטעס. די פויערטע האָט געהערט אַז פּאַרטיזאַנער האָבן חשק צו אַלץ... ביי איר וועלן זיי די זיידענע פאַטשיילעס צונעמען און אין צווייטן דאָרף פאַר אַ פלאַש בראַנפן אוועקגעבן.

פאר אַ ציגיינער האט זי דאפּלט מורא געהאט. ציגיינער האבן תמיד חניפהדיק גערעדט און שטענדיק איז עפּעס מיט זיי נעלם געווארן פון כאטע.

אנושקא, דאקעגן, האט מיט נייגער און סימפּאטיע געקוקט אויף שלמהלען. זיינע אויגן זיינען געווען טרויעריקע, און דער בליק זיינער אינגאנצן אָן חוצפּה. אז ער האט אַ שמייכל געטאן, האט אַ גאלדן ציינדל ארויסגעפינקלט פון מויל און אים געמאכט נאך שענער.

די פויערטע דערזעענדיק ווי איר טאכטער לאזט נישט אראפּ די אויגן פון שלמהלען, האט שטילערהייט געבורטשעט צו אנושקאן: „באוואפנטע דארף מען געבן פרעסן צו דער זעט. אַ זאטער קאן אזוי פיל נישט שלעכטס טאן ווי אַ הונגעריקער. אפילו דער בייזער הונט אויפן הייף איז רואיקער נאכן פרעסן״.

קוואשין און שלמהלע זיינען געווען פארטאן מיט רייניקן זייער געווער. נאכדעם האבן זיי אראפּגעצויגן די שטיוול, אראפּגעווארפן פון זיך די אויבערשטע בלוזעס, און זיינען אוועק צום ברונעם זיך ארומוואשן.

אז ביידע ווייבער זיינען געבליבן אליין, האט די עלטערע פויערטע גענומען רעדן אויף אַ קול: ״אַ ציגיינער אין כאטע, אַן אומגליק אין כאַטע. ווער ווייסט וויפל צייט זיי קאנען דא זיצן און פרעסן? און דא שטייט דער קופערט אנגעפילט מיט פּראַצע. ביי אַן אונדזעריקן קאָן מען נאך אויסבעטן, אבער ביי אַ ציגיינער? — ער וועט שמייכלען, און שמייכלענדיק אויסליידיקן דעם קופערט״.

אנושקא האט געשוויגן, ס׳האט זיך איר נישט געגלויבט אז דער טונקעלער בחור איז פעאיק אויף דעם. דאך האט איר באאומרואיקט דאסווארט „ציגיינער״ זיי האבן אַ שם פאר גנבים און שלעכטע מענטשן.

אז די פארטיזאנער זיינען אריין מיט האלב נאקעטע נאסע קערפּערס, איז אנושקא שוין געשטאנען מיט אַ לייוונטענעם האנטוך אין האנט. ביידע, קוואשין און שלמהלע, האבן גלייכצייטיק אויסגעשטרעקט די הענט צום האנטוך און געלאכט איר אין פּנים אריין. אנושקא האט שטיפעריש אַווארף געטאן דעם האנטוך צו שלמהלען און צוזאמען מיטן האנטוך אים צוגעווארפן אַ פריינדלעכן שמייכל. אויף קוואשינס פּנים האט זיך באוויזן אַ בייזע מינע. ער האט דער־שפּירט אז זי האט מער סימפּאטיע צו שלמהלען ווי צו אים. שלמהלע האט ענערגיש זיך ארומגעווישט, צוגעווארפן א דאנק אנושקען, און איבערגעבנדיק דעם האנטוך קוואשינען, איז ער ארויס פון כאטע.

קוואשין האט אַ ברייטן שמייכל געטאן צו אנושקען: „א שיינער בחור מיין חבר, הא? אַ שווארצאויגיקער, פּונקט ווי דו האסט ליב. נאָר... האט ער געצויגן, וועלנדיק אנציען די ווייבער.

„א ציגיינער!" האט זיך ביי דער אלטער נישט ווילנדיק ארויסגעכאפּט פון מויל.

— כא, כא, כא! האט קוואשין ארויסגעשאסן מיט אַ געלעכטער: „אַ ציגיינער זאגסטו?" — כא, כא, כא!

ביידע ווייבער זיינען געבליבן שטיין צעטומלטע. קוואשין האט אפגעהאקט דאס געלעכטער, און שטיל ארויסגעשעפּטשעט: „אַ יעווריי", אויף אייער לשון — אַ זשיד!"

די ווייבער האבן מיט שטוינונג איבערגעחזרט: „אַ זשיד?" די גאנצע געגנט איז שוין פון לאנג יידנריין. קיין זכר פון זיי נישט געבליבן! און דא, פלוצלינג — א ייד און דערצו נאך א באוואפנטער! אין דארף האט מען געשמועסט, אז באוואפנטע יידן דרייען זיך נאך ארום אין די וועלדער, רייסן זיך אין די נעכט אין דערפער אריין און זיינען זיך נוקם. אוודאי האבן די אונדזעריקע זיי א סך שלעכטס געטאן און זיי האָבן פארוואס זיך נוקם צו זיין. אט האט דער שכן, אין „יענע טעג" א גאנצן וואגן מיט יידישע זאכן געבראכט. אבער ביי זיי אין קופערט, איז קיין איין פרעמדע שמאטקע נישטא. צי וועט דען אט דער באַוואָפנטער ייד זיי גלויבן?

אנושקא האט געקוקט מיט זארג אויף דער מוטערס צעשראקן פנים, גע־וואלט איר בארויקן, נאר שלמהלע איז אריין אין שטוב. ביידע ווייבער האבן זיך א קער געטאן מיטן פנים צום אויוון און שווייגנדיקע זיך גענומען דארט פּאָרען.

שלמהלע האט דערשפּירט אַן אנגעצויגנקייט און האט פארשטאנען, אז קוואשין האט דא עפּעס דערציילט וועגן אים, מגלה־סוד געווען זיין יידישקייט און אנגעשראקן די ווייבער. ער האט אנגעשטעלט א פרעגנדיקן בליק אויף קוואשינען. קוואשין האט אראפּגעלאזט די אויגן, האט זיך אראפגעבייגן צום מאשינגעווער און עס גענומען באטראכטן גלייך ווי ער זעט עס צום ערשטן מאל.

קוואשין, מיט זיין דארן קערפּער און אש־קאליר פנים, האט קיינמאל נישט געהאט קיין דערפאלג ביי די דארפישע מוידן, זיי האבן אים ווי איגנארירט; דאקעגן שלמהלע, מיט זיין פעסט־געבויטן קערפער, מיט זיין שווארצער טשופרינע, האט תמיד אויף זיך געצויגן די אויפמערקזאמקייט פון די דארפישע טעכטער, און דאס פלעגט קוואשינען פארדריסן.

שלמהלע האט פארשטאנען די סיבה פארוואס קוואשין האט דערציילט אז ער איז אַ ייד. ער האט אים נישט חושד געווען אין שנאה צום ייד; ער האט געוואוסט, אז קוואשין וויל נאָר קאליע מאכן זיין דערפאלג ביי אנושקען, האט ער וואויל־יונגעריש א וואונק געטאן צו אים ווי איינער זאגט: האסט אויף

מיר אנגערעדט, ברודערל! און אַ קער טוענדיק זיך צו די ווייבער, האט ער מיט א טיף־באַסאווער שטים א זאג געטאן:

— מ׳קאן דאך ביי אייך פון הונגער אויסגיין, ווייבער! א גאנצע נאכט נישט געגעסן, האט זיך דער בויך אינגאנצן איינגעצויגן!

די ווייבער האבן זיך אַ צאפל געטאן און האבן גענומען גרייטן צום טיש. באלד האט זיך אַ שווארץ קארן־ברויטל באוויזן; צוויי ערדענע שיסלען מיט זויערמילך; און אַ שיסל באהעמדלטע קארטאפל, פון וועלכע ס׳האט געזעצט א פּאַרע.

שלמהלע מיט קוואשינען האבן זיך גענומען צו דער אכילה, געגעסן מיט אפעטיט און קיין ווארט נישט ארויסגערעדט. קוואשינען האט זיך געדוכט אז שלמהלע איז אנגעברוגזט. „נישט געדארפט געווען דערציילן אז ער איז א ייד", האט ער זיך אליין פארגעווארפן; „מיט א קאמאנדיר איז בעסער ווען מען רייצט אים נישט אויף."

די ווייבער האבן מיט נייגער באטראכט ווי שלמהלע שיילט פלינק די קארטאפל און שעפט מיטן הילצערנעם לעפל דאס זויערמילך: — פונקט ווי אַן אונדזעריקער, האט די עלטערע אַ שעפטשע געטאן צו אנושקען.

גרויס פארוואונדערונג האט ארויסגערופן ביי די ווייבער, וואס שלמהלע האט נאכן עסן, מעשה בעל־הבית, פון שייער אַ סנאפּ שטרוי געבראכט, פלינק צענומען די „פערעוויאַסלע", פונאנדערגעשפרייט דאס שטרוי אויפן פאל, זיך אויסגעצויגן רחבות׳דיק, אוועקגעלייגט די ביקס נעבן זיך, און גלעטענדיק דאס געווער, א זאג געטאן:

„אט דאס איז מיין בעסטער פריינד! און געטריי איז עס מיר — ווי א געטרייע ווייב!"

אנושקא האט זיך פארררויטלט. די אלטע האט כלומרשט מיט היימישקייט גערעדט: „זאל גאט העלפן זאלסט פון איר פטור ווערן! אַ ווייב זיך געפינען, אַ שטוב בויען, און פארגעסן אלע צרות".

ער האט דערשפירט דאס פאלשקייט אין דער פויערטעס ברכה. געוואלט איר עפעס ארייננזאגן, אבער, נאר א טיפן זיפץ געטאן, פארלייגטביידע הענט אונטערן קאפ און צוגעמאכט די אויגן.

אנושקא האט געקוקט אויפן שלאפנדן שלמהלען און געטראכט, אז איר מאמעס אומרו צוליב דעם יידישן פארטיזאן האט קיין גרונט נישט. ער איז ווי אלע בחורים, נאר שענער פון די אנדערע. זי איז ביי זיך זיכער, אז ער וועט דעם קופערט נישט אויסליידיקן. און ווען די מוטער האט איר פארגעלייגט,

אין צייט ווען די פּארטיזאנער שלאפן, די בעסערע זאכן פון קופערט ארויסנעמען און אין שייער צווישן שטרוי פארשטעקן, האט אנושקא געענטפערט:

„ניין, דער ייד וועט קיין שלעכטס נישט טאן."

„דער ייד האט א כשוף איר אפגעטאן!" האט די אלטע געצארנט אינדערשטיל, נישט אויפצוואוועקן די שלאפנדיקע.

נאענט צו מיטאג־צייט האבן ביידע זיך אויפגעכאפּט פון שלאף, אויס־געצויגן די גלידער, הויך געגענעצט און זיך אַ הייב געטאן פון געלעגער. א ריח פון געשמאקע מאכלים האט זיי א זעץ געטאן אין נאז. בייביידן האבן די נאזלעכער א ציטער געטאן און זיינען ברייטער געווארן. ביי ביידן האט זיך געגומען וועקן, דער אפּעטיט צום פרעס.

שלמהלע האט איינגעצויגן דעם רימען ארום זיך און געהייסן קוואשינען צונויפבינדן דאס שטרוי. קוואשין האט צונויפגעשארט דאס שטרוי, געוואלט צוזאמענבינדן, נאר דער סנאפּ האט זיך צעשאטן. ביידע ווייבער האבן זיך צעשמייכלט.

קוואשין, באמערקנדיק דעם שמייכל אויף די ווייבערשע פּנימער, האט זיך פארענטפערט: „א טאָקער פון פאך בין איך, א גרויס־שטאטישער, קיינמאל אין קאלכאז נישט געווען."

שלמהלע האט פלינק א כאפּ געטאן די „פּערעוויאסלע", מעשה פויער זי פארשלייפט פעסט ארום דעם סנאפּ, אים אויפגעהייבן און א ווארף געטאן צו קוואשינס פיס מיט א באפעל: „נא, טראג צוריק אין שייער!" קוואשין א האלב פארשעמטער, האט אים פון כאטע ארויסגעטראגן.

די ווייבער האבן זיך איבערגעקוקט: הפנים, אז דער „העלהאריקער" האט א וויץ געמאכט! אַ ייד וועט אזוי פויעריש א סנאפּ פארבינדן? און די אלטע האט זיך פונאנדערגעלאזט מיט קאמפּלימענטן צו שלמהלען: „גאלדענע הענט האסטו! די שענסטע טאכטער פון דארף קומט דיר! הפנים, פון אונדזערע געגנטן ביסטו, נישט פון די קאלכאזן."

שלמהלע האט געשמייכלט: „א היימישער, מומינקע, א היימישער! דער טאטע מיינער האט א ווירטשאפט געהאט, זיינען די דייטשן געקומען. אלץ צערויבט און די עלטערן דערהרגעט".

— „דערהרגעט — פארוואס?"

„זיי זיינען יידן געווען". האט שלמהלע געענטפערט.

די אלטע האט א קוק געטאן אויף אנושקען און שלמהלע האט באמערקט ווי אַ שרעק צעשפרייט זיך איבער איר פּנים.

פארוואס האט זי צו שרעקן זיך? האט שלמהלע ביי זיך געטראכט, אפשר איז איר געוויסן נישט ריין? ער האט זיך אנגעטראפן אויף אנושקעס בליק וואס האט זיך ווי געבעטן: זיי נישט בייז, שווארצאויגיקער. מיר זיינען צוויי ווייבער אין שטוב, אָן א מאנסביל. וואס איז דער חידוש וואס מיר האבן מורא.

אנושקעס אויגן האבן פלוצלינג דערמאנט אים אַן אנדער פּאר אויגן, יענע זיינען געווען שווארצע, לאכנדיקע... „לאהלע!" האבן זיינע ליפּן גע־שעפּטשעט. ער האט זיך א קער געטאן צום פענצטער און איז געבליבן שטיין פארשטארט. ער האט געקוקט צום דרויסן און האט נישט געזען וואס אין דרויסן טוט זיך: פאר זיינע אויגן איז אויפגעשוואומען די געשטאלט פון לאהלען — אזא צארטע, אזא שטילע, אזא טרויעריקע, און אים דאכט, אז ער הערט ווי זי מאָנט, — פארוואס האסטו מיך איבערגעלאזט?...

שוין זעקס חדשים ווי שלמהלע איז פון געטא אנטלאפן און לאהלע לאזט אים נישט אפּ; אין פארשידענע געשטאלטן דערשיינט זי פאר אים: אט זעט ער זי לויפן מיט דער שול־טעטשקע אין האנט, די צוויי צעפּלעך אירע ווארפן זיך ביים לויפן, ווען זי דערזעט אים טוט זי אַ שקאצישן אויסגעשריי — שלמהלע! און אט דערשיינט זי פאר אים א דערוואקסענע. די צעפּלעך זיינען פארשוואונדן. א הויכע, א שלאנקע, א בייגעוודיקע ווי א יונג ביימל; די אויגן זיינען איר טונקעלער געווארן, דאס פּנים ערנסטער, און די חן־גריבעלעך עטוואס טיפער געווארן. און אט שפּרייזט לאהלע איבער דער שטעטלשער גאס. ס'איז זומער פארנאכט. ער דערזעט זי דורכן פענצטער און וויל א געשריי טאן — ווארט, לאהלע, איך קום שוין ארויס!

און אט ווערט די שטעטלשע גאס פארוואנדלט אין א געטא. לאהלע — א בלייכע, א דארע — גייט צווישן צוויי באוואפנטע דייטשן. מען פירט איר אוועק. זי קוקט אויף אים שטום, נאר די אויגן מאנען, — פארוואס ראטעוועסטו מיך נישט? און פלוצלינג זעט ער לאהלען איינגאנצן אין ווייסן אנגעטאן, א לופטיקע, א דורכזיכטיקע, ווי נישט קיין ערדישע. און אט שוועבט זי טאקע אין דער לופטן און פאכעט מיט דער האנט צו אים ווי צום געזעגענען זיך. שלמהלע וויל זיך לאזן לויפן נאך איר, שרייען און רופן — לאהלע! לאהלע!

קוואשין שטייט נעבן אים, טורקעט אים מיטן עלנבויגן און רעדט הארט: „איינגעשלאפן ביים פענצטער, צי וואס? דער מיטאג שטייט שוין אויפן טיש!"

שלמהלע האט אפּגעקערט זיין פּנים פון פענצטער — די ווייבער האבן זיך פאר אים ווי דערשראקן, זיך דערנענטערט איינע צו די אנדערע: זיין פּנים

איז געוועז בלייך, זיינע אויגן מיט טרערן פארלאפן, ער האט אויסגעזען ווי ער וואלט פון א ווייטער פרעמדער וועלט געקומען. א נישט־היימלעכע שטילקייט האט געהערשט אין כאטע.

— גייט עסן, האט אנושקא שטיל געזאגט נישט אראפנעמענדיק די אויגן פון שלמהלען און האט איבערגעריסן די שטילקייט.

שלמהלע האט געגעסן שווייגנדיק, זיינע געדאנקען זיינען נאך געווען באהאפטן מיט לאהלען: ער וואלט געוואלט אז זי זאל זיך פאר אים איצט באווייזן א שטרענגע און זאל אים אדורכשטעכן מיט בליקן פון האס; אז זי זאל אויף אים צארענען און מאנען — פארוואס האסטו מיך איבערגעלאזן? פארוואס? שלמהלע האט דערשפירט, אז דער ווייטיק עסט אים אויף. ער האט זיך א הייב געטאן פון טיש און האסטיק גענומען ארומשפאנען הין־און־צוריק איבער דער כאטע.

די צוויי ווייבער האבן זיך שטום געטוליעט איינע צו די אנדערע און נאכגעפאלגט אים מיט דערשראקענע אויגן.

פאר קוואשינען איז שלמהלעס „מאדנער" אויפפיר נישט געווען קיין נייס. ער האט אים נישט איינמאל געזען אריינפאלן אין טרויעריקע טאג־חלומות און נאכדעם אויפשפרינגען פון זיין חלום און נעמען ארומלויפן ווי אַ ווילדע חיה אין א שטייג. ער האט שלמהלען קיינמאל נישט געפרעגט די סיבה פון דעם, און שלמהלע, א שווייגער, האט אים קיינמאל וועגן דעם נישט דערציילט. נאר איינמאל, ווען שלמהלע האט מיט רציחה געשלאגן א יונגן דייטש, האט ער געהערט ווי ער האט בשעת מעשה געשיפעט: — נא דיר פאר לאהלען! פאר לאהלען! האט זיך קוואשין דעמאלט אנגעשטויסן, אז די דייטשן האבן פון שלמהלען דאס טייערסטע אוועקגעריבט און דערמארדעט. נאר שלמהלע שווייגט, רעדט נישט.

א שד איז דאס, נישט קיין מענטש! טראכט קוואשין וועגן שלמהלען. אין קאמף איז ער דרייסט ווי א טייוול! קוילן האגלען, און ער קריכט צו די דייטשן! אפטמאל „דעקט" ער אים מיטן מאשינגעוווער: „שלמה", ווארנט ער אים, „הייב נישט אויף דעם קאפ!" „טשעפוכא"! (נארעשקייט) שמייכלט שלמהלע הפקרדיק און קריכט ווייטער.

אז מען נעמט געפאנגענע, באשמעקט זיי שלמהלע ווי א שפיר־הונט: יעדן געפאנגענעם באזונדער קוקט ער אריין אין פנים, גלייך ווי ער וואלט געזוכט עפעס א באקאנטן דייטש.

די רוסן שמייכלען: „באקאנטע, הא? פרעג זיי", לאכן די רוסן ווייטער, „פרעג זיי אויף זייער פארשאלטן לשון, נאכוואס זיינען זיי געקומען פגרן אויף דער רוסישער ערד"?

שלמהלע חידושט זיך, ווי קאָן מען לאַכן אין דער אַנוועזנהייט פון אַזעלכע מערדער?

די געפאַנגענע שרעקן זיך פאַרן שוויַיגעוודיקן פּאַרטיזאַן מער ווי פאַר די לאַכנדיקע רוסן. זייַנע אויגן זאָגן נישט אָן קיין גוטס.

שלמהלע נעמט נישט קיין אַנטייל ביים דערשיסן די געפאַנגענע. זיי זייַנען אַזעלכע ד׳ערשראָקענע און צעקראָכענע, אַז ס׳עקלט אים צו קוקן אויף זיי. ער, שלמהלע, זוכט אַ דייַטש וואָס איז נאָך ביי זייַן גאַנצער מערדערישער חוצפּה, אַ באַוואָפנטער, מיטן שטאָלענעם העלם אויפן קאָפּ, — אויף אַ זעלכן לויערט ער.

אין כאַטע האָט זיך ווי אַ ווינט אַרייַנגעריסן מיטיע, דער פאַרבינדלער. פון זייַן האַסטיקן אַרייַנפאַלן אין כאַטע, האָבן זיך ביידע וויַיבער דערשראָקן, נאָר מיטיע האָט דאָס נישט באַמערקט. דערזעען אַנושקען, האָט ער אַ שמייכל געטאָן און פּרובירט אַ קניפּ טאָן איר. אַנושקאַ איז אָפּגעשפּרונגען און האָט זיך פאַררויטלט. „חבר קאָמאַנדיר״, האָט ער האַסטיק גערעדט, „מען רופט אייַך אין שטאַב אַרייַן!״

שלמהלע האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, אַרויפגעהאַנגען די ביקס אויפן אַקסל, גייענדיק צוזאַמענגעצויגן דעם רימען מיטן פּיסטאָלעט, אַ שטויס געטאָן די טיר און איז רעשיק אַרויס.

די וויַיבער זייַנען מיט שרעק צוגעפאַלן צום פענצטער, געמיינט אַז אין דאָרף וועט באַלד אַ שיסערייַ אויסברעכן. די עלטערע האָט זיך איבערגעצלמט פאַר שרעק, און ביידע האָבן זיך געחידושט וואָס קוואַשין איז אַזוי רואיק געבליבן זיצן אין כאַטע.

אין דער שטאַבס־כאַטע האָט שלמהלע, אויסער דיאַנאָוון, אויך יעפּ־רעמענקען געטראָפן זיצן. „זדראַסטוואויטיע״, האָט ער זיך באַגריסט היימישלעך אויפן פּאַרטיזאַנישן שטייגער. דיאַנאָוו האָט מיט אַ לייכטן שמייכל אָנגעהייבן: „אויסגערוט זיך, האַ? נו, גענוג פרעסן אומזיסט ברויט און קריכן צו וויַיבער. די „פריצן״ (דייַטשן) וועלן שוין באַלד נעמען טראַכטן, אַז מיר האָבן אין זיי פאַרגעסן״, האָט ער געלאַכט מיט אַ מויל אויסגעזעצטע ציין — אַ זכר פון אַ דייַטשישן געפאַנגענען־לאַגער.

„די דייַטשן האָבן מיר געשלאָגן און וועלן זיי ווייטער שלאָגן!״ האָט יעפּרעמענקאָ אַרייַנגעוואָרפן.

„פּראַווילנאַ״, (ריכטיק) האָט דיאַנאָוו אויסגערופן — „ביז ס׳וועט פון זיי קיין זכר נישט בלייבן! און דעמאָלט וועט יעדער איינער צו זייַן דאָרף זיך אומקערן, צום וויַיב און קינד.. אָבער דערווייל טאָרן מיר אונדזערע הענט נישט אַראָפּלאָזן. „רעביאַטאַ״, (קינדער) דאָס איז די אויפגאַבע אויף הייַנט בייַנאַכט״.

דיאַנאָוו, האָט געפּירט מיטן פינגער איבער דער מאַפּע, וואָס איז געלעגן אויסגעשפּרייט אויפן טיש, אָנגעוויזן אויף אַ שוואַרצער ליניע, וואָס האָט זיך געשלענגעלט צווישן אַ גרין פעלד:

„צוואַנציק קילאָמעטער פונדאַנען", האָט ער געגומען דערקלערן, „ליגט דער אַספאַלט. ביינאַכט וואָגן נישט די דייטשן צו באַוועגן זיך אויף אים. בייטאָג קריכן זיי דאָרט אַרום, די פאַרשאָלטענע, מיינענדיק אַז מיר וועלן מורא האָבן זיי אַטאַקירן. כ'מיין, אַז צוואַנציק מענטשן וועט זיין גענוג. איינער פון אייךביידן וועט אַרויסגיין פאַרטאָג מיט די מענטשן, פאַרלייגן אַ לויערונג, און די ערשטע דייטשן, וואָס וועלן אָנקומען, עכט פּאַרטיזאַניש מקבל־פּנים זיין. נאָר געדענקט: זיין פאָרזיכטיק, אָבער דרייסט! און — וועט עפּעס אַריינפאַלן אין די הענט, צו מיר עס ברענגען, אויפן וועג נישט אָפּשטיקן!"

שלמהלע איז אויפגעשפּרונגען: „קאָמאַנדיר, האָט ער אויסגערופן, איך וויל גיין אויף דער אַקציע!"

ביידע האָבן אים אַ רגע אָנגעקוקט. פאַר זיי איז נישט געווען קיין בייס שלמהלעס וואָלונטירן פאַר געפערלעכע אַקציעס.

„מאָלאַדיעץ, שליאַמקאָ!" (ביסט אַ בראַוועד יונג שלמה) האָט זיך דיאַנאָוו אויפגעשטעלט און אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף שלמהלעס אַקסל. „איך האָב ליב וואָלונטירן! כ'בין זיכער, דו וועסט די אויפגאַבע דורכפירן ווי אַן עכטער פּאַרטיזאַן. גיי, גרייט צו דיינע יונגען און זייט מצליח!" שלמהלע האָט מיט האַסטיקע טריט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר.

*

דאָס דאָרף איז געשלאָפן, נאָר באַוואָפנטע פּאַטרולן האָבן לאַנגזאַם געש־פּאַנט, אָנגעשפּיצט די אויערן צום מינדעסטן שאָרך. אינמיטן דער נאַכט האָט די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונג שטיל זיך אַרויסגעשלייכט פון דאָרף. אַ הונט האָט דערשפּירט אַז מענטשן גייען, האָט ער אַ פּאָר מאָל אַ האַווקע געטאָן און איז אַנטשוויגן געוואָרן. שלמהלע איז געגאַנגען דער ערשטער. פּאַרטיזאַניש פאַרוואָרפן די אויטאָמאַט־שע ביקס אויפן האַלדז, האָט ער פאָרזיכטיק נאָכ־געשפּירט דעם דאָרפישן וועגווייזער, וואָס האָט געפירט די גרופּע.

די נאַכט איז געווען אַ טונקעלע און אַ וואַרעמע. אין אַזאַ נאַכט ווערט שלמהלעס פאַנטאַזיע וואַך און הייבט אָן מאָלן בילדער פון זיין נאָענטער פאַרגאַנגענהייט... ס'איז זומער אין שטעטל, די אָוונט־לופט שמעקט מיט בעז. ער שפּאַצירט מיט לאַהלען, זיי גייען פאַרביי זיין שטוב און דאָרט לייכט זיך נאָך: „שרהלע, דיין שוועסטער, לייענט הפּנים אַן אינטערעסאַנטן ראָמאַן", לאַכט לאַהלע. „און מיר קענען אים אויף אויסנווייניק", זאָגט ער און קושט זי.

נאר באלד באווייזט זיך פאר אים לאהלע פון געטא — א דארע, א בלאסע, זי דערמאנט אים, אז ער איז פון געטא פחדנותדיק אנטלאפן און זי איבער־געלאזט. „לאהלע, בעט ער זיך ביי איר, זיי מיר מוחל, כ׳האב זיך דען געראַ־טעוועט? יעדן טאג קאָן מיך א דייטשישע קויל טרעפן. כ׳וועל קומען צו דיר. כ׳האב נאך א סך ארבעט מיט זיי, מיט די רוצחים, כ׳מוז וויניקער מאכן זייער צאל. ווייזט אויס, אז לאהלע נעמט אן זיין טענה, ווייל באלד דער־שיינט זי שוין א צעשמייכלטע, און א פריילעכע גייט זי אים אנטקעגן. שלמהלע בלייבט שטיין א ווײַלע, און קוואשין, וועלכער גייט הינטער אים, שטויסט זיך אָן אין אים.

„איינגעשלאפן אין גאנג״, מורמלט קוואשין און לייגט דאס מאשינ־געווער אריבער אויפן צווייטן אקסל. שלמהלע עפנט ברייט די אויגן, טוט אַ טרייסל מיטן קאפ, גלייך ווי ער וואלט געוואלט ארויסטרייסלען פון דארט די אלע וואונדיקע מחשבות, און זאגט זיך אליין מוסר: „שלמהלע, מיט דיינע חלומות שטעלסטו אין געפאר דיינע מיטקעמפער. איצט איז נישט די צייט פאר חלומען. איצט איז צייט פאר קאמף!״

דער וועגווייזער שטעלט זיך אפ און מורמלט שטיל: „דער אספאלט.״ שלמהלע שפירט ווי דער פויער ציטערט אינגאנצן.

„קאלט״? חידושט זיך שלמהלע.

„דער אספאלט״, ווייזט דער פויער מיטן פינגער ערגעץ־וואו אין דער געדיכטער בלויקייט אריין.

„דער אספאלט״, גיט איבער שלמהלע קוואשינען, און קוואשין גיט איבער ווייטער.

די שורה וואס האט געשפאנט עטוואס נאכגעלאזן ציט זיך אָן ווי א דראט. הענט פאלן צו אינסטינקטיוו צום געווער. באלד באווייזט זיך א ברייטער, טונקעלער שאָסיי. וואס שפרייט זיך העט, העט, ווייט ארויף. דערווייל ליגט ער ווי א פארטייעטע חיה — שא, שטיל. נאר די פארטיזאנער ווייסן, אז באלד קאָן די חיה זיך א ריס טאן און זיך ווארפן אויף זיי. דער אספאלט איז איינגעהילט אין א בלויקייט, א געמיש פון אוועקגייענדיקער נאכט און אנקומענדן טאג. די פארטיזאנער שפרייזן אריבער דעם אספאלט, זיי טרעטן פארזיכטיק, ווי אויפן רוקן פון א דרעמלענדיקער בייזער חיה.

אין לויערונג וועט מען ליגן דווקא אויף דער צווייטער זייט. ס׳איז טאקע מער סכנה, נאר דארטן ליגן אונטערגעזעגטעביימער, אנגעווארפענע איינע אויף די אנדערע, גלייך ווי אימיצער האט ספעציעל צוגעגרייט אַן ארט פאר א לויערונג.

ביז די גרופּע האָט זיך פאַרשטעקט אין איר לויערונג, האָט אָנגעהייבן טאָגן. שלמהלע קאָן שוין זען קוואַשינס אַשיק פּנים און זיין „יעזש״, וואו יעדע האָר שטייט שטייף ווי אַ דראָט. דערווייל איז מאָדנע שטיל, גלייך ווי דער גאַנצער אַרום וואָלט מיט שפּאַנונג געוואַרט אויף דער שפּיל, וואָס וועט זיך דאָ באַלד אָנהייבן

די פּאַרטיזאַנער ליגן גרייט ביי זייער געווער, אָפּגערוקט איינער פונעם אַנדערן און וואַרטן. די שפּאַנונג וואַקסט. פון דער ווייט דערטראָגט זיך דאָס גערויש פון אַן אויטאָ. חברה טוען זיך אַ צאַפּל, כאַפּן זיך צום געווער. קוואַשינס פּנים פאַלט צו צום מאַשינגעווער. דער אויטאָ דערנענטערט זיך, שווער רייסט ער זיך בארג אַרויף. שלמהלען געפעלט ער נישט, איין שאָפער, איין דייטש, גיט ער נישט דעם באַפעל: פייער!

שלמהלע ווייסט, אַז לאַנג קאָן מען דאָ נישט ליגן. עס קאָנען אָנקומען פאַנצער־אויטאָס מיט שווער מאַשינגעווער. אָבער, באַשליסט ער, מיט ליידיקע הענט וועט ער פון דאַנען נישט אַוועקגיין.

„אַ מאַשין״, זאָגט אימיצער שטיל. און באַלד דערטראָגט זיך פון וויַיטן דאָס גערויש פון אַן אויטאָ.

„אַ לייכטע״, זאָגט קוואַשין, און מאַכט זיך באַקוועמער צום שיסן.

שלמהלע ליגט גרייט אַ שפּרונג צו טאָן. זיין האַרץ געפאַנצערט מיטן געפיל פון רחמנותלאָזער נקמה. שטענדיק דאָס זעלבע געפיל ערב אַ צוזאַמענטרעף מיט די דייטשן. ער דערשפּירט זיי פונווייטנס, ווי אַ געניטער יאָגד־הונט דער־שפּירט די חיה.

די מאַשין, אַן אָפענע לימוזין, גליטשט זיך לייכט איבערן אַספאַלט. מען באַמערקט שוין אפילו די הויכע אָפיצירן היטלען. שלמהלע שפּירט אַז קוואַשין ווערט צעריסן פון געשפּאַנטקייט, די הענט אויפן מאַשינגעווער ציטערן אים.

„פייער!״ דונערט אַרויס שלמהלע.

קוואַשינס מאַשינגעווער גיט אַ שניט איבער די צווי פאָדערשטע רעדער. די מאַשין טוט זיך אַ גליטש מיט אַ סקריטשען איבערן אַספאַלט און בלייבט שטיין. די דייטשן שפּרינגען אַרויס פון דער מאַשין, וואַרפן זיך אויף דער ערד, הייבן זיך אויף און נעמען לויפן צום וואַלד.

„פאָראויס!״ גיט שלמהלע אַ קאָמאַנדע. די פּאַרטיזאַנער שפּרינגען אויף און לאָזן זיך נאָך די דייטשן. די אויטאָמאַטישע ביקסן שטעפּן אָן אָפּהאַלט.

שלמהלע שפּירט אַז ער לויפט נישט, נאָר ער פליט — אַזוי גרינג פילט ער זיך. ער פליט און זיין אויג איז צוגעשמידט צו אַ הייכן דייטש, וואָס

שפּרינגט פלינק איבער די אונטערגעזעגטע ביימער. אַט דעם דייטש וויל ער כאַפּן אַ לעבעדיקן, יאָגט ער און שיסט פאַרביי דעם דייטש. דער דייטש וויל זיך פון אים אָפּרייסן און שיסט אויף אים. אָבער ביי יעדן שאָס טוט שלמהלע אַ פאַל אַנידער, הייבט זיך אויף און יאָגט אים ווייטער. שלמהלע מיט זיין פלינקן לויפן געווינט שטח, יאָגט אָן דעם דייטש און שרייט אויס: „הענדע האָך!״

דער דייטש בלייבט שטיין און הייבט אויף די הענט. שלמהלע גיט אַ פאַל צו מיטן רויכעדיקן אויטאָמאַט צום דייטשס פּלייצע.

„פאַראויס!״ באַפעלט ער.

דער דייטש שפּרייזט לאַנגזאַם צום ראַנד פון וואַלד. שלמהלע זעט נישט זיין פּנים, ער זעט נאָר די לאַנגע שמאָלע פיגור. ערשט ווען זיי גייען אַרויס אויף דער פּאַליאַנע גלוסט זיך שלמהלען אַריינקוקן אים אין פּרצוף אַריין.

„אויסדרייען זיך!״ באַפעלט ער.

ווען דער דייטש דרייט זיך אויס, בלייבט שלמהלע שטיין אַ צעטומלטער: פאַר אים שטייט אַ פרוי!

„אַ פרוי?״ רעדט ער אַרויס מיט איבעראַשונג.

די דייטשקע דערשפּירט, אַז זי האָט געמאַכט אַן איינדרוק אויף אים, זי רייסט שנעל אַראָפּ דאָס מיליטערישע היטל און ס'באַווייזט זיך אַ קורץ געשאָרן בלאָנדער פרויען־קאָפּ; פולע, עטוואָס בלאַסע באַקן, און בלויע דערשראָקענע אויגן, וואָס קוקן גלייך אין זיינע אויגן אַריין. ער שפּירט ווי אַ מידקייט צעגייט זיך אים איבערן קערפּער. די אויגן אירע זיינען טיפע, מילדע, מיידלשע. נאָר אַז ער וואַרפט אַ בליק אויפן היטל, וואָס וואַלגערט זיך ביי אירע פיס, ווערט ער צערייצט.

„ווער ביסטו?״ פרעגט ער שטרענג.

אָנשטאָט אַן ענטפער, נעמען פליסן טרערן פון אירע אויגן און זי בעט זיך: „באַפריי מיך! דו ביסט אַזאַ שיינער און גוטער — באַפריי מיך! דיינע חברים וועלן מיך דערשיסן״. און זי נעמט רעדן שנעל, גלייך ווי זי וואָלט געשפּירט, אַז פון אירע ווערטער הענגט אָפּ איר לעבן: „נאָכן קריג וועלן מיר זיך טרעפן. מיין טאַטע איז אַ גרויסער מאַן, אַ גענעראַל. ער וועט דיך רייך באַלוינען״.

„שטום ווערן!״ האָט שלמהלע אַרויסגעדונערט. „רייך באַלוינען!״... „מיט וואָס וועט דיין טאַטע „רייך באַלוינען?״ מיט דעם אַנגערויבטן געלט פון מיינע גע־קוילעטע ברידער? פון מיין דערמאָרדעטער משפּחה? מיר, יידן געדענקען אונדזערע פריינד, אָבער מיר געדענקען אויך אונדזערע שונאים, און דיין פאַרפלוכט פאָלק וועלן מיר זיכער נישט פאַרגעסן!״

ווען די דייטשקע האט דערהערט פון זיין מויל אז ער איז א ייד, האבן זיך אירע קני געגעבן א האק אונטער, אירע ליפן זיינען בלוי געווארן, איר פנים געלבלעך־ווייס. זי האט זיך א וואקל געטאן, גלייך ווי אט, אט, וועט זי אומפאלן.

„זיך אומדרייען! פאראויס — מארש!" האט שלמהלע א דונער געטאן.

די דייטשקע האט זיך אויסגעדרייט און מיט לאנגזאמע וואקלדיקע טריט געשלעפט אירע פיס.

שלמהלע איז איר נאכגעגאנגען מיטן ביקס אין דער האנט. ער ווייסט, אז די דייטשקע גייט צום טויט, אבער ער פילט נישט קיין שום רחמנות צו איר. לאהלען האט מען אויך געטריבן צום טויט, דאס האט אפשר דער דייטשקעס טאטע, דער גענעראל, אזוי באפוילן צו טאן. דאס האבן דער דייטשקעס ברידער איר דערמארדעט. פארוואס, לאהלע, פארוואס?... ער שפאנט שטום נאך דער דייטשקע און זיין הארץ וויינט אין אים: „זיי מוחל לאהלע, וואס כ'האב דיך איבערגעלאזט אליין, כ'האב עס געמוזט טאן, צוליב נקמה פאר דיין יונג פארשניטן לעבן, פאר אונדזער פארשניטענער ליבע."

לאהלע!...

שמואל לאם: א געסל אין אלט־חיפה

שמחה האמבורג

נביאים־גייסט ביי טאלסטאי און קראפאטקין

ווי א קאלירטער פאדעם ציט זיך דורכן גאנצן געוועב פון דער יידישער געשיכטע די אידעע פון גייסטיקן כח, פון עטישע באגריפן און מאראלישע פרינציפן. ביז גאר קלאר טרעט אט דער געדאנק ארויס אין תנ״ך, אמשטארקסטן ביי די יידישע נביאים, וועלכע האבן געשטעלט דעם כח פון גייסט, פון אמת און פון יושר איבער דער גראבער פיזישער מאכט.

די יידיש־נביאישע עטיק וואס איז אריין אזוי טיף אינעם גייסטיקן אוצר פון אונדזער פאלק, און פון די מערסטע נישט יידישע פעלקער, באשטייט אין פרעדיקן און מאנען א הומאניטארן און יושרדיקן סאציאלן סדר, פריי פון געוואלט, צוואנג, און עקספלואטאציע; ליבע און פריינדשאפט נישט נאר צווישן מענטש און מענטש, אָן אונטערשיד פון קאליר און ראסע, נאר אויך אפילו צווישן מענטש און חיה (ישעיה).

אט דער נביאישער גייסט שטראלט ארויס מיט פיל הונדערטער יארן שפעטער, סוף 19־טן יאר הונדערט, פון די צוויי עטישע געשטאלטן פון רוסלאנד — לעוו ניקאָלאַיעוויטש טאָלסטאָי און פיאָטער אַלעקסעיעוויטש קראפאטקין.

רוסלאנד האט אויף פיל שטחים פון איר לעבן, איבערהויפט אויפן פעלד פונעם גערעכטן קאמף פאר פרייהייט, א סך גרויסע און אינטעלעקטועלע פערזענ־לעכקייטן ארויסגעבראכט. מיט זייער שעפערישן גייסט אויף אלע געביטן פון דער קונסט און אנטוויקלונג פונעם מענטשלעכן געדאנק האבן אט די ליכטיקע פערזענ־לעכקייטן די אוצרות פון דער וועלט באררייכערט. אין דער פלעיאדע פון ליכטיקע שטערן אויף די הימלען פון רוסישן לעבן, לייכטן אראפ די צוויי גרעסטע פון אירע שעפערישע גייסטער — טאָלסטאָי און קראָפּאָטקין.

ביידע זיינען זיי פון די קרייזן פון דער רוסישער הערשאפט געקומען; ביידן האט דאס קראנקע געוויסן פון דעם רוסישן אדל צום לעבן און צום קאמף דערוועקט, — א דערשיינונג וואס איז זעלטן צו געפינען אין דער געשיכטע פון אנדערע פעלקער.

אויך ביי אנדערע פעלקער האבן זיך איינצעלנע אינטעלעקטואלן פון זייערע קלאסן אפגעזונדערט און אוועק דינען דער באפרייאונג פון זייער פאלק. אבער

אין ערגעץ דערציילט אונדז נישט די געשיכטע פון דער מענטשהייט, אז עס איז א מאסן־באוועגונג געווען, וואס האט די קינדער פון די רייכע געטריבן אויפצו־שטיין קעגן זייערע עלטערן און גיין אין פאלק דארט ליכט און וויסן צו פארש־פרייטן, וועקן און פירן די מאסן צו אויפשטאנד און רעוואלוציע.

אין רוסלאנד איז דער קאמף קעגן דער הערשאפט געווען דער קוואל פון וועלכן ס׳האבן געשפרודלט די כחות, נישט נאר צום קאמף פאר דער באפרייאונג פון רוסלאנד, נאר אויך פאר דער שאפונג פון יענע גייסטיקע כחות וועלכע האבן זייער שטעמפל אויף דעם לעבן פון אנדערע יחידים און פעלקער ארויפגעלייגט. פון אט די, זיינען טאָלסטאָי און קראָפּאָטקין די גרעסטע געווען.

פון אויבנאויף דאכט זיך: וואס פאר א קאָלאָסאַלער אונטערשיד ס׳איז געווען צווישן די צוויי גרויסע מענטשן!

טאָלסטאָי — א גרויסער קינסטלער, א טיפע מיסטישע נשמה, א קעמפער קעגן די עקזיסטירנדע געטער; פרעדיקער פונעם געדאנק וועגן גאָט אין זיך אליין, וואס זאל אוממעגלעך מאכן צו אויספירן פערזענלעכע און סאציאלע מיאוס־קייטן און אומרעכט צום צווייטן.

קראָפּאָטקין — א גרויסער פארשער מיט ברייטע קענטענישן פון וועלט און מענטש; מיט א ליכטיק קינדערישער נאאיוויטעט; א קעמפער פאר פרייהייט, א זוכער פון גליק פאר אלע מענטשן־קינדער; דער אנטדעקער פון העכסטן סאציאלן יושר און גערעכטיקייט אין דער סאלידאריטעט פון די פרייע מענטשן אליין.

דאך ווי גרויס איז די אינעווייניגסטע שיכות צווישן אט די צוויי פארשידענע גייסטער:

און נישט צופעליק האבן זיי ביידע נישט פארטראגן די הערשאפט פון מענטש איבער מענטש; ביידע זיינען זיי טיף־גלויביקע געווען.

אבער בעת טאָלסטאָי האט דעם מאטעריעלן פארשריט פון דער וועלט כמעט ווי פארווארפן, און האט דאס גליק פונעם יחיד און פונעם כלל געזען אין דער לייטערונג פון דעם מענטשנס נשמה — „גאט איז אין דיר אליין", — האט קראָפּאָטקין געגלויבט און געקעמפט פאר דעם, אז די ברכה פון דעם מאטעריעלן פארשריט פון דער וועלט זאל אויף אלע מענטשן־קינדער אויסגע־שפרייט ווערן. און קומען קאן עס דורך סאלידאריטעט אין געזעלשאפטלעכן לעבן, און דורך קעגנזייטיקער הילף.

קראָפּאָטקין האט געזען א טיפן זין אין דער קעגנזייטיקער הילף פון חיה צו חיה — וואס העלפט צו דערהאלטן דעם מין. די קעגנזייטיקע הילף אנגעמאסטן

אויף דער געזעלשאַפט פון מענטשן, קאָן מער אַנטוויקלען די געזעלשאַפט און געבן איר מעגלעכקייטן פאַר אַ שענערן און בעסערן לעבן.

פונקט ווי טאָלסטאָי האָט געגלויבט, אַז „דער גאָט אין דיר אַליין" וועט די מענטשלעכע נשמה דערהייבן צום העכסטן גליק, אַזוי האָט קראָפּאָטקין געגלויבט, אַז די סאָלידאַריטעט צווישן מענטשן וועט דערהייבן דעם כלל צום העכסטן מענטשלעכן גליק, — מעג עס דויערן דורות און דורות! אויב דער מענטש וויל נישט אונטערגיין אין קעגנזייטיקער פאַרניכטונג, מוז ער זיין גליק און צוקונפט בויען אויף דער קעגנזייטיקער הילף.

ביידע גלויביקע, ביידע דיכטער און פאָרשער, האָבן זיי אינעם מענטשן און אין דער מענטשהייט געגלויבט. צוליב דער גרויסקייט פון זייער עטישער לערע, איז זייער ווירקונג נישט פאַרבליבן אין די דלד אומות פון רוסלאַנד אַליין. ווייט איבער די גרענעצן, אויף אַלע פעלקער פון אייראָפּע און אַמעריקע, אויב נישט טיף אין די מאַסן, איז וויניגסטנס איבער די דערוואַכטע פון די פעלקער האָט זייער ליכט אַ ברילאַנטענעם שיין געוואָרפן.

אויב טאָלסטאָיס טיפע מיסטיש־רעליגיעזע גאָט־שאַפונג אין דער מענטש־לעכער נשמה האָט נישט אָנגעצייכנט קיין באַשטימטע פאָרמען פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן, האָט אָבער קראָפּאָטקינס ברייטע פאָרשונג פון וועלט און מענטש, יאָ אָנגעצייכנט יענע פאָרם פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן אין וועלכער דער מענטש איז פריי און אומבאַצוואונגען פון כחות, פון קייטן, פון הערשער איבער אים, און לעבט אין דעם העכסטן גליק פון סאָציאַלן יושר, געבויט אויף סאָלידאַרישע באַציאונגען פון מענטש צו מענטש אין קעגנזייטיקער הילף.

*

די גרויסע ירושה, וואָס טאָלסטאָי און קראָפּאָטקין האָבן דער מענטשהייט געלאָזט — טראָץ דעם וואָס ס'האָט זיך אין זיי אָפּגעשפּיגלט ערשט מיט אַרום זעקס־זיבן־און־צוואַנציק הונדערט יאָר שפּעטער — איז דער מער קאָנקרעטער אויסדרוק פון יענעם גרויסן ליכט, מיט וועלכן די ליכטיקע געשטאַלטן פון די בערג פון יהודה האָבן די וועלט באַלויכטן און דעם וועג צום גליק געוויזן.

נאטאן מארק (אבי אביר ציון)

דער אפטער

עס שימערט נאך די שבת־הייליקייט אין דער נשמה,
נאך פעסטעט זיך דער חתן ביי דער כלה אים ניט צו פארלאזן;
„ינחילנו יום שכולו שבת" — בעטן יידן אין ברכת־המזון —.
דערפילט דער צדיק
א באריר ווי פון א טויבן־פלי,
באריר וואס וויקלט איין ווי אין א שטראלן־שלייער
אלע אברים און גידים.
דער באריר איז אים מבשר:
אָן אנדערע געליבטע
שטייט שוין אויף דער שוועל פון חדר,
טאקע אנגעטון אין וואכעדיקע קליידער,
אבער פול מיט פייער, גלייך ווי די וואס דארף זיך שיידן;
זי איז אויסגעצירט מיט עפל,
אנגעלאדן פול מיט גוטע וויינען,
און אבאלד וועט זי דערשיינען,
זיך באווייזן א צעבליטע, א צעלויכטענע
און אים ארייַנפאלן אין די אָרעמס.

דער צדיק מאכט הכנות,
מיט „שמות", אנא"ס און כוונות,
וויל ראוי זיין צו איר באַרירן,
צו דעם הויך פון תאווה׳דיקן אָטעם.
— — — — — — — — — — — —
דערזען זי,
האט זיך די ערשטע אָן א שאַרך,
בגניבה — ארויסגעשארט.
איז גרויס דער ווייטיק אירער;
דאס וויסן אבער:
ס׳וועט די אפגעזונדערטקייט ניט דויערן,
אבאלד וועט זי א נייע זעעניש דערלעבן —
האט טרייסט און כח איר געגעבן
דעם צער פון אפגעשיידקייט צו דערטראגן,

און מיט ריינער בתולה־בענקעניש צו וואַרטן,
ווי סע וואַרט די מאַמע פון אַ קראַנקן קינד,
עס זאָל וואָס גיכער אָנהויבן צו טאָגן —
זיך קענען מיט נאָך פלאַמענדיקערער דבקות,
אין געליבטנס אָרעמס זיך וואַרפן.

✶

דער זייגער האָט געשלאָגן צוועלף.
מטטרון האָט זיין האַר דערלאַנגט דעם „שערי ציון".
די מאַמע רחל, זאָל זיך מיען, — דאָס קריגל
(דאָס וויפלטע, זי ווייסט אַליין ניט,
איינס נאָר ווייסט זי:
ס'איז ניטאָ אַזויפיל גרעזער אינעם שרון,
ניט אַזויפיל טראָפּן אינעם ירדן,
ניט אַזויפיל רגע"ס אין אַ יובל יאָרן),
דאָס קריגל מיט די טרערן אין דער לינקער,
פאַרשטעלט די אויגן מיט דער רעכטער,
בעת די ליפּן מורמלען:
„אַ ביז ווען וועסטו פאַרגעסן, גרויסער, שטאַרקער וועכטער,
די צעשפּרייטע שפּאַנקעלעך דיינע,
וועלכע דיר צוליב, צוליב דיין לאַנד,
צוליב דיין נאָמען,
ווערן אונטערדריקט, געפּייניקט?!
אַ ביז ווען,
ביז וו־ע־ן — — — רבונו של עולם!!?"
זי פאַלט אַנידער פאַרן כסא הכבוד,
אירע קולות, — קולות פון אַ קינד־באַרויבטער מאַמען,
מישן זיך צוזאַמען מיט די קלאָג־געזאַנגען
וואָס דער ווינט האָט אויסגעציטערט אויף די בבל־האַרפעס,
פון לוויים אַף די ווערבעס אויסגעהאַנגען.

דערהערט די שכינה יאָמערן און קלאָגן,
צעשפּרייט זי אירע ווייסע פליגל ווי אַ טויב,
און זינגט מיט „יעלה"־ניגון:
„שטייט־אויף — צו סלי—חות — — —
וועקט אויף — די קינ—דער אין די ווי—גן — — —"

דערהערט הקדוש־ברוך־הוא דעם ניגון,
ווערט ער גאַנץ צערודערט,

און א רחמים־קוש ער שיקט דער שכינה.
ער צעוויקלט גיך די תכלת־פעלערינע.
באַריירט מיט אירע פורפור־טראַלדן רחל׳ס ווייסן שטערן,
און לאָזט זיין פייער־קול פאַר אַלע בערג און ימים הערן:
„טאַכטער מיינע,
פאַרמייד דיין אויג פון טרערן,
עס וועלן דיינע קינדער, אַהיים צוריק זיך קערן...״

✶

האָט דער אַפּטער הקדוש, מיט זיינע אויערן דאָס געהערט,
מיט אויגן ליכטיקע געזען.
ווי א פייל פון בויגן, איז ער אין מקוה געלאָפן.

— — — — — — — — — — — — —

אויפן וועג די שכינה אָנגעטראָפן.
האָט זי אים פאַרבעטן
אין איר יחוד־שטיבל מיט אין־סופ׳ן...

✶

אַלע הענגל־לייכטער זיינען אין בית־מדרש אָנגעצונדן;
אויף און איבער אַלע טישן ברענען לאָמפּן;
זקנים האַלטן לעכטלעך
און שפּאַצירן אויף די געלע בלעטער,
זוכנדיק אין זיי
דעם שליסל צו די טויערן פון עולם־הבא.
גמרא־ניגון, שערי־ציון־יאָמער,
תהילים־תחינה, ספר־מוסר־עצבות —
דער מזמור־לתודה
דעם, וואָס האָט צוריקגעגעבן די נשמה בחמלה רבה;

✶

„דער רבי!״
— איז א ווייל געשטערט געוואָרן די סימפאָניע
און עס האָבן זיך באַוויזן
ווייסע, גרינע, רויטע טיכעלעך,
אויף די ספרים,
און אַן עולם, אין די הונדערטער,
ניט רירט זיך ווי ביי „קדושה״,
מיט די פּנימער געווענדט צו
מזרח, מערב, צפון, דרום,
און פאַרענטפערן אין מחשבה די הפסקה:
„עת לעשות — הפרו תורתך...״

איז די רגע, די מינוט, פאַריבער,
האָט זיך די סימפאָניע מיט נאָך מער אימפעט צעניגונט,
קודם מיט מתיקה,
דאַן אַלץ שטאַרקער, שטאַרקער,
פון א קוואַל א פּאָטיק,
פון פּאָטיקל א ריקע,
פון ריקעלע א טייך,
פון טייך אַן אָקעאַן מיט ברויזנדיקע כוואַליעס.

✶

גייט דער צדיק אום פון טיש צו טיש,
און לייכט מען קאָן דערקענען,
צי די אויגן זיינע וואַרעמען — צי ברענען...
די אין מקוה אָפּגעגלעטע באַרד,
איז ווידער לעבעדיק געוואָרן,
און באַגלייט יעדן בליק דעם רבינס.
בלייבט דער רבי שטיין פאַר יעדן איינעם,
האָרכט זיך אונטער,
וואָס, און ווי אַזוי
מען זאָגט, מען לערנט —
און ערשט נאָכדעם, נעמט ער זיך צו דער עבודה...

✶

איינמאָל אין אַזאַ כעלות־השחר,
ווען דעם צדיקס הייליקע אויגן
האָבן דעם דורשט געשטילט
און אַנגעזויגן זיך מיטן טראַנק פון הייליקע ווערטער,
מיט „דברים שאין להם שיעור" —
איז ער שטיין געבליבן ווי פאַרגליווערט נעבן כיור:
דן, דער שטאָט־בעל־עגלה
האַלט א תהילימ'ל אין די מאָזאָליעדיקע דלאָניעס,
טשוויאַכעט אינעם תהילים ווי אין זיינע קאָניעס,
און דער צדיק הערט זיך צו — — —
— — עס הערט אים אויף דאָס האַרץ צו קלאַפּן...:
נאָך יעדן פּסוק, גיט א הרימע דער בעל־עגלה:
„אַדענאָי! — אַדענאָי! — אַדענאָי!..."

„רב דן! געוואַלט ה' דן!!"
— גיט א יעכץ דער צדיק

חיפה

אז דאס גאנצע בית־המדרש איז דערציטערט געווארן —
„וואס דערמאנט איר אומזיסט דעם שם, ר׳ דן?!
עס איז א חילול!
וויי און אָך בעוונותינו הרבים!
ד—ן וואס טוט איר!? דן! ר׳ דן!!
אז אָך און וויי צו מיינע חטאים!
וויי און אָך! און איצטער, פונקט פאר ימים נוראים!!״

דן, דער בעל־עגלה,
א ייד וואס האמעוועט מיט זיינע הענט
די ווילדסטע צוגאָוועצעס —
ציטערט איצטער ווי אַן אָפגעשמיסן חדר־יינגל,
און מיט א גראבן יאדערדיקן פינגער
ווייזט דעם רבין
ווי אין תהילימ׳ל אין זיינעם,
וואס ער האט בירושה פונעם זיידן,
שטייען נאך יעדן פסוק צוויי יידן...

ר׳ יהושע העשל ווארפט א שארפן בליק אין תהילימ׳ל,
צעשפרייט די הענט, גלייך ווי ער וואלט
די גאנצע עדה געוואלט צו זיין ווייטיקדיקן הארץ צודריקן
און געפינען פאר יעדערן א תיקון,
און צעשרייט זיך ממעמקים:

„קינדער מיינע!
טייער פאלק ישראל! עם סגולה!
הערט!
ווען צוויי יידן זיינען איינער נעבן אנדערן,
איז כביכול הקדוש־ברוך־הוא מיט זיי...
זיינען אבער, חס־ושלום, צווי יידן איינער איבערן אנדערן —
איז, רחמנא לצלן, כביכול נ י ט צווישן זיי!...
געדענקט! געדענקט עס קינדער מיינע,
איצטער און אויף תמיד — — —

אל מ־לך יו־שב על כ־סא ר־חמים!״
און דער צדיק פאלט צו א ווײנענדיקער
מיטן קאפ צום ארון קודש און צום עמוד...

מרדכי שטיינבערג

דערוואכונג

יאָסל האט זיך איבערגעוועקט. ער נעמט זיך דרייען אויף דעם געלעגער, דאָס שמאלע און קורצע סוכנות־בעטל סקריפּעט אונטער. ער וויל וויסן די צייט, אבער אין צימער איז נאך טונקל און פאר זיינע האלב פארזשמורעטע אויגן וויִסלט זיך דאָס לייכט פארשוויצטע געזיכט פון רחלען, וואס ליגט א צעוואַרעמטע מיט עטוואס פארשארצטע ליפּן. ווען דער וועקער הייבט אָן קלינגען שטרעקט יאָסל אויס אינסטינקטיוו די האנט צום טאבורעטל, וואס דינט אים פאר א נאכט־טישל, און שטילט אים גלייך איין. ער וויל נישט איבערוועקן רחלען און דאָס טעכטערל ציפּעלע. קריכט ער פארזיכטיק אראָפּ פונעם בעט, שטעקט אָן די ווייכע שטעקשיך און סאָפּעט דערביי שווערלעך און טיף מיט זיין פולער קיילעכדיקער נאָז.

ראַזירנדיק זיך ביי דעם שוואכן שיין וואס דרינגט אריין דורכן פּיר־קאַנטיקן פענצטערל, באטראכט ער דעם פליכעוואטן קאָפּ זיינעם פון שטערן אויף ארויף, ער ציילט איבער זיינע דריי טאשמעס האָר און כאַפּט דערביי א בליק אויף רחלען, וואס נעמט זיך לעת־עתּה איבערוועקן. זי טוט א טיפן אָטעם אָפּ און צעוואָרפנדיק אירע ווייכע הענט פילט זי ווי אַן אנגענעמע מידקייט צעגיסט זיך איבער אירע גלידער... און זי דרימלט איין אויפסניי כדי צו „דערכאַפּן די זעט”, ווי זי טוט עס נאך א זאטן מיטאג מיט א שטירצל פּריש ברויט.

יאָסל ווישט געלאסן אָפּ דאָס ראַזיר־מעסער און אָפּפרישנדיק דאָס פּנים מיט קילן וואסער, דערפילט ער א לייכט נאגן ביים הארצן. עס איז געווען א צייט ווען רחלע פלעגט אים נישט לאזן אזוי ניכטער אוועקגיין צו דער ארבעט. זי פלעגט אויפשטיין צוזאמען מיט אים, פלעגט אָנצינדן די פּתיליה און מאכן א גלאז וואַרעמס. זי פלעגט זיצן נעבן אים און שטיל, אין געשעפּטש, אויספּלאַנירן איר טאָג:

— צוערשט פּאָרווייקט זי די וועש; נאכדעם וועט זי א לויף טאָן אויפן מארק, ווייל דארט קאסט אלץ ביליקער ווי ביים מכולתניק (שפּייז־קרעמער). זי מוז שפּארן א גראשן דא און א גראשן דארט! ציפּעלע איז בילכער פונעם שפּייז־קרעמער... יא, שפּעטער וועט זי צעוואשן די פּאָר שטיקלעך, איבער־

טריקענען און אויספרעסן. און אזוי גייט אוועק דער טאג מיט גארנישט. זיין פארנומען אין הויז מיט אומדאנקבארער ווייבערשער ארבעט.

יאָסלען פלעגט שטענדיק באהערשן אזא מאדנער געפיל, עפעס א מין בענקעניש געמישט מיט פאטערלעכער זארג: עס האט זיך אים געדוכט אז ער איז רחלען עפעס שולדיק; אז ער דארף איר מיט עפעס העלפן, שטענדיק העלפן. און נאך איידער ער איז אוועק צו דער ארבעט, האט ער שוין געוואלט זיין צוריק אין דער היים נעבן רחלען... אפט ווען רחלע פלעגט זיך באקלאגן אויף דער ענגשאפט אין דער מעברה, פלעגט ער נעמען זי טרייסטן:

— באלד, באלד, רחלע. ס׳פעלט אונדז נאך א קלייניקייט. אזוי גיך ווי מיר וועלן אפשפארן ביז דער נייטיקער סומע, וועלן מיר פארלאזן די מעברה מיט איר ענגשאפט און מיר וועלן אריין אין א נייעם שכון — דארט וועט זיין ליכטיק, גרויס און באקוועם. האב נאר א ביסעלע געדולד, רחלע, א ביסעלע געדולד!

יאָסל ארבעט איצט אלס ברויט־צעפירער ביי פאליקן אין בעקעריי. נישט לייכט איז אים אנגעקומען אריינצוכאפן זיך אין דער בעקעריי — כאטש פאַליק איז רחלעס א בן־עיר און ער האט אויך געקענט אירע פארשטאר־בענע עלטערן. ווען זי האט פאר אים פארגעשטעלט יאָסלען, האט פאַליק לאנג געמאָסטן מיט די אויגן זיינע מוסקולן און מיט וואקלעניש געזאגט:

— קומט מארגן אויף פראבע.

*

יאָסל איז פון דער היים א ישיבה־בחור. אין קאָלכאָז, אויפן אוראַל, האט ער זיך אויסגעלערנט צו פירן א מאשין. דארט האט ער אויך זיך צוזאמענ־געטראפן מיט רחלען. זי איז געווען א יונג באשיידן מיידל, וועלכע האט אין קאָלכאָז ערשט אנגעהייבן דערוואכן, קומען צו זיך.

יאסל איז א סך עלטער פון איר, האט ער זיך צו איר באצויגן ווי אן עלטערער ברודער באציט זיך צו זיין יינגערער שוועסטער: ער האט איר אפט ארויסגעהאלפן אין א שווערער ארבעט; ווינטער, ווען זי פלעגט ארויס־לויפן אין קאלטן דרויסן אט ווי זי שטייט און גייט, פלעגט ער איר נאכשרייען אז זי זאל אנטאן א ווארעמען בגד; און ווען מיטקא, דער איבערגעוואקסענער דארפס־יונג פלעגט זיך נעמען טשעפען צו איר, פלעגט יאָסל זי באפרייען פון זיינע גראבע הענט.

זי, רחל, האט יאסל׳ס באציאונג צו איר פארשטאנען אנדערש און האט אלעמאל געזוכט א געלעגנהייט צו זיין נאענט צו אים: ביי דער ארבעט

און ביי די קאַלכאַז־פּאַרזאַמלונגען האָט זי תמיד מאַנעווורירט צו זיין נעבן אים; אין די אוונטן, ביים לייענען א בוך, צי א צייטונג, פלעגט זי זיך צורוקן צו יאַסלען.

יאַסלען איז קלאָר געוואָרן, אַז די קליינע איז נישט גלייכגילטיק צו אים. און כאָטש ער האָט טיף ביי זיך אין האַרץ געפילט דאָס אייגענע, דאָך וואָלט ער נישט געוואַגט איר דאָס צו זאָגן. א טיפע ערנסטקייט האָט זיך פאַרצויגן אויף זיין פּנים — ער האָט געפּירט א קאַמף מיט זיך, זיך געשלאָגן מיט דער דעה, געטראַכט: אַז דער אונטערשיד צווישן זייער עלטער איז א צו גרויסער; אַז ס׳איז מלחמה־צייט און דער חתונה־פּסיכאָז האָט אַרומגעכאַפּט אַלע יונגע מיידלעך; און... און בכלל...

אָבער רחלע האָט אים איינמאָל פעסט און אַנטשלאָסן אַנגענומען פאַר ביידע הענט, ערנסט און לאַנג אים געקוקט אין די אויגן און געזאָגט:

— הערט, יאָסל, ביי מיינע זיבעצן יאָר בין איך שוין א דערוואַקסענע פרוי. איר זייט טאַקע עלטער פון מיר אָבער איר געפעלט מיר... און ווען איך זע אייך נישט א פּאָר טעג בענק איך נאָך אייך...

יאָסל, אָן איבעראַשטער פון איר ערנסטער אָפנהאַרציקייט איז געוואָרן צעמישט; דאָס בלוט האָט אים א שלאָג געטון אין קאָפּ. ווי קעגן זיין ווילן האָבן זיינע הענט זי אַרומגעכאַפּט, צוגעדריקט צו זיך און זיינע ליפּן האָבן געשעפּטשעט:

— רחלע, רחלע... איך אויך... איך אויך בענק נאָך דיר... איך האָב נאָר ביז איצט נישט געהאַט די דרייסטקייט וועגן דעם צו טראַכטן... א לאַנגע שנייאיקע ווינטער־נאַכט האָט דאַן געפּראַסטיקט דעם הויך פון זייערע ליפּן...

מיט עטלעכע חדשים שפּעטער, ווען יאָסל האָט זיך איבערצייגט אַז רחלע קאָן נישט פאַרשוואַנגערן, האָט ער טיף אין זיך געטראַכט אַז אפשר דאַרף עס אַזוי זיין: גם זו לטובה! — האָט ער זיך געטרייסט. קודם כל האָט זיך די מלחמה נאָך נישט געענדיקט; מען ווייסט נאָך נישט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען און עס פעלט נאָך אָן אייגן זיכער ווינקל.

רחלע פלעגט א שולדיקע קוקן אויף אים מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. און ווען דאָס מאַמע־געפיל פלעגט זיך ביי איר אַנטפּלעקן, ווען עס פלעגט איר אָנכאַפּן א באַגער א שטיף צו טאָן מיט עמיצן, צוצודריקן עמיצן שטאַרק צו דער ברוסט — האָט זי זיך שטיל אויפן קישן אויסגעלאַדן פון די טרערן וואָס פלעגן זי נעמען שטיקן אין האַלדז און שפּעטער געפינען א טרייסט אין יאָסלס אָרעמס.

*

יאָסלס אויגן וואַנדערן איצט פון רחלען צו דער קלײנער ציפּען: געדיכטע געלע לאָקן זוימען אַרום דאָס קינדס פּנימל און דאָס קלײן פּאַריסן נעזל אָטעמט טיף אַרײַן די פּאַרדומפּטע צימער־לופט. ער וויל עס נישט איבער־וועקן מיט זײַן בליק, אָבער ער קאָן זיך פון דעם נישט אָפּרײַסן.

ציפּעלע איז געבוירן געוואָרן אויפן דריטן יאָר נאָך זייער קומען אין לאַנד. ס'איז געווען אַ גרויסע איבעראַשונג פאַר אַלעמען. יאָסל האָט שוין לאַנג שלום געמאַכט מיטן געדאַנק אַז רחלע איז אַן עקרה. אַ סך מענטשן מאַכן שלום מיטן גורל און נעמען דאָס לעבן אַזוי ווי עס איז. און ווען רחלע האָט פּלוצלינג דערפילט אַן ענדערונג אין איר קערפּער, האָט יאָסל מיט נײַגער גענומען דערוואַרטן און ציילן די טעג — ער האָט געהאָפט אויף אַ קדיש, אַ המשך. און ווען די מטפּלת האָט אים ס'ערשטע מאָל געוויזן דאָס פּריש געבוירענע נפשל, האָט זיך אים גלײַך געוואָרפן אין די אויגן דער רויטער אָפּשײַן פון די האָר אויפן קעפּל. „אַ דזשינדזשי" (רויטהאָריק) — האָט ער געטראַכט — „אַ דזשינדזשי"? אים דאַכט זיך אַז אין זײַן משפּחה האָט קײנער נישט געהאַט קײן רויטע האָר...

די ערשטע צוויי יאָר נאָך ציפּעלעס קומען, איז רחלע געווען גליקלעך, אין זיבעטן הימל ממש! איבערהויפּט ווען די קלײנע ציפּעלע פלעגט זיך צעשמייכלען און אַרויסשטעלן אירע ערשטע צײנדעלעך. — דעמאָלט פלעגט דאָס ענגע שטיבעלע אין דער מעברה ווערן גרויס, ליכטיק און צו איר פרייד איז גאָר קײן גרענעץ נישט געווען.

— זעט נאָר, מענטשן! — פלעגט זי אויסרופן מיט עקסטאַז — קוקט נאָר אָן דאָס ליכטיקע פּנימל פון מײַן נחת'ל! די זון שײַנט פון איר אַרויס — מײַן זון! און זי פלעגט עס כאַפּן קושן.

יאָסל האָט ליב געהאַט דאָס קינד אַפילו ווען ער האָט אָנגעהויבן דער־פילן אַז דאָס נײַע רויט־האָריקע ווען, וואָס האָט מיט רעש און געפילדער אָנגעפילט דאָס דומפּיקע צימער — האָט זײַן רחלען פון אים דערווייטערט און אים, יאָסלען, אָפּגעשטופּט אָן אַ זײַט, פאַרשטופּט אין אַ ווינקל, גלײַך ער וואָלט גאָרנישט עקזיסטירט. אַ בייסיקער פאַרדראָס האָט זיך פאַרקליבן אין זײַן האַרץ און אַ פראַגע האָט אָן אויפהער אים געעקבערט אין מוח — פאַרוואָס? פאַרוואָס איז זײַן רחלע מיטאַמאָל אַזוי קאַלט געוואָרן צו אים? אפשט האָט זיך אַ מיאוסער געדאַנק — ווי אַ קלײן טײַוועלע — פאַרקליבן אין זײַן מוח און האָט זיך מיט אים געררייצט: — „זי, רחלע האָט אַ ייִנגערן געפונען..." ער האָט אָבער באַלד אַזאַ געדאַנק פון קאָפּ פאַרטריבן: ניין, ניין, נישט רחלע! זי וועט אַזעלכעס נישט טאָן!... ס'איז די קלײנע, די רויט־האָריקע ציפּעלע — זי האָט פאַרנומען זײַן אָרט אין רחלעס האַרץ... זי האָט רחלען געגעבן אַ נײַעם

אינהאלט אין לעבן, א נייעם אינטערעס... און ער, יאָסל? — ער דאַרף זיך צופרידנשטעלן מיט דעם וואס רחלע איז גליקלעך...

א שווערער זיפץ רייסט זיך ארויס פון יאָסל'ס האַרץ, ער איילט זיך שוין צו דער ארבעט נאר ביי דער טיר בלייבט ער שטיין און כאפּט א קוק צו רחלען. רחלע ליגט אין בעט און קוקט שטאַר פאַר זיך, גלייך ער וואלט געווען א שאָטן וואס האלט זיך אין ארויסגליטשן דורך דער טיר. זיין האַרץ טוט אים א קלעם: היינט איז דאך א גרויסער טאג ביי זיי — זיי גייען דאך היינט אריבער אין שכון! שטענדיק האט ער געדענקט אז דאס וועט זיין דער גליקלעכסטער טאג אין זייער לעבן: ענדלעך וועט רחלע זיך מער נישט דאַרפן באקלאגן אויף דער ענגשאַפט — נייע צימערן, גרויסע, ליכטיקע — ס'וועט איר ליכטיקער ווערן אין די אויגן! און אפשר, אפשר דאָרט, אין נייעם שכון, אין דער ליכט וועט זיין רחלע צוריק אנהייבן זען אים, יאסלען... ער וואלט זיך איצט געוואלט פרייען מיט איר צוזאמען, זאגן איר א צערטלעך ווארט, נאר ווען ער דערזעט איר שטאַרן בליק — פאַרפרירן אים די ווערטער אויף דער צונג. ער עפנט לאנגזאם די טיר און שטייענדיק אויף דער שוועל רופט ער זיך אָן:

— רחלע, קאנסטו זיך היינט אפשר באַפרייען אביסל פריער? איך האב געבעטן מאירן, דעם טרעגער פון פּארט, צו העלפן אונדז ביים איבערפירן די זאכן.

נאר רחלע, קוקנדיק צו דער סטעליע, זאגט אומגעדולדיק און בייז:

— שאַ... שטילער, וועק נישט איבער דאס קינד!...

יאָסל שאַרט זיך ארויס שטיל ווי א קאַץ. עפּעס איז אים זייער קאַלט־מוטנע אויפן האַרצן. כושי, דער שווארצער כלב, וואַרפט זיך האַסטיק צו זיינע פיס און יאָסל גלעט אים איבער דער נאַסער מאָרדע.

— שטילער, כושי, שטילער! וועק נישט איבער דאס קינד! און ער איילט אוועק צו דער ארבעט.

ביי דער בעקעריי וואַרט שוין פאַליק מיט א גיפטיקן בליק אין די אויגן:

— וואס איז געשען, יאסל? וואס האסטו זיך אזוי פארשפּעטיקט? שווער געווען זיך אפצורייסן פון ווייבל? הא?... פאַליק שפּיצט אָן אויף אים זיינע שפּאָטישע אויגעלעך און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער נעמט ער אונטער־טרייבן:

— נו, דער טאג שטייט נישט, יאָסל! יאַללאַ, יאַללאַ!

יאָסל שווייגט. ער האט נישט די דרייסטקייט אפצוענטפערן זיין ברויט־געבער. ער הערט אפט אזעלכע בייסיקע ווערטלעך פון אים און אויך פון די שכנים אין דער מעברה. זעט אויס אז מענטשן האבן שטענדיק ליב אריינקריכן אין די גרגרת אריין, מאכן יענעם צו גארנישט כדי אליין אויסצוזען העכער.

יאָסל שלינגט אפט אראפ אזא באמערקונג אבער טיף אין הארצן טרעפט עס ווי א פייל און מאכט ביי אים א טיפע וואונד. אין דרויסן מאכט ער אָן אנשטעל, גיט אפילו א שמייכל, אבער פילן פילט ער דאך אז ס'איז נישט דאס וואס געווען...

רחלע לעבט שוין א לענגערע צייט מיט א גאנץ אנדער לעבן: זי איז געווארן איינגעשלאסענער אין זיך; טיילט זיך זעלטן מיט יאָסלען מיט אירע פלענער און געדאנקען. זי גייט ארום אָנגעפילט ווי מיט עפעס א סוד. זייט זי האט אנגעהייבן צו ארבעטן ביי מאַקסן אין פריזיר־אנשטאלט, אויף איראק גאס, איז זי געווארן נערוועז, קאָן נישט פארטראגן זיינע א ווענדונג צו איר און פאר דער מינדעסטער זאך — רעגט זי זיך אויף און כעסט זיך. אפט גייען אוועק טעג און זיי פארבייטן אפילו נישט קיין ווארט צווישן זיך. זי האט אָנגעהייבן זיך פארבן די ברעמען און מאניקירן די נעגל פון הענט און פיס.

ווען יאָסל דערזעט עס, וואכט אויף דער מיאוסער געדאנק — דער טייוועלע — אין זיין מח און רייצט זיך מיט אים:

— זעסט, זי טוט עס אומיסטן, כדי דער קאנטראסט צווישן דיר און איר זאל ווערן נאך שארפער. מיט אירע טונקעלע שווארצע האר, ברענענדיקע אויגן און אויסגעראַזירטע ברעמען — קעגן דיין פליכעוואַטן קאפ, פולער נאז און צעאקערט פנים — זעט זי אויס ווי די יינגסטע טאכטער דיינע!

אפט, נאך דער ארבעט, טרעפט ער נישט רחלען אין דער היים. שושנה, דער שכנטעס מיידעלע, שפילט זיך מיטן קינד און רחלע פארעט זיך ערגעץ מיט אירע קליענטקעס. אין אזא פאל שפרינגט ווידער ארויס דער טייוועלע און זאגט:

— זעסט, פאר דיין פריזירערין ביסטו נישט מער ווי א שייטל — זי האט דיך אנגעטאָן ווען זי האט דיך געדארפט, און איצט, ווייזט אויס, דארף זי דיך נישט מער...

ווארפט יאָסל דאס ווארעמע געבעקס אין טענדער אריין א שווייגנדיקער. ער פארבייסט שטיל די ליפן, פארציט טיף דעם בלויען רויך פונעם פאפיראס, זעצט זיך ביים רעדל און דאס ווארקען פונעם מאָטאָר טראגט אים אוועק אויפן פייכטן אספאלט.

עס טריפט א לייכטער רעגן און דורך דער נאסער שויב פונעם טענדער זעט ער די גאס ווי דורך א חלום — זי לויפט אים אנטקעגן. ער באמערקט ווי א ווייסער ארבל הייבט זיך אויף דראענדיק אין דער לופטן. זייט לאנגע יארן האט יאסל קיין שום באמערקונג נישט געהאט, נאר דער שוטר־תנועה (פאַרקער פּאָליציאנט), וואָרנט אים מיט א בייזער שטים:

— אדוני! דו פארגעסט אז דו פארסט אין שטאט אויף אכציק קילאָמעטער א שעה!

יאָסל פארענטפערט זיך: ס׳טרעפט אמאל. ער ווייסט אליין נישט פארוואס. ס׳וועט מער נישט פּאַסירן.

ער נעמט פארן לאנגזאמער אבער די שפאנונג אין אים וואקסט; ער וויל אז דער טאג זאל אוועק וואס שנעלער; ער האט דאך אזויפיל זאכן צו דערליידיקן! און דאס וויכטיקסטע — היינט ווערט ער פטור פון דער מעברה: „משנה מקום, משנה מזל״, אפשר וועט רחלע זיך צוריק ענדערן; אפשר וועט זי זיך פילן בעסער אין דער נייער דירה, אויסגערוטער און די נערוועזיטעט ביי איר וועט אפטרעטן. ווי עס זאל נישט זיין — קאָן זי מיט דער צייט איינאָרדענען א פריזיר־אנשטאלט ביי זיך אין שטוב און זי וועט פטור ווערן פון מאקסן אויף איראַק־גאַס...

רחלע דערציילט שטענדיק אז ער איז א שווערער מענטש, אָן אויסנוצער און א פרויען־יעגער. קיינער קאן ביי אים לאנג דאס ארט נישט אנוואַרעמען. און די מיידלעך וואס ארבעטן ביי אים פארלאזן דעם אנשטאלט נאך א פאר חדשים... ס׳איז באמת א וואונדער וואס רחלע ארבעט שוין ביי אים דאס דריטע יאר... יא, זי וועט אויך נישט דארפן מער אין די אוונטן ארומלויפן צו די קליענטקעס אירע...

דער רעגן האט שוין לאנג אויפגעהערט, די זון פארעט איצט האסטיק דעם אספאלט און יאסל כאפט זיך אז די ווישערס אויף דער שויב ארבעטן נאך אלץ.

— ס׳איז נישט גוט — טראכט ער — מ׳דארף זיך געמען שטארקער אין די הענט אריין.

*

די לעצטע שטראַלן פון דער זון הענגען איבערן כרמל און פארבן אפ מיט גאלד דעם רוקן פונעם בארג. א גרינער הויך טיילט זיך אויס פונעם ווילד צעוואקסענעם גראז און די פייכטקייט אין דער לופט ווערט פארשטארקט דורך דעם קילן שאַרפן ווינטל.

יאָסל האָט היינט פריער ווי שטענדיק פאַרענדיקט די אַרבעט. פּאַליק האָט אים דערלויבט אויסצונוצן דעם טענדער, האָט ער דעריבער מיטגענומען מאירן, דעם פּאַרט־אַרבעטער, מיט זיך און איצט איילט ער זיך אַהיים. ער רעכנט אַז רחלע וואַרט שוין אויף אים אומגעדולדיק.

אַ האַסטיקער צי פאַרן ברעיק־הענטל און דער טענדער טוט זיך אַ שטעל אָפּ מיט אַ קוויטש פאַר זיין וואוינונג. יאָסל שפּרינגט אַרויס פון טענדער און שפּאַנט מיט שנעלע נערוועזע טריט צו דער טיר. ער כאַפּט אָן די קליאַמקע און טוט אַ האַסטיקן שטויס — די טיר איז פאַרשלאָסן. הייסט עס, אַז רחלע איז נאָך נישטאָ אין דער היים. נאָך נישט געקומען. און ער האָט דאָך זי היינט בפירוש געבעטן אַהיים קומען אַביסל פריער. אָבער פאַרוואָס איז די טיר פאַרשלאָסן? דאָס טרעפט דאָך זעלטן. וואו איז שושנה מיט ציפּעלען? ער הייבט אָן נישטערן אין די טאַשן, ער זוכט דעם שליסל. אָבער ער האָט גראָד היינט געגומען דעם רעגנמאַנטל און די שליסלען זיינען פאַרבליבן אין דעם זשאַקעט. ער פּרובירט ווידער די טיר מיט כוח אָבער אָן דערפאָלג. אַ בייזקייט צעגיסט זיך איס אין די געבליטן, אַ פאַרדראָסיק געפיל פון אַ מענטשן וואָס באַגעגנט אַ לאַנג נישט געזעענעם פריינד און אַנשטאָט אַ וואַרעמען שלום עליכם — שטייט יענער מיט די הענט אין די טאַשן.

פון אינעווייניק דערטראָגט זיך דאָס וויינענדיקע בילן פון כושין. דער הונט רייסט און דראַפּעט די טיר. יאָסל שטייט אַ ווײַלע אַ צעמישטער, ער פאַרלירט זיך אונטערן שאַרפן נייגעריקן בליק פון מאירן. ער נעמט זיך אַרומקוקן אין אַלע זייטן און באַמערקט אַז דאָס פּאָסט־קעסטל איז צעעפנט. ער טרעפט דאָרט דעם שליסל איינגעוויקלט אין פּאַפּיר. דאָס באַרואיקט אים נישט, להיפך, דער אומרו נעמט אין אים וואַקסן... וואָס האָט געקאָנט פּאַסירן? אפשר איז ציפּעלע פּלוצלינג קראַנק געוואָרן?

מיט ציטערדיקע הענט שטעקט ער אַריין דעם שליסל, טוט אָן עפן די טיר און בלייבט שטיין אַ דערשטוינטער אויפן שוועל. דער שאַנק איז צעעפנט און עס הענגען דאָרט זיינע מלבושים... אויף די נישט פאַרבעטע בעטלעך וואַלגערט זיך אין אומאָרדענונג זיין אונטערוועש, אויף דער פּאָדלאָגע ליגן צעזייט זיינע שיך... „אפשר אַ גנב"? גליטשט זיך אים אַדורך אַ געדאַנק אין מוח. כושי וואַרפט זיך אימפּעטדיק צו אים, שפּרינגט אַרויף מיט די פאָדערשטע לאַפּעס אויף זיין ברוסט, פּישטשעט — דאַ טרויעריק דאַ פריידיק — און לעקט אים אַרום מיט דער פייכטער צונג.

„קאָן עס זיין, אַז דער טייוועלע אין זיין מוח איז גערעכט געווען?" טוט אים אַ שלאָג אַ געדאַנק. ער דערשפּירט אַ לייכטן שווינדל אין קאָפּ, פאַר די אויגן דרייען זיך אים גרויסע ליכטיקע רעדער וואָס לעשן זיך אויס און

צינדן זיך אָן און ער לאָזט זיך אַ מידער אַראָפּ אויפֿן בעט. ווען ער עפֿנט אין אַ ווײַלע אַרום די אויגן, שטייט מאיר איבער אים מיט אַ גלאָז וואַסער:

— יאָסל, מאַך זיך נישט נאַריש! שפּײַ אויס אויף איר, אויף דער נקבֿה!...

יאָסל קוקט זיך אַרום, הייבט אָן קומען צו זיך, ער נעמט עפּעס וואָס באַגרײַפֿן, ס׳הייבט אים אָן עפּעס קלאָר ווערן, ער דערפֿילט זיך ווי אַ מענטש וואָס איז אַ לעבן לאַנג אַרומגעגאַנגען אין אַ פֿרעמדער וועלט, אין אַ חלום — און אַ פּלוצלינגדיקער שטראַל האָט אים איבערגעוועקט און אַרויסגעפֿירט פֿון דער פֿינצטערניש...

פֿאַר אים וואַלגערט זיך דאָס צעקנייטשטע פּאַפּיר אין וועלכן ס׳איז אײַנגעוויקלט געווען דער שליסל. ער האָט עס פֿריִער אין אײַלעניש אַוועק־געוואָרפֿן אָן חשד, אָבער איצט נעמט ער עס צוריק אין די הענט אַרײַן מיט נײַגער. ער פֿירט עס צו נאָענט צו די אויגן ווײַל די טונקלקייט אין צימער שטערט אים צו לייענען:

„יאָסל, איך גלויב אַז דו וועסט מיך פֿאַרשטיין און מוחל זײַן. מער קאָן איך נישט פֿירן קיין דאָפּלט לעבן. עס איז בעסער פֿאַר אונדז און איבערהויפּט פֿאַרן קינד, ווען עס וועט געניסן פֿון דער וואַרעמקייט און שוץ פֿון דעם ריכטיקן טאַטן... ר ח ל.״

דער שווייס וואָס האָט באַדעקט זײַן מידן קערפּער נעמט אויסטריקענען ווי ער וואָלט אויסגעדעמפּט אונטער דעם האַסטיקן קלאַפּן פֿון זײַן האַרץ. ער דריקט אין האַנט דאָס שטיקל פּאַפּיר, די שולטערן לאָזן זיך אַראָפּ און די פּלייצע הויקערט זיך אײַן ווי אַ גרויסער פֿראַגע צייכן.

דער הונט טוליעט זיך אַרײַן אין זײַנע אָרעמס גלײַך ער פֿילט אַז זײַן נאָענטקייט איז איצט זייער נייטיק פֿאַר זײַן באַלעבאָס און יאָסל זיצט אַזוי אַ פֿאַרשטאַרטער מיט אַ פֿאַרלווירענעם בליק.

אין צימער איז טונקל און די נעאָנען פֿון דער גאַס וואַרפֿן ווייסע ליכטיקע פֿלעקן אויף דער פּאָדלאָגע.

משה ביק

די יידישע מוזיק, איר רענעסאנס און אויפשטייג

א.

די שעפערישע פערזענלעכקייט אויף וועלכן ס'איז קינסטלערישן געביט ביי יעדן פאלק, דארף נישט דוקא זיין שאפן באזירן אויף קאנקרעטע פאלקלאריסטישע עלעמענטן. די נאציאנאל־שעפערישע פערזענלעכקייט טראגט אין זיך אלע טוגנטן פון קונסטגעביט ביי זיין פאלק, און זיין שאפן, וואס איז „אויב נישט נאך העכער" פון פאלקלארישע פארמולירונגען, אנטפלעקט בולט די דערקען־צייכנס פון זיין קינסטלערישער נאציאנאלער פערזענלעכקייט. ווייל יעטוועדער געביט פון קינסטלערישן נאציאנאלן שאפן, איז א סיכום, א סומירונג פון אנגעזאמלטע אייגנארטיקע באזונדערקייטן, וועמענס אינדיווידועל־נאציאנאלער פנים און אינזיכיקער מהות איז א פועל־יוצא פון פראצעסן, וועלכע האבן זייערע ווארצלען אין ווייטע צוריקפירנדע קדמוניותן — אזוי גערופענע געאלאגישע פארגאנגענהייטן — אין אורשפרינגלעכן מעשה־בראשית'דיקן אנהויב פון דער געגעבענער נאציאנאלער גרופע.

דאס איז אויך אנווענדנד צום נאציאנאלן מוזיקאלן שאפן ביי יעדן פאלק. אפילו ווען אזא קערנדיקער יידישער קאמפאזיטאר מיט א וועלט־נאמען, ווי ערנסט בלאך (1870—1959) דערקלערט, אז ער איז פריי פון זיך לאזן באווירקן פון מאטיוון און נוסחאות, גענומענע גרייטע פון פאלקס־טיש, נאר האט געשעפט פון אייגענע אורשפרינגלעכע קוואלן פון זיין שעפערישער פאטענץ, וועלכע איז אייגנטלעך זיין אינסטינקט, דער אין אים פאראנענער עכאָ פון זיין ווייטער, דורותדיקער אפשטאמונג. געפינען מיר אין זיינע בולטסטע און וויכטיקסטע שאפונגען, ווי „עבודת הקודש", „שלמה", „ישראל", „בעל־שם" א.א., שטריכן פון אנגענומענע נוסחי־התפילות, חסידישער תורה־זאגעריי, און שטייגער־קלאנגען פון אונדזער פאלקסטימלעכן לעבן. דאס מוזן נישט דוקא זיין, ווי שוין געזאגט, פארטיק גענומענע מוזיקאלע מאטיוון, מעלאדישע טעמען. אפגעזען פון אוניווערסאל־אויסערלכע פארמען, איז זיין מוזיקאלע שפראך, אין ת ו ך, שטענדיק יידיש, לאזט זיך אונטערשיידן און נאציאנאל דערקענען.

מיר קומען דעריבער צום אויספיר, אז די פאלקס־מוזיק איז אייגנטלעך דער אידעען־שפייכלער וועלכער שפייזט און אנטוויקלט די מוזיקאלע קונסט ביי א פאלק. ווען אפילו זי שאפט שוין קלאסישע ביישפילן, הערט די פאלקס־מוזיק נישט אויף צו זיין דער גורם, וואס באפעלט דעם שעפערישן נאציאנאלן געניוס ווייטער צו ציען דעם המשך פון אורשפרינגלעך־אייגנארטיקן מהות פון נאציאנאלן טיפ. די פאלקס־מוזיק לגבי די שעפער פון דער מוזיקאלער קונסט, איז ווי דער באדן אין וועלכן עס ווארצלען דאס נידעריקסטע גרעזעלע און דער העכסטער בוים.

ב.

די פראגע וועגן דער פאראנענקייט פון דער יידישער מוזיק, איז מערסטנטייל געשטעלט געווארן פון יידן אליין, אפגערעדט שוין פון יענע נישט־יידן וועלכע האבן בכיוון נישט געוואלט מודה זיין אין אונדזער עקזיסטענץ ווי א פאלק מיט א פילפנימדיקן יש פון אונדזער אויסלעבן זיך ווי א פאלק. איז דאך דער רוסישער קאמפאזיטאר ניקאלאי רימסקי־קארסאקאוו (1844—1908) געווען דער יעניקער, וועלכער האט דעם פנים פון זיינע יידישע שילער געווענדעט צו דער יידישער פאלקס־מוזיק, און האט זיי קלאר געמאכט די אחריותדיקע כדאיאיקייט זיך צוווידמען דעם אייגענעם נאציאנאלן שאפן.

פון זיין „חדר" זיינען דאס ארויסגעוואקסן די מעשה־בראשית־אבות פון יידישן מוזיקאלן רענעסאנס: שלמה ראזאווסקי (1878—1962), אלעזר (לאזאר) סאמינסקי (1882—1959), מיכאל גנעסין (1883—1957) און זייערע מיטגייער: משה־מיכאל מילנער, אלכסנדר קריין (1883—1957) יוסף אחרון (1886—1943) א.א.. האבן דאך די אנגעהעריקע צו דער נאציאנאלער שיטה אין דער רוסישער מוזיק, דער שוין דערמאנטער רימסקי־קארסאקאוו, מאדעסט מוסארגסקי (1839—1881), און דער פירער פון דער דאזיקער שטרעמונג, מילי באלאקירעוו (1837—1910), געשאפן א ריי ווערק וועמענס יסוד און תוכן זיינען יידיש („יידיש ליד", „יהושע בן־נון" א.א.). געהערנדיק צו אן אנדער נאציאנאלער סביבה, האבן זיי בולטער דערשפירט די אייגנארטיקייט פון יידישן מאטיוו, זיין אינערלעכן ריטם, און דערטאפט דעם דופק פון זיין נאציאנאלן מהות.

און זאל דא פארצייכנט ווערן, אז דאס איז כראנאלאגיש געווען דער סטימול פאר דעם רענעסאנס פון אונדזער פאלקס־מוזיק אויפן וועג צו ווערן די מוזיקאלע קולטור פון יידישן פאלק.

ג.

אונדזער מעלאס איז פון שטענדיק אן געווען א קוואל פון קינסטלערישע

מעלאס (גריכיש) — מעלאדישער יסוד.

אַנרעגונגען ביי קאמפאזיטארן פון אנדערע פעלקער. ס׳איז גענוג צו דערמאנען די שאפונג פון מאקס ברוך (1838—1920) „כל נדרי״; די כל־נדרי טעמע לאזט זיך אויך הערן אין ציסמאַל קוואַרטעט, אָפּוס 131 פון בעטהאָוון. מיט יידישע מוזיקאל־פאלקלאריסטישע עלעמענטן האבן זיך באנוצט: דער שוין דערמאנטער מוסאָרגסקי אין זיין „בילדער אויסשטעלונג״; סערגעי פּראָקאָפּיעף (1891—1953) אין זיין „אוווערטור אויף יידישע טעמען״; „קדיש״, „פרעגט די וועלט אַן אלטע קשיא״ פון מאריס ראוועל (1875—1937); נישט פון קליינעם אינטערעס איז דער פאקט וואס יאָהאַנעס בראהמס (1833—1897), אין זיינע „וואַריאַציעס אויף א טעמע פון הענדל״, לאזט הערן דעם זעלביקן יידישן פאלקס־מאטיוו מיט וועלכן יואל ענגל האט זיך באנוצט אין זיין מוזיק צום בעטלער־טאנץ אין אנס־קיס „דבוק״, אויפגעפירט פון דער „הבימה״ (רעזשי פון וואכטאנגאוו).

יידישע פאלקס־מאטיוון און נוסחאות, ווי אויך די מעלאָדיען פון פאלקס־לידער, נישט אין זייער טעמאטישער עפּיזאדישקייט, ניירערט „אט אזוי ווי זיי גייען און שטייען״, הערט מען אין דער אָפּערע „דבוק״ (אנסקי) פון דעם איטאליענישן קאמפאזיטאר לודאָוויקא ראָקאָ, וועלכע איז אויפגעפירט געווארן ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין מילאַנער אָפּערע־הויז (מערץ 1934), אויך אין ווארשע און אין ניו־יארק. און עס זיינען אודאי ריכטיק די באהויפטונגען וועגן דער פאראנענקייט פון יידישע מוזיקאלע עלעמענטן אין דעם שאפן פון קאמפאזיטארן יידן: ווי דזשאַקאָמאָ מייערבער(1791—1864); היינריך אויגוסט מאַרשנער (1795—1861); פעליקס מענדלסאָן (1809—1847); אנטאָן רובינ־שטיין (1829—1894); זשאק אפנבאך (1814—1880); פראנסוא־פרומענ־טאל הלוי (1799—1862) און אנדערע קאמפאזיטארן יידן וואס האבן, ווי די אויסגערעכנטע, אין זייער שאפן געהערט צו די מוזיקאלע קולטורן פון די פעלקער צווישן וועלכע זיי האבן געלעבט און געווירקט. אויף חסידישע עלע־מענטן אין די שאפונגען פון גוסטאוו מאהלער (1860—1911), ווייזט אָן מאקס בראָד.

ד.

יואל ענגעל (געב. אין בערדיאַנסק, רוסלאנד, 1868, געשט. אין תל־אביב 1927) איז געווען דער יעניקער וועלכער האט גערופן און גרופירט די יידישע מו־זיקאלע אינטעליגענץ ארום דעם געדאנק—צו ווידמען זייערע שעפערישע באמי־אונגען דעם יידישן מוזיקאלן רענעסאנס. ס׳איז פאר אלעמען געווען אָן אי־בערראשנדע אנטפּלעקונג זיין פארלעזונג וועגן דער יידישער פאלקס־מוזיק, (1900), אין זאל פון דער קעניגלעכער עטנאגראפישער געזעלשאפט, אין מאָסקווע. ווי ער אליין דערציילט, איז אים אמשווערסטן געווען צו איבערצייגן די יידן און דער אייגנארטיקייט פון דער יידישער פאלקס־מוזיק.

צו דער יידישער מוזיק איז ער געקומען שוין נאך דעם ווי ער האט אין רוסישן מוזיקאלן לעבן געווירקט אלס באדייטנדיקער מוזיק־קריטיקער און מוזיק דערציער, און שוין געמאכט די ערשטע פרואוון ווי א רוסישער קאמפא־זיטאר. עס זיינען נאך נישט גענוג אויפגעקלערט געווארן די גרונט סיבות וועלכע האבן אים יידיש־מוזיקאליש באזינט, און אוועקגעשטעלט בראש דער באוועגונג פאר יידישער נאציאָנאלער מוזיקאלער קונסט; אויף דעם ד׳ערמאנטן מאסקווער אוונט, איז צום ערשטן מאל דאס יידישע פאלקסליד (אין דער באארבעטונג פון יואל ענגל), מיט דער באטייליקונג פון וואקאליסטן און אינסטרומענטאליסטן קינסטלער, געהערט געווארן פון דער קאנצערט־בינע.

זיין אונטערגענומענע עקספעדיציע צוזאמען מיט אנסקין (1912), איבער שטעט און שטעטלעך פון „תחום המושב", האבן אים נאך מער איבערצייגט אין דער נייטיקייט פון געטרייע הענט, וועלכע זאלן דעם פאראנענעם אין פאלק רייכן מוזיקאלן פאלקלאר דערהייבן ביז צו א מוזיקאלער קונסט פון יידישן פאלק. זיינע באמיאונגען האבן געשאפן א באוועגונג פאר דער יידישער מוזיק, נישט נאר אין רוסלאנד, נאר אויך אין אלע לענדער פון דער יידישער קאמפאקטקייט. אין 1924 איז ער געקומען קיין ארץ־ישראל, און אויך דא פארלייגט די יסודות פארן נאציאנאלן מוזיקאלן רענעסאנס. ער שאפט די ערשטע אריגינעלע חלוצישע לידער; לידער פאר קינדער־גארטן און שול; פאר די ערשטע טעאטער פארשטעלונגען פון נאר וואס געגרינדעטן „האהל"; ווירקט דערציעריש צווישן די ערשטע טרובאדורן פון ארץ־ישראלדיקן ליד.

ה.

היינט צו טאָג איז נישטא קיין איין לאנד פון יידישער באוואוינטקייט וואו די יידיש־נאציאנאלע מוזיק זאל נישט האבן אירע פארשטייער אויף אלע געביטן פון מוזיקאלער שאפונג, און איז נישט קיין זעלטענער גאסט אין די קאנצערט־פראָגראַמען פון לענדער מיט אַן אנטוויקלטער קאנצערט־טעטיקייט.

באזונדערס אינטענסיוו און אלזייטיק איז דאס מוזיקאלע שאפן אין ישראל, וואס האט זיך דערהייבן ביז צו א פאקטאר וואס באווירקט אונדזער גאנצן לעבנס־שטייגער און העלפט פורעמען אונדזער לעבן אויף אייגענע זעלבסט־שטענדיקע יסודות, אנהייבנדיק פון קינדער־גארטן ביז אלע בילדונגס און דערציערישע אנשטאלטן; אין דער היים און אין דער געזעלשאפט; אין גאס און אין פארוויילונגס־פלעצער; אויפן פעלד און אין דער פאבריק; פאסטעך און נאטור־מענטש, אין מיליטער, יוגנט און ספארט ארגאניזאציעס; פאלקס און פארוויילונגס טענץ; טעאטער און אָפּערע; אלע טיפּן פון אינסטרומענט־אנסאמבלען און ארקעסטערס; קאנסערוואטאריעס און מוזיק־אקאדעמיעס; פעסטיוואלן און לידער־פאַרמעסטונגען.

אונדזער גערעטעניש אויפן געביט פון מוזיקאלער קולטור האט שוין אויך אנצואווייזן אויף א היבשער צאל קאמפאזיטארן, געבוירענע אין לאנד און דערצויגענע אין אונדזערע מוזיקאלע לער־אנשטאלטן וועלכע זיינען טעטיק אויף אלע געביטן פון אַן אייגענעם אריגינעל־נאציאנאלן מוזיקאלן שאפן.

יוסף סאַקולער ז״ל

ירושה

יוסף סאַקולער (סיקולער) ז״ל געבוירן 1907 אין לודמיר, וואָלין.

שטודירט יורי׳ אויפן ווילנער אוניווערסיטעט. טעטיק געווען אין די יידישע סטודענטישע קרייזן. לעקטאָר אויף פילאָזאָפישע און סאָציאַלע טעמען. געשריבן לידער אין יידיש און עברית.

אין צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען אין רוסלאַנד וואו ער איז קראַנק געוואָרן אויף א שווערער לונגען־קראַנקייט.

אין 1952 געקומען קיין ישראל. געלעגן צוגעשמידט צום קראַנקן־בעט ביז צו זיין טויט, אין אָקטאָבער 1954.

יוסף סאַקולער ז״ל האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך א רייכן ליטעראַרישן עזבון אין מאַנוסקריפּט.

אין זיינע לידער קומען צום אויסדרוק די שווערע ליידן פון א מענטש וואָס דער גורל האָט אים פאַרמשפּט צו זיין לאַנגע יאָרן צוגעשמידט צום קראַנקן־בעט און אָפּוואַרטן דעם אומפאַרמיידלעכן טויט.

ער פילט דעם אומעט וואָס ליגט אויסגעגאָסן אויף דער וועלט, דעם פחד וואָס „קריכט אַרויס ווי א שלאַנג פון די חורבות פון טעג ביט דערפּולטע״, קריכט אַריין אין דער נשמה, פּרעסט דעם מח און מאַכט פינצטער דאָס לעבן.

אָבער אין דער פינצטערניש פון אויסגעלאָשענער לעבנס־ליכט געפינט ער א טרייסט און האָפענונג אין דער געטלעכער ליכט וואָס דערשיינט פאַר אים און באַהערשט זיין גאַנצן וועזן. די טויערן פון האָפענונג עפענען זיך אויף, און ס׳גיסן זיך אויס תפילות וואָס פלייצן אַרויס פון זיין האַרצן, באַרואיקן און שטאַרקן דאָס געמיט, גיבן אים כוחות צו טראָגן דעם שווערן גורל זיינעם:

„ערגעץ וואו אויף דער ערד
וואַרט אויף מיר אַזא געטלעכע פרייד
וואָס וועט אויפבליען אין מיין האַרץ
מיט פילפאַרביקער פּראַכט, ווי אין פרילינג דער וואַלד.״

זיינע לידער — וועלכע זיינען קיינמאָל דורך אים נישט באַאַרבעט געוואָרן צום דרוק — טראָגן ערטערווייז סימנים פון רויקייט און פּשטות. אָבער זיי זיינען עכט מיט זייער געפיל, געדאַנק און בילדערישקייט. אין דעם ליגט אויך זייער שיינקייט און קראַפט.

מיר ברענגען די לידער כמעט אַזוי ווי זיי זיינען געשריבן געוואָרן פון אים אַליין. דער לייענער וועט אָן ספק אַרויספילן די פּאָעטישע עכטקייט זייערע און די דערהויבנקייט פון א געלייטערטער מענטשלעכער נשמה.

מ. ק.

ח י פ ה

אין דער פינצטערניש פון נאכט

אין דער פינצטערניש פון נאכט,
ווען יעדעס ליכט איז אויסגעגאנגען,
ווען יעדע האפנונג ליגט פארחלשט,
און דער ווייטיק קריכט ארויס
ווי א שלאנג
פון די חורבות פון טעג ניט־דערפולטע,
און בייסט דאס הארץ,
און פרעסט דעם מוח —
הער איך,
אין מיין פיין,
דיין געזאנג דורך דער שטילקייט —
אָ, גאָט!

און ווען איך הער דיין געזאנג,
פארשווינדט ווי א ווינט
דער טרויער,
דער ווייטיק —
די שאנד.

דו עפנסט אויף, ווי אמאל,
דעם טויער פון האפנונג
פאר מיר,
און איך דערהער דיין קול.
דו זאגסט:

„שווים ארויס פון די וואסערן
פון אומעט, מיין זון;
פון דיינע שווארצע וואסערן
וואס פירן צו טויט,
שווים ארויס.

„שטעל א פוס אויפן ברעג
און א נייע וועלט
וועט אויפוואקסן פאר דיינע אויגן.

„ווייט פונעם ברעג וועסטו דערזען א וואלד.
געדיכט איז דער וואלד, און זוניק און דופטיק
און רואיק דרימלען זיינע ביימער
און ווארטן אויף דיר.

„גיי, מיין זון, אין וואלד, גיי.
אויפן וועג וועסטו אנטרעפן
א שורה פון ווייסע בערעזעס,
זיי וועלן זיך א וויג טאן אין ווינט
און וועלן דיך פרעגן:
— וואוהין גייסטו, מיין קינד?
זאלסטו זיי זאגן:
„ — כ׳האב א חלום געחלומט,
נאך איך וויג — א חלום געחלומט:

„ערגעץ וואו אויף דער ערד
ווארט אויף מיר אזא פרייד,
אזא געטלעכע פרייד,
וואס וועט אויפבליען אין מיין הארץ
מיט פילפארביקער פראכט —
ווי אין פרילינג דער וואלד.
און אלע פייגל
וואס איך טראג אין מיין הארץ —
אלע פייגל
וועלן זיך צעזינגען מיט א געטלעך געזאנג.

„און שטיין וועט די וועלט און הארכן;
הארכן שטיל און הארכן לאנג,
ביז די ערד וועט א כליפּע טאן
פון צעווייטיקטער פרייד;
און טייכן, און פעלדער, און וועלדער
וועלן זיך צעוויגן אין ווייַנענדיקן ווינט,
ווי ס׳צעוויגן זיך די אקסלען
פון א ווייַנענדיקער פרוי
נאך איר קינד.

„און ווען דער ווייטיק
אנגעזאמלט אין מיר פון דורות

און דורות,
וועט פלוצלונג פלאצן
ווי עס פלאצט א צעצונדענע מכה,
וועט די ערד א קרעכץ טאן
מיט א פריידיקן — אוי!

„דאס וועט זיין דער קרעכץ
פון דערלייכטערונג,
דער קרעכץ פון באפרייאונג"...
— — — — — — — — — —
האבן בערעזעס געהערט, געהערט
האבן בערעזעס זיך ערנסט פארקלערט
געקלערט, געקלערט,
און האבן געזאגט:
— גיי, מיין קינד, גיי, דיין וועג.
דיין חלום איז אמת.
דיין חלום איז אמת.

תפילות

גאט,
גלי דורך מיין הארץ מיט פייערדיקער ליבע
צו דיר.
ברען און פארברען דאס אלטע,
דאס קראנקע
און דאס שוואכע אין מיר.
לייטער מיך.
באד מיך אויס אין דיין לויטערער ליכט
און גורט מיך אן מיט גלויבן
אין דיר.
און ווי דיין וועלט
זאל מיין הארץ זיין —
אינעווייניק פלאם,
אויסנווייניק — רו.
— — — — — — — — — — —

✶

גאט,
ריר מיך אן מיט פייער פינגער;

גלי מיך דורך ביז מארך פון ביין;
ווארצל אויס פון הארץ דאס בייז מיר —
מאך מיך ריינער,
מאך מיך ריין.

מנחה

ובערוב היום —
ווען ס׳נייגט דער טאג זיך צום פארגיין
און ס׳פילט דער אטעם זיך פון נאכט;
ווען ס׳הענגט אין חלל צער און אומעט
אוןביימער שטייען שטיל, פארטראכט,
דאן שטעל איך זיךביים שויב פון פענצטער —
ביים עמוד פון דער וועלט —
און הייב אָן:

וידבר ה׳ אל משה לאמור...
ועשית כיור נחושת
וכנו נחושת — לרחצה...

— — — — — — — — — — — —

גאטעניו,
וואו איז דער ריינער קוואל,
וואו מ׳קאן יעדן פארנאכט
אפוואשן די נשמה,
ווי מ׳וואשט אפ דעם שטויב פון די פיס
פארן שלאף?
וואו איז דער דאזיקער קוואל?

צו מיין ליד

דו וויינסט, מיין ליד,
און ווילסט נישט גיין אין קאלטער וועלט.
דו זאגסט!
כ׳בין געבוירן אין בלוט פון דיין הארץ;
א זוניק פארביקער חלום האט מיך געהאדעוועט;
דו ביסט מיין לאנד,
און איך — דיין שפראך.

ח י פ ה

מיין ליד

אין מיין בלוט,
ווי א טייך א שטורעמדיקער,
פליסט אַן אומשטערבלעך ליד
מיט שיינקייט
און מיט קראפט —
ווי די קראפט פון דעם אדלער
צעוויגט אין די כמארעס;
ווי די קראפט פונעם דעמב
א צעוויגטער אין שטורעם.

*

און ס׳איז געווארן טאג.
און ס׳איז געווארן נאכט.

רואיק איז די נאכט,
שיין איז די נאכט:

בלא ראנגלט זיך שטיל
אויפן ראנד פונעם הימל
מיט שווארץ.

טיף איז דער הימל,
שטיל איז די נאכט —
טיף און שטיל איז דאס הארץ.

פארביי איז דער שטורעם,
פארביי... פאַרביי...

ס׳גלעט שטילער ווינט
דעם סאמעט פון נאכט.

מיין הארץ וויל א גלעט טאן די וועלט
און ווערן געגלעט צוריק
ווי אַ קינד.

געזאַנג פון די שטערן

אין די נעכט אין די שווערע,
ווען ס'דוכט זיך,
יעדעס ליכט איז אויסגעלאָשן,
הער איך
דאָס שטילע געזאַנג פון די שטערן;
הער איך
דאָס שטילע געזאַנג פון דער ערד.

מיטן בלויען שימער פון געזאַנג
גייט אויף אין מיר די האָפנונג.

גאַטעניו,
איך וויל הערן דאָס געזאַנג
לאַנג... לאַנג...

*

איך בענק נאָך דעם ווינט,
נאָך דעם ווינט
וואָס טראָגט אָן די בשורה פון פרילינג,
וואָס צעררייסט דעם אומעט
וואָס האָט פאַרקאָוועט מיין לעבן,
ווי דאָס אייז
וואָס פאַרקאָוועט דעם טייך.
איך בענק נאָך דעם ווינט.

*

איך זע דיך קלאָר.
קלאָרע דיינע אויגן.
איך פיל דיין אָטעם,
און ווער שיכור פון דיר
און שיכור פון פרייד.

איך ריר אָן מיט מיין האַנט דיין פנים,
איך ריר אָן די צערפּולע פרייד

אויף דיין פנים
און ס'טוט א ציטער מיין האנט
פון פרייד און פון ווייטיק.

דו לייכסט אויף אין מיר
מיט שטילער ליכטיקער פרייד.
אלע קייטן פאלן אראפ פון מיר,
אלצדינג גייט אויף אין מיר.
און אלצדינג צעבליט זיך.

באַרירונג

שטיל באַריר איך דיינע ליפן —
שטיל.
די גאנצע וועלט איז שטיין געבליבן —
שטיל.
נאר אין מיין הארץ
האט א פויגל זיך צעזונגען.

*

ווער דארף א תפילה פאר יונגען ווי דעמבעס.
וואס טראגן אין הארצן א וויכער א שטומען
וואס וועט אויף פגירה פון וועלט זיך צעברומען
ווי הונגעריקע וועלף אין שטאָק־פינצטערער
נאכט.
ווער דארף א תפילה פאַר יונגען ווי דעמבעס?

*

איך וויל געראנגל מיטן גורל —
איך,
און דו!
אין די מיליאָנען
טראגן וועלן לעבנס־פאָנען
אין דער שלאכט.
און זיין וועט עס א שווערע שווארצע נאכט:
פון הינטער פלויטן

לויערן מיט טויזנט אויגן וועט צעפּוילטער טויט,
און אין די אָדערן
וועט דאָס לעבן ריטשען ווי אַ פערד.
כ'האָב ליב די ברייטע פרייע ערד!
כ'האָב ליב דעם גראָבן שוואַרצן ברויט!
און פייפן פייף איך אויף צעפוילטן טויט!

*

אין צעזונגענע פאַרנאַכטן,
אויפן הימל רויט־פאַרטראַכטן —
שטאַרבן, שטאַרבן
טויזנט פאַרבן.

יעדע פאַרב פאַרהוילט אַ סוד
וועגן וועלט,
וועגן מענטש,
וועגן גאָט.
יעדע פאַרב פאַרהוילט אַ סוד.

זאָגן טויזנט פאַרבן ווידוי
און אין בענקעניש
פאַרגייען.
זאָגן ווידוי
און פאַרגייען.

דער וועג צו דער זון

פרילינג.
די זון האָט געשיינט אַזוי נאָענט,
האָב איך געמיינט,
מ'קאָן דורכגיין דעם וועג צו דער זון
מיט אַ ליד.

כ'האָב זיך אין וועג אַריין געלאָזט...
— — — — — — — — — — — — —
ס'האָט דער ווינט שוין לאַנג פאַרטראָגן
די שענסטע בלעטער פון מיין חלומות־גאָרטן;

אוּן דער בליץ האט אפגעהאקט די קרוינען
פון דיביימער אין מיין גארטן.

איצטער ווייס איך —
מ׳קאן צו דער זון נישט קומען גאנץ...

אבער,
אָן זון, ווארט טויט.
אָן זון, ווארט אונטערגאנג.
און איך,
איך וויל נישט שטארבן ווי א וואָרעם
וואס האט קיינמאל נישט געזען
דעם שפּיץ פון בוים.

נאטאן מארק (אבי אביר־ציון)

לויטן אלטן קוואל

נישט צווינג דיין פען אויסצודריקן א געדאנק! געצוואונגען — איז פארגוואלדיקט, וועט זי דיר געבוירן א טויט געדאנק.

★

עס טרעפט — דער אויפטו איז גרעסער פון דעם טוער.

★

די סטאטוע פאר דעם נאציאנאלן העלד האט א קיום — א דאנק דורות־אלטן פונדאמענט; ווען דער פונדאמענט ווערט צעשטערט, בלייבט פון איר נאר זאמד און געוועזענער צעמענט.

★

געוויסן איז ווי א שטרענגער ריכטער — פאר אים גילט נישט דער פארעלטערונגס־געזעץ; ער משפט דיך ביזן סוף פון דיין לעבן פאר חטאים פון דיינע קינדער־יארן.

★

מיין נישט, אז דורך חנפענען גדולים וועסטו הייבן דיין מערכה.

★

א כזית־גרויס פון ליבע, וועגט איבער מעגאַטאָנען פון האס.

★

לויט דיין קעשענע מאך דיין שבת! דער שבת וואס שלעפט דיך אריין אין חובות — איז נישט דיין שבת.

★

ווען דו טוסט א מצוה, טראכט נישט וועגן שכר; טראכט וועגן מאידאנעק, טרעבלינקע, באַבי־יאַר...

★

דארט וואו עס זיינען נישטא קיין מענטשן, זיי דו דער מענטש; דארט וואו עס זיינען נויטיק מעשים זיי דו דער עושה.

★

דערצייל ווי גרויס און קלוג דיין פארשעמער איז, און ער וועט בלייבן דער פארשעמטער.

★

יאגן זיך נאך כבוד איז נאריש און נישט שיין; אבער, אז מען גיט דיר, זאג נישט — „ניין".

ל. פאפיערניקאוו

זיין גרויסער סוד

דער אלטער מלמד אפרים בן אליהו, האט געוואוסט וואס ער טוט, ווען ער האט אין תימן אוועקגעגעבן זיין טאכטער צום לאנגן זכריה, א ייד וואס קאָן זיך אַן עצה געבן אין לעבן. אזעלכער איז ער געווען אין זיין געבוירן־ארט אין תימן, און אזעלכער איז ער אויך געבליבן קומענדיק קיין ישראל. אין דער מעברה וואו ער האט געוואוינט האט אים יעדער געקענט צוליב צוויי סיבות:

די ערשטע, ער איז געווען דער העכסטער פון אלע מעברה איינוואוינער און געהאט האט ער דאס קלענסטע ווייב, דין ווי א קינד. אז דער לאנגער זכריה פלעגט זיך אין א שבת פארנאכט ארויסלאזן מיטן ווייבל און די אכט קינדער אויף א שפאציר דורך די געסלעך פון דער שכנות׳דיקער קריה, איז שווער געווען אויפן ערשטן בליק צו גלויבן, אז צווישן די ניין באגלייטער זיינע געפינט זיך אויך זיין ווייבל.

די צווייטע סיבה, פארוואס אלע האבן אים געקענט, איז געווען די, וואס זכריה איז געווען דער איינציקער פון דער גאנצער מעברה, וועגן וועמען מען האט נישט געוואוסט, ווי אזוי און פון וואס ער מאכט א לעבן.

צען מיילער צום טעפל — און זיין שרה גייט בלויז אויף עטלעכע שעה יעדן טאג אויף „ספאָנזשע״ (וואַשן דילן) און אין דער „לשכת־עבודה״ זעט מען אים קיינמאל נישט, — אזוי האט מען געשמועסט אין דער מעברה, — און ווייל מען האט נישט געוואוסט וועגן זיין פרנסה, איז ער געלעגן אויף אלעמענס ליפן. אבער זכריה האט חס וחלילה נישט געגנבעט און נישט גערויבט, ערלעך און שווער האט ער זיך אויסגעשלאגן די חיונה פאר זיך און פאר זיין גרויסער משפחה, קיין עין הרע.

גאנץ פרי, נאך פארן אויפשפראָץ פונעם טאג, שפאנט שוין דער לאנגער זכריה אין דער נאכטיקער פינצטערניש איבער די נאך שלאפנדיקע געסלעך פון דער קריה, מיט א גרויסן זאק פארווארפן איבער די אקסלען און בודק׳ט די מיסט־פעסער. די אויגן זיינע, וועלכע האבן זיך שוין צוגעוואוינט צו דער נאכט־פינצטערניש, באמערקן יעדע קלייניקייט און געפינען גלייך זאכן, וואס האבן נאך וועלכן ס׳איז ווערט.

מיט שטילע קעציִשע טריט פון זיינע לאַנגע פיס, וועלכע שטעקן אין אַ פּאָר גומענע ספּאָרט־פּאַנטאָפל, שפּרינגט ער פלינק פון פּאַס צו פּאַס, און כמעט אין יעדן פון זיי געפינט ער עפּעס, וואָס ווערט גלייך, אויך אַזוי פלינק, אַריינ־געדרוקט אינעם גרויסן זאַק.

אין זיינע ערשטע נאַכט־וואַנדערונגען — נאָכדעם ווי ס'איז אים איינגעפאַלן דער גליקלעכער געדאַנק — איז ער געווען דאָס שרעק־בילד פאַר די קעץ און היימלאָזע הינט, וואָס נישטערן אין די נעכט אין די מיסט־פּעסער. נישט איינמאָל פלעגט ער, אַריינשטעקנדיק זיין האַנט אין פּאַס צו זוכן „אַנטיקן", צעשטערן אַ קעציִשע סעודה און זיי פלעגן מיט פינקלדיקע אויגן, ווילד פאַר פּחד, אַרויס־שפּרינגען פון פּאַס און אַנטרונען ווערן אין חושך.

אויף די היימלאָזע הינט שרעקט זיין משונה׳דיקער אויסזען. זיי טרעטן אים גלייך אָפּ פון וועג, די מאָרדעס אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, און ערשט נאָך זיין דורכגיין, ווען ער איז שוין דערווייטערט פון זיי אויף אַ צענדליק מעטער, צעבילן זיי זיך פאַררייסנדיק אַרויף די קעפּ צום טונקל־בלויען, פאַרטאָגיקן הימל. דער לאַנגער זכריה פּילט זייער פּחד פאַר אים און דאָס מאַכט אים דרייסטער, ער שפּרייזט ווייטער מיט זיינע לאַנגע פיס, אומדערשראָקן.

ביסלעכווייז האָבן סיי די קעץ און סיי די הינט זיך אויפגעהערט צו שרעקן פאַר אים, געוואָרן דרייסטער. נישט נאָר וואָס זיי זיינען מער נישט אַנטלאָפן, ווען ער פלעגט זיך אין דער פאַרטאָגיקער־פינצטערקייט פּלוצים באַווייזן מיטן זאַק אויף דעם אַקסל פאַרוואָרפן, נאָר זיי פלעגן אים נאָכלויפן. ספּעציעל די הינט זיינען שנעל מיט אים באַפריינדעט געוואָרן. זיי לויפן פאָרויס און שטעלן זיך אָפּ ביי יעדן מיסט־פּאַס און וואַרטן אויף זייער צווייפיסיקן קאָנקורענט. זיי ווייסן שוין וואָס אים אינטערעסירט...

ווען אַלע זיינע שכנים אין דער מעברה שלאָפן נאָך, שלעפּט זיך שוין דער לאַנגער זכריה מיט אַ פולן אָנגעשטאָפּטן זאַק, שטיל ווי אַ גנב, קיינער זאָל נישט הערן, אין דער ריכטונג צו זיין לייוונטביידל. זיך אַריינגעכאַפּט אין בדון, וואַרפט ער פון זיך אַראָפּ דעם שווערן זאַק, זעצט זיך אַוועק ביים טישל און נעמט אין דער פינצטער אָנשטאָפּן זיין שווערן ציביק מיט טאַבאַק. אָנגעצונדן אים, נעמט ער מיט תענוג ציִען און סמאַטשקען גלעטנדיק בעת מעשה זיין פעך־שוואַרץ, געקרייזלט, ציגן־בערדל.

יעדעס מאָל, ווען דער „זשאַר" אין זיין ציביק צעגליט זיך שטאַרקער פונעם טיפן ציִ און באַלויכט אויף אַ ווייַלע די אין צווייַ גרופּן אויף דער ערד שלאָפנדיקע אַכט קינדערלעך, באַווייזט זיך אַ צופרידענער שמייכל אויף זיין לענגלעך טונקל־אַליוון פּנים.

אזוי זיצט ער און ציט דעם ציביק ביז דער פרימארגן־גרוי הייבט אָן שטופנווייז ארייננצודרינגען דורכן פענצטער אין בדון. ערשט דעמאלט טוט ער זיך שטיל אויס און קריכט אריין אין בעט, כדי נאך אריינצוכאפן א שלאף אויף א צוויי־דריי שעה.

ווען די זון שטייט שוין גאנץ הויך, טוט זיך דער לאנגער זכריה אָן צום צווייטן מאל, דאַוונט פאמעלעך, איבערגעגעבן, און ציט אריין בעת מעשה, מיט פארגעניגן אין די נאז־לעכער, דעם גוטן שמעקעדיקן ריח פון דער קאווע, וואס זיין שרה גרייט שוין פאר אים אויף דער „פתיליה״.

אפגעגעסן, אפגעבענטשט, פארשליסט ער די טיר און ליידיקט אויס דעם שווערן זאק אין דער מיט פון בדון. אונטערברומענדיק מיט א גמרא־נגון, נעמט ער זיך לאנגזאם סארטירן די פארשידענע ארטיקלען. —לויט דעם מין—אין פאר־שידענע באזונדערע הויפנס: אלטע שיך, פלעשער, קרעפענע אלטע זוילן, שטי־קלעך מעש, קופער, צינק, עלעקטרישע דראטן, אלטע פתיליות, פרימוסן, קליי־דונג, אלטע קליידלעך, און הייזן, אלץ סארטירט ער „פאכמעניש״.

די אכט קינדער, וואס רינגלען אים ארום העלפן אים אין זיין ארבעט. זיי וויסן שוין צו וועלכן הויפן יעדע זאך דארף געווארפן ווערן. זיי וויסן אויך, אז שטענדיק נאכן סארטירן בלייבט אויך עפעס פאר דער שטוב: אן אלטן עמער, א פרימוס אדער א בענקל אויף דריי פיס, דאס קאָן דער טאטע אליין פארריכטן, ער איז א מייסטער דערויף, און קוים געפינט ער נאך אמאל א ביסל אייל־פארב אין א פושקעלע, מאכט ער יעדע זאך ממש ניי.

די מאמע פון איר זייט געפינט שוין אויס, וואס עס לאזט זיך פאריכטן און איבערוואשן...

בעת דער לאנגער זכריה איז פארטיפט אינעם סארטירן זיין נאכט־פאנג שטייט שרה, דאס ווייבעלע, אין א זייט מיט פארלייגטע הענט, באטראכט מיט פארגעניגן דאס גוטס... וואס איר מאן האט היינט אנגעברענגט, און זי וואונדערט זיך ווי אזוי קאָנען מענטשן ארויסווארפן אזעלכע נאך גוטע, נוצלעכע זאכן.

— האסט עפעס היינט גאר גוטע זאכן אנגעברענגט — זאגט זי לסוף מיט א צופרידענעם שמייכל.

דער לאנגער זכריה ענטפערט נישט נאר צעלאכט זיך מיטן גאנצן מויל, ארויסווייזנדיק די ברייטע, ווייסע געזונטע ציין זיינע.

זכריה איז מיט דער צייט געווארן גאר איינגעאיבט און דערפארן אין זיין מסחר. ער ווייסט שוין דעם ווערט פון יעדע זאך: וויפל ס׳צאלט זיך א קילא בליי, מעש, קופער, שמאטעס, פלעשער, אלטע קרעפ און אזוי ווייטער.

איינגעסדרט די „סחורה״, פּאַקט ער איין אין פאַרשידענע זעקלעך — לויט די אַרטיקלען — די טראַפּעען פון עטלעכע נאַכט־וואַנדערונגען און וואַרט אויף אַ פּאַסיקער שעה זיך אַרויסצושלייכן מיט איינעם פון די זעקלעך אויפן וועג צו זיין סוחר, דעם „שכנזי״.

און ווידער שלייכט זיך זכריה אין די פאַרטאָגן דורך די קריה־געסלעך, ווי אַ גנב, מיטן זאַק אויף די פּלייצעס, אַדורכזוכן די מיסט־פּעסער איידער עס באַווייזן זיך אין דער פרי די מאַשינען פון דער עיריה און ליידיקן זיי אויס. די זעק מיט סחורה טאָר קיינער נישט זען, ווייל ער, זכריה, האָט מורא פאַר אַן עין־הרע און קאָנקורענץ... ער איז כמעט ווי זיכער אַז זיין איינפאַל ווי אַזוי זיך איינצואָרדענען אין לעבן, קאָן אים אַזוי לאַנג דינען, ווי לאַנג קיינער פון די אָרומיקע מעברה איינוואוינער ווייסט נישט דערפון. היינטיקע צייטן, ווען מענטשן האָבן אַזעלכע גרויסע אויגן איינער אויפן צווייטן, דאַרף מען אַזאַ פּרנסה נישט לאָזן אויף פרעמדע אויגן — מיינט ער.

ווען אימיצער פלעגט צו אים צושטיין און אָפּן פרעגן: זאָג מיר זכריה ווי איז דאָס מעגלעך? — אין דער „לשכת־עבודה״ זעט מען דיך נישט; צום טעפּל זייט איר צען מיילער; און דיין ווייבל גייט סך־הכל אויף עטלעכע שעה אין טאָג אויף ספּאָנזשע, נו?! פלעגט זכריה אויף אַזאַ פראַגע שטענדיק האָבן אַ גרייטן ענטפער:

— דער ברוך השם פאַרלאָזט נישט!

*

יעדן שבת, נאָכן נאָכמיטאָגדיקן דרימל, לאָזט זיך דער לאַנגער זכריה אַרויס מיטן ווייב און קינדער אויף אַ שפּאַציר צו די געסלעך פון דער נאָענטסטער קריה.

צורעכטמאַכנדיק די לאַנגע, שוואַרצע, געקרויזלטע פּיאות מיטן שמאָלן ציגן־בערדל, אָנגעטון אין אַ בלויען בערעט, אַ ברוין רעקל מיט ווייסע שטרייפן, אין וועלכן די אַרבל ענדיקן זיך אַ שטיק פאַר די דלאָניעס, און דערצו אַ פּאָר שמאָלע גרינע הייזן, פון וועלכע די פיס קוקן צופּיל אַרויס... גייט זכריה און האַלט זיין שרה׳ן ביי דער האַנט, ווי מען פירט אַ קינד. דאָס ווייבעלע קוקט יעד׳ע ווײַלע אַרויף צו אים מיט גרויס דרך ארץ, און ציט מיט דער צווייטער האַנט נאָך זיך. די קייט פון אַכט קינדער, וואָס איינס איז קלענער פון צווייטן, און יעדעס איז געקליידעט אין אַ פינף־זעקס פאַרשידנפאַרביקער קליידער־קאָמבינאַציע, וועלכע שטאַמט פון דער אייגע־נער אונטערנעמונג...

אַט אַזוי ציט זיך דער פאַרביקער קינדער־צוג איבער די געסלעך פון דער קריה.

פארלייגט איין האנט אויפן רוקן, פאריסן דעם קאפ אין דער הויך, גייט פאראויס זכריה מיט דראבנע טריטלעך דורך די אים באקאנטע געסלעך — פון זיינע נאך־האלבנאכטיקע וואנדערונגען — ווי א „באלעבאס" אין זיין אונטערנעמונג... אויף זיין לענגלעך טונקל אליון־פנים מיט די שארפע, ווי פון שטיין אויסגעהאקטע, געזיכט־שטריכן, ליגט אויס־געגאסן די גאנצע שבת׳דיקע רחבות׳דיקייט. זיינע קויל־שווארצע גרויסע אויגן, געווענדעט צום הימל, דריקן אויס ליב און דאנק צו דעם השם יתברך פאר זיין גוטסקייט און פאר דער שיינער וועלט וואס ער האט באשאפן.

דעם סוד ווי אזוי „מען מאכט א לעבן", האט ער נאך ביזן היינטיקן טאג פאר קיינעם נישט אויסגעגעבן...

מרדכי קראשניץ

מיניאַטורן און בילדער

צייט און מענטש...

די צייט לויפט שנעל אוועק און פאַרשווינדט ווי אַ חלום.

פלאַטערט אַרום אַ טאָג, אַ צעשפּילטער ליכטיקער טאָג, צעהוידעט זיך אויף זון־שטראַלן, צעטרילערט זיך מיט פייגל־געזאַנג און פאַרשווינדט מיט דער זון־שקיעה.

אַוועק אַזאַ טאָג איז אַוועק אַ שטיק פרייד: ס'איז אַ פאַרלאָרענער גליק וואָס דו וועסט אים צוריק נישט געפינען.

דער נעכטיקער טאָג איז דער חלום פון דיין מאָרגן און אויף דער מאָרגן וועט פאַרשווינדן ווי דער נעכטיקער טאָג.

פלאַטערט אַרום דער מענטש צווישן נעכטן און מאָרגן. לעבט מיט זכרונות פונעם נעכטן, האָפט אויף דעם מאָרגן, כדי צו דערמאַנען דעם היינט, וואָס איז שוין אויך געוואָרן אַ נעכטן.

דער כרמל אין קאַיאָר

ס'טאָגט. די נאַכט פינצטערניש הייבט אָן געלאָסן אַפּטרעטן, איינקאַרטשען זיך, קלענער ווערן. אויף איר אָרט קומט אָן אַ קרעמיקע ליכטיקייט. דער שפּיץ כרמל הייבט זיך אָן אַרויסשיילן פון דער פינצטערניש. צוערשט ווערט באַלויכטן אַ קאַרליקעוואַטער אַליוון־בוים: ער שטייט געבויגן ווי אַן אַלטער זיידע, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט פונעם נאַכטיקן שלאָף און צעקעמט מיט פינגער די ברייטע, צעקנוידערטע באָרד — אַזוי באַוועגן זיך אויפן ווינטל די צעבלעטערטע צווייגן. אַ ציפּרעס־בוים — הויך און שלאַנק, אַ מאַיעסטעטיש געשטאַלט, וואָס וואַקסט דערנעבן — פלאַטערט אויף, צעוויגט זיך. די ליכטיקייט פויזעט לאַנג־זאַם באַרג אַראָפּ.

דער באַרג לייכט אַרויס מאַיעסטעטיש פונעם חושך, וואָס ליגט ביי אים צופוסנס; האָסט דאָס געפיל, אַז אויפן באַרג רוט איצט די שכינה און הייבסט

אַן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס דער פאַרצייטיקער, פּרימיטיווער מענטש האָט פאַרהייליקט דעם באַרג.

א בוים אויף די זאמדן

אויף די פון ווינטן צעקעמטע זאמדן ביים ים וואַקסט אַן איינזאַמער בוים. קיינער האָט אים דאָ, אויפן נישט באַוואוינטן מדברדיקן שטח, נישט פאַרפלאַנצט. דער ווינט האָט פון ערגעץ־וואו פאַרטראָגן אַ זוימען אַהער. דער רעגן האָט אים אָנגעטרונקען. ווייך געמאַכט; האָט ער געשלאָגן וואָרצלען אינעם זאַמד, אַ הייב געטאָן זיך, געוואָרן אַ בוים.

זומער ברענט אים די זון, טריקנט אויס זיינע זאַפטן; דער הייסער זאַמד גליט די וואָרצלען, וויל זיי אויסטריקענען, פאַרברענען. ווינטער יאָגן אַן קאַלטע ים־ווינטן, בייזע, שאַרפע, שניידיקע ווי מעסערס; בייגן אים, ברעכן די צווייגן, יאָגן אַוועק דאָס זאַמד פון זיינע וואָרצלען — ווילן אים אַרויסרייסן פון דער ערד, אומוואַלגערן און טויטן, פאַרוואַנדלען אים אין אַ שטיק האָלץ, אַן לעבן.

נאָר ער לעבט, האַלט זיך און וואַקסט. זיין שטאַם איז אויסגעבויגן ווי די פּלייצע פון אַ זקן; די צווייגן־קרוין אויף זיין קאָפּ רירט כמעט אָן די ערד; זיין קאָרע־הויט צעפּרעסן, צעלעכערט און צעאַקערט פון די ווינטן און ער — לעבט. ער האָט פון צוויי זייטן אַרויסגעלאָזט צוויי וואָרצל־צווייגן, אַריינגע־וואַקסן זיך מיט זיי טיף אינעם זאַמד, און איינגעקלאַמערט זיך אין אים ווי מיט צוויי הענט. די שטאַרקסטע ווינטן קאָנען אים פון דער ערד נישט אַרויסרייסן! ער האַלט זיך, וואַקסט און לעבט!

איז דער בוים פאַר מיר אַ סימבאָל פון דער וויטאַליטעט און לעבנס־קראַפט פון אונדזער פאָלק: אַזויפיל שטורעמס האָבן אונדז געבייגן און גע־בראָכן, צעאַקערט און צעפּרעסן אונדזער קערפּער, און מיר לעבן, שלאָגן טיפע וואָרצלען, קלאַמערן זיך אינעם מדבר פון דער וועלט און לעבן, לעבן און וועלן לעבן!

„דגון"

געווידמעט ד"ר ראובן העכט

זייט ימי בראשית האָט דער ים געקושט דאָ מיט פייכטע זאַלציקע ליפּן די פוסטריט פונעם כרמל באַרג, געשוועוקט זיין שטיינערנעם ברעג, און אַ צעשוימטער פון צעכוואַליעטן גליק מיטגענומען מיט זיך צעשטויבטע קערנדלעך פון זיין באַרג.

זיינען געקומען מענטשן, האָבן געבראַכט מאַשינען, ערד, שטיינער, און מיט כוח פאַרטריבן דעם ים פונעם ברעג; דערוווייטערט אים פונעם באָרג; אַרויסגעריסן ביי אים נאָך אַ שטיקל יבשה, וואָס טראָגט טאַקע דעם נאָמען „דער אויסגעטריקנטער שטח״.

אויפן דאָזיקן שטח שטייט אַ בנין פון אייזן און בעטאָן, אַ ריז וואָס האָט אַריינגעשלאָגן זיינע פיס — פונדאַמענטן אין די טיפעניש פון דער ערד. זיין קערפּער — גרויס און שטאַרק; זיין קאָפּ — פאַריסן צום כרמל, הייבט זיך צום בלויען הימל און פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ געפיל פון פאַרפונדעוועטער מאַכט.

ביים אָנקום מיטן ים צו חיפה, וואַקסט אויס פאַר די אויגן דער בנין — אַ מאָדערנע פעסטונג באַצירט מיט אַ בעטאָן־קרוין, איבער וועלכער ס׳וואַכט אַ טורעם און ס׳רויכערט זיך שטענדיק אַ גרויע רויכל פון קערנער־שטויב.

— „דגון״ — דער סילאָ — באַהאַלט אין זיינע אינגעווייידן ברויט־קערנער אויף אָנצוזעטיקן די מענטשן פון ישראל. ברויט — דער ערשטער פאַרלאַנג פון אַלע מענטשן, דער אויסדרוק פונעם מענטשלעכן קאַמף פאַר קיום; ברויט — דער ערשטער באַגריף פון זאַטקייט און גליק אויף דער וועלט.

ווען איך באַטראַכט דעם בנין, וואָס שטייט שטאָלץ צווישן ים און באַרג, זע איך אים ווי אַ גרויסע פאַראַנקערטע שיף ביים ברעג פון ישראל, פון וועלכער ס׳פליסט אַריין אין לאַנד די זאַטקייט און די שפע.

אין אייגענער גאָרטן

מינען מיט ליבשאַפט

די זאַמדן ליגן צעגליטע אונטער דער זון. די דיונעס בערגלען זיך ביז צום ים אַוועק, און דאָס ווילדגעוויקס אויף זיי איז באַדעקט מיט מיליאַנען קליינע, ווייסע מושלע־ווערים, וועלכע זייגן פון זיי אַרויס יעדן זאַפטיקן טראָפּן.

דער נייער שיכון — עטלעכע צענדליק פּירקאַנטיקע הייזער, וואָס זעען אויס ווי שיף־שאַכטלעך — שטייט אַ ווייס אָפּגעקאַלכטער און זעט אויס ווי אַ פאַרלאָרענער אינעם זאַמדיקן מדבר: אָן אַ צוים, אָן אַ טראָטואַר, אָן אַ וועג און אָן אַ סימן פון גרינס אַרום.

אין געציילטע טעג האָט דער שיכון אָנגעהייבן צו פּולסירן מיט לעבן: יעדן טאָג האָבן זיך אַריינגעצויגן עטלעכע משפחות; ס׳האָבן זיך דערהערט קולעכלעך פון קינדער; מענטשן האָבן זיך געעסקט אַרום די הייזער; מען האָט געהאָלפן איינער דעם אַנדערן אַריינטראָגן די שווערע מעבל־שטיקער, אַן עצה געגעבן ווי אַזוי זיי איינצושטעלן, און צוגעוואוינטשן זיך קעגנזייטיק.

די קינדער זיינען באַלד געוואָרן חבריש: געשפּילט זיך צוזאַמען אינעם זאַמד, פריילעך אַרומגעלאָפן, זיך אָפּטמאָל צעשלאָגן און אַוועקגעלאָפן מיט אַ

געוויין צו די מאמעס. אין א ווײַלע ארום זײַנען זיי צוריק געווארן שלום און זייערע געשרייען האבן פארפולט דעם רחבותדיקן שטח מיט לעבן און פרייד.

אין איינעם א ווארימען ווינטער־טאג האט א שווערער לאסט־אויטא זיך ארײַנגעשניטן אינעם זאמד און טרעגער האבן גענומען אויסלאדן פעק מיט זאכן, מעבל שטיקער און כלים. דאס האט זיך ארײַנגעצויגן אין איר אייגענער וואוינונג די משפחה פון נייע עולים, יואל און מרים גאלדבערג.

אין א פאר טעג ארום, ווען די גאָלדבערגס האבן זיך שוין געהאט איינ־געאָרדנט אין זייער דירה, זײַנען זיי געזעסן אויף דער ווערַאנדע און באטראכט דעם זאמדיקן ארום:

— דו ווייסט, יואל, האט זיך מרים אפגערופן צו איר מאַן, מען דארף עפעס פארזייען אויפן שטיקל פלאץ וואס מיר האבן.

— און וואס א שטייגער וואלסטו דא געוואלט פארזייען? האט יואל געפרעגט מיט א סארקאסטישן שמייכל.

— איך וואלט דא פארזייט א ביסל ירקות, א בלימל און טאקע אויך פארפלאנצט א פאר ביימער — כ׳מיין אז ס׳וועט דא וואקסן! האט מרים גאנץ ערנסט געענטפערט.

יואל קוקט אָן זײַן ווײַב ווי א טאטע קוקט אָן זײַן קינד ווען ס׳רעדט וועגן זאכן וואס ס׳ווייסט נישט, און צעלאכט זיך הייך אויפן קול:

— מרים, מרים, זײַ נישט קיין קינד; אויף די געזאלצענע זאמדן ווילסטו זייען א גארטן? פלאנצן ביימער? דא, פסקנט ער אפּ, וועט גארנישט וואקסן! ס׳איז נאר א שיינער חלום! א גארטן אינעם מדבר? — כא כא, כא!

מרים האט נישט נאכגעגעבן, זי האט באשלאסן עפעס טאן וואס זאל אים, דעם עקשן, איבערצייגן אז זי איז גערעכט. און זי איז כמעט ווי זיכער אז דא וועט וואקסן. א סימן האט זי, אז אין די אלטע גאסן פון שטעטל שטייען די הײַזער באהאלטענע אינעם שאטן פון הייך־צעוואקסענע שטענדיק גרינע ביימער. אמת, די גאסן זײַנען ווייט פון ים, דער זאמד דארט איז מן־הסתם נישט אזוי געזאלצן; אויך די ים־ווינטן זײַנען דארט נישט אזעלכע שארפע, בייזע, אנרחמנותדיקע, נאר פונדעסטוועגן דארף מען פרובירן.

פון ערגעץ־וואו האט זי געבראכט א פאר שטיקלעך שטעכעדיק דראט, ארײַנגעקלאפט אינעם זאמד א פאר שטעקלעך, ווי ס׳איז צוגעבונדן צו זיי דעם דראט, פארצויגן עטלעכע שטריקלעך, און — זי האט דערפילט, אז דאס איז אירס! דאס הויז מיט דעם באדן איז אירס! ס׳האט איר ארומגענומען א ווארימער געפיל פון היימיש ווערן מיטן ארט, פון האבן א שטיקל פלאץ פאר אַן אייגענעם גארטן.

— שבת, ווען דו וועסט זיין פריי פון דער ארבעט, וועלן מיר פלאנצן דעם גארטן, האט מרים אנגעזאגט יואלן די בשורה; איך האב שוין צוגעגרייט זוימען און באשטעלט פרוכט־ביימעלעך ביים גערטנער.

יואל האט אנגעקוקט זיין ווייב; ארייגעבליקט אין אירע ווארים־גלעטנדע אויגן, דערזען דעם גוטן שמייכל אויף איר פנים און זיין עקשנות איז אויסגערונען.

— מילא, האט ער אפגעענטפערט, מען דארף טאקע פרובירן. ווייסט דאך, אז מיין גאנץ לעבן האב איך געשטרעבט צו האבן אַן אייגן הייזל ארומגענומען מיט א גארטן, מיטביימער און בלומען, וואס מיינע אייגענע פינגער וועלן אויפ־האדעווען.

★

שבת פארטאג, מיטן זון־אויפגאנג, זיינען ביידע אויפגעשטאנען און זיך גענומען צו דער ארבעט: צעגראבן מיט רידלען דאס זאמד, צעשפרייט איבער אים מיסט, אָפגעטיילט בייטן, ארומגעלייגט זיי מיט שטיקלעך ציגל און צע־בראכענע קאכל, אויסגעטראטן צווישן די בייטן סטעזשקעס און פארפלאנצט די זוימען פון פארשיידענע גרינסן און בלומען.

יהושע דער גערטנער איז געקומען און געבראכט די ביימעלעך. ער האט אויסגעגראבן גריבעלעך, ארייגעשאטן א ביסל מיסט, פארזיכטיק ארויס־געוויקלט די פלאנצן פון די נאסע שמאטעס, ארייגעזעצט זיי אין די גריבעלעך און פארשאטן מיט זאמד.

— זאל זיין מיט הצלחה! האט ער צוגעוואונטשן אוועקגייענדיק.

— מיט הצלחה און מיט גליק, האבן ביידע צעשטראלטע אפגעענטפערט.

מרים איז געבליבן שטיין און באטראכט דעם פארזייטן גארטן און האט דערפילט ווי זי ווערט באהערשט פון א מאדנעם געפיל פון פרייד און פון היימישער רו. „ס׳איז דער סוף פון אונדזער וואנדער לעבן”, האט א מחשבה ארייגעשעפטשעט איר אין אויער. אירע אויגן זיינען פייכט געווארן. זי האט מיט ביידע הענט ארומגעכאפט יואלן, אראפגעבייגן זיין קאפ צו אירע ליפן און געגומען אים קושן.

— משוגענע! האט זיך יואל כלומרשט צעבייזערט, שעמט זיך גארנישט פאר די שכנים! און ביידע זיינען מידע און צופרידענע ארויף אין שטוב עסן פרישטיק.

מרים מיט פייגעלען, זייער 10־יאריק מיידעלע, האבן אייפעריק אפגעהיט דעם גארטן: באוואסערט אים צו דער צייט, ארויסגעריסן דאס ווילדגראז, און פארשפרייט מיסט. עטלעכע וואכן זיינען אריבער און די זוימען האבן געשלאגן

וואַרצלען, אַריינגעוואַקסן זיך אינעם זאַמד, האָבן אָנגעהייבן אַרויסרייסן זיך פון דער ערד און הייבן זיך העכער צום בלויען הימל, צו דער זון. אויך די ביימעלעך האָבן זיך אָנגענומען: אַרויסגעלאָזט צווייגעלעך און באַדעקט זיך מיט קנאָספּן און בלעטער. די געלע זאַמד־פאַרב האָט גענומען אָפּטרעטן און פריי מאַכן דעם פּלאַץ פאַר דער העל־גרינער פאַרב פון יונגע געוויקסן.

*

דער גאָרטן גרינט און בליט אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר: ס׳וואַקסן אין אים קאַלירטע זיניעס (ציניות) — בלומען מיט גרויסע שווערע קעפּ, אָנגעהויפטע פון קליינע בלעטעלעך ווי אויסגעאַרבעט פון וואַטע; גלאַדיאָלעס הייבן זיך אַריס־טאָקראַטיש שטאָלץ אין דער הייך, באַוואַכטע פון באַשפּיזטע שומרים; רויזן, שטעכיקע, נישט קיין צוטריטלעכע, לאָזן אַראָפּ פאַרשעמטע זייערע ליפּעלעך און גיבן אַרויס פון זיך אַ פּערפומען אַראָמאַט; די נעגעלעך, ווי האַרציקע יידישע מאַמעס מיט קופּקעוואַטע קעפּ, וויקלען אַרום זיך די קינדערלעך זייערע, מיט שלאַנקע גופימלעך און שיינע קעפּעלעך האַלטן זיי זיך ביי דער מאַמעס פאַרטוך און גייען מיט איר צוזאַמען אין בלומענטאָפּ־גלות. אין אַ שאָטנדיק ווינקל, באַ־האַלטענע פון אַ פרעמדן בליק, ליבן זיך צוגעטוליעטע איינס צום אַנדערן „אַמנון און תמר״, צאַרטע בלימעלעך מיט געפאַרבטע בעקעלעך וואָס בעטן זיך: „טשעפּעט אונדז נישט, לאָזט אונדז צורו.״ די כריזאַנטעמעס זיינען הייכע מיט געבויגענע פּלייצעס און געקרייזלטע קעפּ — זיי קומען אויף גאַנצע משפחות און אַזוי אויך שטאַרבן זיי אָפּ.

אויך די ירקות זיינען רייך אין פאַרבן און דערפרייען דאָס אויג: פּיאַלעטענע חצילים, יוסטע, בייכיקע, רויטע אויף ברייטע בלעטער ווי אויף ליגשטולן; געלע פעפערלעך טאַנצן אין אַ קאַראַהאָד אַרום זייער מאַמען, און טונקל־גרינע סאַלאַט קעפּ — אַלטע באָבעס — זיצן אויף דער גאָרטן־פּריזבע און וואַרעמען זייערע צעקנייטשטע גופים אויף דער זון. אין שכנות פון זיי, גראָבן זיך אין דער ערד טונקל־באָרדאָ בוריקעס, און ראָזעווע רעטעכלעך זיצן אויף די בייטן און וואַרטן מען זאָל זיי אַראָפּנעמען, כל־זמן די זאַפטן לעבן נאָך אין זיי.

די ביימער האָבן זיך צעוואַקסן — הייכע און ברייטע, מיט קעפּ באַקראַנצטע אין אַ געפלעכט פון צווייגן און בלעטער, דורך וועלכע די זון קאָן קוים אַדורכ־גליטשן אַ שטראַל און אים אַראָפּלאָזן אַ מידן אויף אַ בלעטל פון אַ צעעפנטער רויז.

מיטנטאָג, ווען די זון — אַן איבערגעקערטער טאָפּ מיט צעגליטן פייער — הענגט אינמיטן הימל און וואַרפט אַראָפּ אויף אונטן גליאיקע קוילן־שטראַלן, ווערט דער גאָרטן פאַרחלשט, ווי אָן לעבן. אָבער פאַרנאַכט, ווען די זון פאַרשווינדט,

צעיאָגן זיך אין א קרייז די וואַסער־וואַרפער וועלכע וואַרפן אַרויס פון זיך א קילן־מחיה׳דיקן שטראָם און מונטערן אויף דעם גאָרטן פון זיין חלשות.

*

יואל האָט ליב געקראָגן זיין גאָרטן און שטאָלצירט מיט אים: — זעט, האָט ער ליב צו ווייזן זיינע געסט דעם גאָרטן, דאָ איז געווען א מדבר. ווען דער זאַמד פלעגט ליגן א צעגליטער אונטער דער זון, האָט מען נישט געקאָנט קוקן אויף אים, אַזוי האָט ער פאַרבלענדט די אויגן. און איצט, אדרבה, קוקט אָן דעם גאָרטן מיינעם, זעט ווי שיין ער איז!

ער האָט אפילו געשאַפן א גאָרטן־פילאָזאָפיע: — א גאָרטן, זאָגט ער, איז ווי א קינד. אַז דו היטסט אים אָפּ, דערלאַנגסט אים צו דער צייט עסן און טרינקען, רייניקסט אים אַרום, וואַקסט ער, בליט און גיט פּרוכט. ער האָט אויך ליב צו באַווייזן זיך מיט זיין קענטשאַפט אין גערטנעריי און באַרימט זיך: — אַזאַ גאָרטן צו האָדעווען דאַרף מען וויסן ווי אַזוי!

מיטן אויפגיין און וואַקסן אין גאָרטן, וואַקסט אין אים די פרייד. ווי א קוואַליק וואַסערל ריזלט די פרייד טיף, טיף אין זיין האַרצן. אַזאַ טבע האָט זי די ערד ווען דו באַאַרבעטסט איר — קריגסט זי ליב פאַר איר דאַנקבאַרקייט.

*

שבת פאַרטאָג כאַפּט זיך יואל אויף פון שלאָף און נעמט זיך אָנטאָן.

— שלאָף יואל, ס׳איז נאָך זייער פרי, בעט זיך מרים ביי איר מאַן.

— איך מוז גיין אין גאָרטן, ענטפערט ער רייבנדיק די פאַרשלאָפענע אויגן. באַלד טאַקע איז ער שוין אונטן, אין גאָרטן, א געבויגענער ביים אויס־רייסן די ווילדגראָזן, ביים צעשפּרייטן מיט די פינגער דאָס מיסט, באַוואַסערן די ביימער, אָדער גאָר, ביים אויפגראָבן די ערד כדי די וואָרצלען זאָלן האָבן מער לופט.

ער באַמערקט נישט ווי אַזוי דער זייגער רוקט זיך פאָראויס, די שעה׳ן גייען אַוועק. דער שווייס רינט אים איבערן קערפּער, בייסט אין די אויגן. די ברילן זיינע גליטשן זיך אים אַראָפּ ווען ער בייגט איין זיין הייכן בייניקן קערפּער. אויך די פליגן בייסן זשלידנע, אָבער ער פילט זיי נישט זייענדיק אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט. דער רוקן טוט וויי, די פינגער זיינען געוואָרן שוואַרץ און פאַרגרעבט, נאָר דער מוח און די נערוון זיינען אויסגערוט און אָנטשפּאַנט פון א גאַנצער וואָך אָנגעשטרענגטער ביוראָ־אַרבעט.

— יואל! יואל! רופט מרים דורכן אָפענעם פענצטער, — קום אַרויף עסן! די קינדער וואַרטן מיטן פרישטיק.

ער ענטפערט נישט, איז אפילו בייז וואס זי שטערט אים פונקט דעמאלט ווען ער באטראכט א קראנק צווייגל פון א בוים און שלאגט זיך מיט דער דעה — צי ער זאל דאס לאזן וואקסן, אדער גאר אראפשניידן. און אז זי רופט אים א צווייטן מאל, ענטפערט ער צוריק:

— עסט אליין! איך האב איצט נישט קיין צייט!

ערשט ארום אזייגער צוועלף, ווען די זון צעגליט זיך, בריט אנרחמנותדיק און דער שווייס ווערט אפגעזעצט אויפן לייב מיט שטיקלעך זאלץ, קומט ער אריין אין שטוב, באדט זיך אפ אונטערן קאלטן דוש, און זעצט זיך א צופרידענער צום טיש עסן פרישטיק.

★

אין א פארנאכט, ווען די שקיעה שטראלן פון דער זון גליען ראז אויף די וואלקנדלעך וואס בלאנדזשען ארום איינזאמע אינעם בלויען הימל, שטייען יואל און מרים אויפן באלקאן פון זייער הויז און באטראכטן דעם צעבליטן גארטן און די קינדערלעך וועלכע שפילן זיך אויפן גראז.

ווי מען מאכט פלאטערן א טשאטע טויבן מיטן עפענען זייער טויבנשלאק, אזוי עפענען ביידע אויף אין זייערע געדאנקען די זכרונות פון דער גאר נאענטער פארגאנגענהייט, טראגן זיך אריבער צו די שווערע איבערלעבטע מלחמה־יארן, צו זייער לאנגן וואנדער־וועג פונעם ברענענדיקן ווארשע ארויס, ביז צו די טיפענישן פון רוסלאנד, וואו זיי האבן זיך ארומגעוואלגערט הונגעריקע און היימלאזע.

מרים טוליעט זיך צו איר מאנס ברייטער שטארקער פלייצע, קושט אים אין ברוין־אפגעברענטן האלדז און מורמלט צו אים:

— מיין ליבינקער! איך בין אזוי גליקלעך, אזוי גליקלעך! זאל כאטש אונדזער גליק נישט פארשטערט ווערן!

גרויס איז אין דעם מאמענט יואלס פרייד און גליק. ער פילט דאס פולע גליק פון זיין פאמיליע־לעבן, פון האבן אזא ווייב ווי זיין מרים איז — א גוטע און הארציקע, א געזונטע און פריילעכע; פון האבן אזעלכע שטילע, איידעלע און גוט־דערצויגענע קינדער ווי ער האט, און אויך דאס גליק פון אנזעטיקן דאס אויג מיט דער שיינקייט פון זיין גארטן — מיט דעם אייביקן וואונדער פון געבורט, פארוועלקן און ווידערגעבורט אין דער נאטור.

דוד ראַדין

לידער

ביי די וועגן

שטייען ביימער —
אלטע ביימער
ביי די וועגן.

שפרייטן שאטנס —
טיפע שאטנס
אויף די וועגן.

שווייגן ביימער,
שטומען שאטנס
אויף די וועגן.

הענגען צווייגן,
שווייגן צווייגן
איבער וועגן.

איבער צווייגן —
הימל בלוי.
שטייען ביימער אט אזוי:

שטומען, שווייגן,
בייגן צווייגן
איבער וועגן.

צווישן ביימער — איינער — איך.
שטיל ווי ביימער
אזוי בין איך.

איך בין איינער
צווישן ביימער
ביי די וועגן,

ליגט מיין שאטן
צווישן שאטנס
אויף די וועגן.

ביימער שווייגן,
בייגן צווייגן
איבער וועגן,

איך — ווי צווייגן —
שטיי געבויגן
ביי די וועגן

און בענטש גאטס וועלט;
און בענטש דאס קינד;
און בענטש דעם מארגן.

חיפּה

דער ווייסער הירש

אין שניי און אין זון
אין ווינטער־פֿרימאָרגן,
ליגט וואונדער באהאלטן,
ליגט כשוף פאַרבאָרגן.

אין ווייס־ווייטן טאָל
זיך כשוֹפט אַ מעשה:
דאָרט שפּרינגט איצט און טאַנצט
אַ הירש גאָר אַ ווייסער.

אַט נעמט ער אין טאַנץ
אין לופטן באַלד שוועבן,
און הייבט אָן אין לופטן
אַ לייטער צו וועבן;

פון פראָסט און פון שטראַל
אַ לייטער צו וועבן,
און ס'הייבט אָן אין טאַנץ
אויך לייטער צו שוועבן.

צי האָט ווער אין ערגעץ
געהערט אַזאַ פאַל —
צו וועבן אַ לייטער
פון פראָסט און פון שטראַל?

צי האָט ווער אין טרוים,
אין פאַרכשופטן גלאַנץ,
געזען אַז לייטער
זאָל שוועבן אין טאַנץ?

דער טאָל איז אַ ווייטער,
דער טאָל איז אַ ברייטער —
פאַרשווינדט אין דער ווייט
דער הירש מיטן לייטער.

*



וואַן־דען־בערג: „ד ג ו ן"

די טעטיקייט
פון יידישן שרייבער־פאראיין אין חיפה

ביי דער געלעגנהייט, ווען מיר גיבן ארויס דעם ערשטן יארבוך אונדזערן, ווילן מיר ברענגען פאר די לייענער א קורצן, ממש סטענאגראפישן באריכט וועגן דער טעטיקייט פון דעם יידישן ליטעראטן־און זשורנאליסטן־פאראיין אין חיפה.

דערביי דארף מען צוגעבן, אז מיר האבן נישט באקומען קיין שום פינאנציעלע אונטערשטיצונג, נישט פון יידישן שרייבער־פאראיין אין ישראל, פון וועלכן מיר זיינען אן אפיציעלע אפטיילונג, און נישט פון אנדערע קוועלן. אלץ וואס מיר האבן געטאן און דערגרייכט איז נאר א דאנק דער אייגענער איניציאטיוו און מסירת־נפשדיקער אידעאליסטישער ארבעט.

עפנטלעכע ליטעראריש אוונטן:

איין אוונט צום דערשיינען פון לוי פאפיערניקאָווס בוך „אין דער נייער היים", אין גרויסן הסתדרות זאל אין קרית־חיים. אויך האט ח' מרדכי קראָשניץ זיך באטייליקט מיט אן אפשאצונג וועגן בוך, אויף דעם אוונט אין לאקאל פון שרייבער־פאראיין אין תל־אביב.

איין אוונט אין זאל פון „ביתנו" אין חיפה, געווידמעט דעם 60 יאריקן יובל פון שרייבער, פובליציסט און קולטור־טוער, ח' לייב חיין־שמעוני.

פינף אוונטן צום דערשיינען פון רבקה קוויאַטקאָווסקיס ביכער „העגט" און „נשים מאחורי הגדר": אין קרית־חיים, קרית־עמל, קרית־טבעון, קרית־ים, קרית־מוצקין, און אן אוונט אין לאקאל פון שרייבער־פאראיין אין תל־אביב, מיט דער באטייליקונג פון מ. קראָשניץ, ל. חיין־שמעוני און גראנאטשטיין.

אכט אוונטן אויף דער טעמע: „יידיש לעבן אין אמעריקע" (אין וואָרט און שריפט), צום צוריקקער פון ח' מרדכי קראָשניץ פון זיין באזוך אין די פ. שטאטן פון אמעריקע: אין קרית־חיים, קרית־ים, אחוזה, נשר, פענסיאנערן קלוב אין חיפה, קרית־מוצקין, קרית־בנימין און פראנץ־קורסקי ביבליאטעק, אין די ראמען פון חודש פארן יידישן בוך אין חיפה.

דריי אוונטן צום דערשיינען פון דוד ראָדינס בוך „הסמל מאיר לעווין" און זיין ווערן א בן־שבעים: אין קרית־חיים, קרית־ים און קרית מוצקין.

איין אוונט אין קרית־חיים צום דערשיינען פון ל. חיין־שמעוניס בוך „גאנג".

איין אוונט אין קרית־חיים צום דערשיינען פון לוי פאַפיערניקאָווס ראמאן „די משפחה יעלניק".

די טעטיקייט פון יידישן שרייבער־פאראיין אין חיפה

איין אוונט אין קרית־חיים געווידמעט דעם חורבן, אומקום און גבורה.

איין צוזאמענטרעף מיט די לייענער פון דער פראנץ־קורסקי ביבליאטעק אין חיפה.

מיטבאטייליקונג אין יעדע אזכרות צום אנדענק פון דוד פינסקי, ז״ל אין זאל פון „ביתנו״, צוזאמען מיטן העברעאישן שרייבער־פאראיין אין חיפה, חיפהער שטאט־ראט און ארבעטער־ראט.

שעפערישע אוונטן:

יעדע 2 וואכן — שבת צו נאכטס — קומען ביי אונדז פאר שעפערישע אוונטן. אויף די אוונטן לייענען חברים פון זייערע נייע שאפונגען, מען זאגט זיך ארויס וועגן דאס געלייענטע, עס אנטוויקלען זיך שמועסן וועגן פארשיידענע פראבלעמען פון אונדזער קולטור — געזעלשאפטלעכן לעבן.

אויך ווערן אויסגעהערט רעפעראטן אויף פארשיידענע טעמען. פאר דער לעצטער צייט זיינען אויסגעהערט געווארן רעפעראטן אויף די טעמען:

מרדכי קראַשניץ — „יידיש קולטור־לעבן אין אמעריקע״.

לייב חיין־שמעוני — „ארנאלד צווייג אין ארץ־ישראל״;

וואלף גאַמערמאַן — „די מאדערנע פראנצויזישע פילאזאפיע״;

נאַטאַן מאַרק — „100 יאר מאָריס ראזענפעלד״;

מ. קראַשניץ און רבקה קוויאַטקאָווסקי — „חורבן, אומקום און גבורה״;

ל. חיין־שמעוני — „חיים הזז און זיין שעפערישער וועג״;

נאַטאַן מאַרק — „אליעזר שטיינבאַרג און זיין שאפן״;

אויך האבן מיר איינגעארדנט פייערלעכע מסיבות לכבוד חברים צום דערשיינען פון זייערע ביכער.

מיר זיינען מקיים די אלטע יידישע מידה פון „הכנסת אורחים״ און נעמען אויף מיט ליבשאפט און הארציקייט יידישע שרייבער און קולטור־טוער מחוץ חיפה. ביז איצט האבן מיר איינגעארדנט מסיבות לכבוד:

דעם דיכטער מעינקע קאַץ פון ניו־יארק;

די דיכטערין אסתר שומיאטשער־הירשביין פון לאָס־אנדזשעלעס;

די דיכטערין רבקה קאָפע פון פאריז;

דעם דיכטער י. מאַלאַמוט פון לאָס־אנדזשעלעס;

דעם שרייבער משה וויסמאַן פון לאָס־אנדזשעלעס;

דעם פאלקלאריסט און שרייבער אפרים דאַווידזאָן פון רמת־גן;

דעם פובליציסט רעד. י. אַרטוסקי פון תל־אביב;

חיפה

דעם קולטור־טוער ב. סוראַסקי פון לאָס־אַנדזשעלעס;

דעם דיכטער מאיר זימל טקאַטש פון ניו־יאָרק;

דעם שרייבער יחזקאל קאָרנהענדלער פון פאַריז;

דעם שרייבער, פובליציסט און ארבעטער פירער אבא גאָרדין פון תל־אביב;

צוזאַמענטרעפן מיט די שרייבער א. ליס, גבריאל ווייסמאַן און אליעזר קאַליר. ווי אויך א צוזאמענטרעף מיט דער בארימטער בינע־קינסטלערין בעלאַ בעלערינאַ פון ניו־יאַרק.

צום יאָרצייט פון דוד פינסקי, ז״ל האבן מיר געלייגט א קראַנץ־בלומען אויף זיין מצבה אין נאמען פון די יידישע שרייבער אין חיפה;

צו אלע פארגעקומענע ליטעראַרישע אוונטן האבן מיר ארויסגעגעבן גרויסע און שיינע פלאַקאַטן איןביידע שפּראַכן. אויך 2 שותּפותע פלאַקאַטן צו פינסקיס ערשטן און צווייטן יאָרצייט; 4 געדרוקטע איינלאַדונגען און א פּאָר צענדליק סטענסיל איינלאַדונגען.

מיט אונדזער איניציאַטיוו און מיטהילף איז געשאַפן געוואָרן ביי דער קולטור אָפּטיילונג פון חיפהער ארבעטער־ראַט דער יידישער לייען־קרייז אויפן נאָמען פון ד. פינסקי און ה. לייוויק.

עס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן צענדליקער פאַרוואַלטונגס זיצונגען. מיר זיינען אויך פאָרטראַטן אין דער פאַרוואַלטונג פון שרייבער־פאַראיין אין תל־אביב.

★

די טעטיקייט פון דער קליינער יידישער שרייבער־משפחה אין חיפה באַווייזט, אז מיט ווילן, איניציאַטיוו און ארגאַניזאַציע, קאָן מען געפינען פריינד און פאַרבינדעטע, קאָן מען געפינען א וועג פון צוזאַמענאַרבעט מיט גרויסע געזעלשאַפטלעכע כחות אין ישראל, קאָן מען אויפטאָן זייער פיל פאַר הייבן די חשיבות פון דער יידישער שפּראַך און פונעם געדרוקטן יידישן וואָרט.

אינהאַלט:

פון רעדאַקציע		5
מאַרק שאַגאַל	דעדיקאַציע (צייכנונג)	6
לייב חיין־שמעוני	די משפחה „צוואַנציקער"	7—26
מרדכי קראַשניץ	חיפה'ער יידישע שרייבער	27—47
שלמה איצקאָוויטש	רושמיה־בריק (בילד)	48
רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק	אין זיכערע הענט	49—66
דוד ראַדין	פון קליינעם שטעטל (לידער)	67—79
יהושע גראָסבאַרד	אַ געסל אין וואַדי־סאַליב (בילד)	80
לוי פּאַפּיערניקאָוו	ער וועט זיכער אַהינקומען	81—91
שמואל לאַם	דער מידער פידלער (בילד)	92
וואָלף גאַמערמאַן	שטרעמונגען אין דער מאָדערנער פראַנצויזישער פילאָזאָפיע	93—102
חיים וואַטשין	שלמהלע פּאַרטיזאַן	103—117
שמואל לאַם	אַ געסל אין אַלט־חיפה (בילד)	118
שמחה האַמבורג	נביאים־גייסט ביי טאָלסטאָי און קראָפּאָטקין	119—121
נאַטאַן מאַרק (אבי אביר ציון)	דער אַפּטער	122—126
מרדכי שטיינבערג	דערוואַכונג	127—135
משה ביק	די יידישע מוזיק, איר רענעסאַנס און אויפשטייג	136—140
יוסף סאָקולער ז"ל	ירושה (לידער)	141—150
נאַטאַן מאַרק (אבי־אביר־ציון)	לויטן אַלטן קוואַל	151
לוי פּאַפּיערניקאָוו	זיין גרויסער סוד	152—156
מרדכי קראַשניץ	מיניאַטורן און בילדער	157—164
דוד ראַדין	לידער	165—166
וואַן־דען־בערג	„דגון" (בילד)	167
	די טעטיקייט פון יידישן שרייבער־פאַראיין אין חיפה	168—170

באמערקונג:

יעדער מחבר טראָגט די פולע אחריות פאַר זיינע אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען.

געזעצט אין דפוס „מוצקין", ק. מוצקין. — געדרוקט אין „המדפיס החדש", חיפה.